


שנתון ארגוני הלובלינאים בישראל ובחו״ל ✶ יערלעכע אויסגאַבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות

מס׳ 14 ● חשון־כסלו תש״ם ● תל־אביב ● נאָוועמבער 1979 ● נומער 14

## התוכן ● אינהאַלט

מאמר ראשי — לייט־ארטיקל/ד.ש. (ז׳ 2) ☆ שירה של ״אנה פרנק ממיידאנק״ (2) ☆ לאָמיר אויפשטעלן קרית לובלין אין מדינת ישראל (3) ☆ חזרה הביתה / הרב מרדכי מלאכי (4) ☆ דאָס קהל־הויז אין לובלין אין 17טן י״ה / יצחק באשעוויס־זינגער (5) ☆ גאסן און מענטשן אין אמאָליקן לובלין / זעליג וואסערשטרום (7) ☆ רעדע פון הרב שפּיראָ בעת דער דערעפענונג פון ישיבת חכמי לובלין / דאָקומענט/ (9) ☆ ״דעם רבינס קינדער״ / סעם ברייטער (10) ☆ דער שטארקסטער צווישן די שטארקסטע / דוד איידלמאַן (13) ☆ די פארשניטענע היימשטאָט / יוסף אכטמאַן (15) ☆ זכרונות פון דער אָקופּירטער פראנקרייך / מענדל לעווינבוים ז״ל (15) ☆ די פּטירה פון מיין פאָטער משהלע אייזענבערג אין געטאָ / ישראל אייזענבערג (17) ☆ חורבן לובלין / משה זילבערבערג (19) ☆ די ליקווידאציע פון יידישן יתומים־הויז / נח גריס (21) ☆ אין דער באפרייטער לובלין / שלמה גייזלער (22) ☆ יידן־מאָרד אין לובלין אויך נאָך דער באפרייונג / שלמה שטאָקפיש (23) ☆ זיי האָבן געוואָלט דערגאנצן היטלערס מאָרד־מלאכה / אברהם וואלדהאָלץ (23) ☆ צוריק א היים / הרב מרדכי מלאכי (24) ☆ א מעשה מיט צוויי ירושות / דוד שטאָקפיש (25) ☆ מהי הדרך להפעיל את הנוער לפעולות הנצחה? / מתתיהו הורן (26) ☆ טרויעריקע געדאנקען וועגן דער צוקונפט פון די לאנדסמאנשאפטן / אפרים איינשטיין (26) ☆ לובלינער גרוסן פון פראנקרייך / משה זאלצמאן (30) ☆ באריכטן פון ארגענטינע / קאָפּל מיזשעריצקי (32) ☆ בריוו פון שלמה זינשיין, זעליג וואסערשטרום און קאראָל געצמאן־יאוואָרסקי (33) ☆ דער ארגון יוצאי לובלין אין ישראל (34) ☆ מסיבה לכבוד משה קאָרן (35) ☆ פארטיילונג פון אלתר זאָבערמאַן פרעמיע (37) ☆ ״געווען א מאָל א יידיש לובלין״ פון דוד איידלמאן / עובדיה פעלד (39) ☆ רשימה פון שפענדונגען (40) ☆ לזכר הנפטרים (41) ☆ לאָמיר זיי דערמאָנען (45). ☆ א בריוו פון סאן־פאולאָן / לאָזער גאָלדבוים



ילדי כיתה י״א של בי״ס תיכון ע״ש ליאו בק בחיפה, שאימץ את קהילת לובלין, השתתפו באזכרה לקדושי לובלין, בהדרכת המורה רות ליפה.

קינדער פון 11טן קלאס פון דער גימנאזיע א. נ. פון לעאָ בעק אין חיפה וועלכע האָט אדאפטירט די לובלינער קהילה, האָבן זיך באטייליקט אין דער אזכרה נאָך די קדושים פון לובלין, אונטער דער אָנפירונג פון דער לערערין רות ליפע.

teatrnn.pl

* * *

עברה שנה מהופעת "קול לובלין" מס' 13 — ושוב אנו נפגשים מעל דפי החוברת מס' 14 עם מובחר מגוון של סיפורים, זכרונות, תמונות ודיווחים על לובלין היהודית שהיתה; על העיר בכליונה ושחרורה ועל יוצאי עירנו בארץ ובתפוצות, הממשיכים במפעלי הנצחה, בעזרה הדדית, בפעולות חברה ותרבות ובתמיכה במדינת ישראל. אמנם מתדלדלות השורות ומספר ניכר של פעילים בישראל ובחו"ל הלכו לעולמם, אבל אלה שנשארו וזכרונה של לובלין היהודית עוד יקרה להם — מוכנים להמשיך במלאכת הקודש.

השנה הצטרף אלינו הרב מרדכי מלאכי (ממשפחת אנגלנדר בלובלין) ביוזמה מבורכת להנצחת לובלין היהודית ע"י הקמת בארץ קרית מגורים ע"י "נחלת לובלין". ועד ארגון יוצאי לובלין בישראל החליט לתמוך בתוכנית ולהגיש לרב מלאכי את כל עזרה הדרושה. הצלחת היוזמה תלויה במידת ההתעניינות, ההזדהות והביצוע של יוצאי עירנו בארצות הגולה ובארצנו.

יחד עם הפרוייקט הנ"ל, ברצוננו להגשים עוד כמה תוכניות מצומצמות, עליהן כתבנו במכתב־חוזר (יחד עם ברכת "שנה טובה" ל־150 לובלינאים בתפוצות. אנו רוצים לקוות, שתהיה היענות חיובית ועזרה ממשית להנצחת "בית אבא" במדינת ישראל.

ד.ש.

* * *

ס'איז פאָריבער א יאָר פונעם דערשיינען פון נומער 13 "לובלינער שטימע" — און מיר טרעפן זיך ווידער אויף די 48 זייטן פון אודזער אויסגאבע, נומ' 14, מיט אן אָפקלייב פון דערציילונגען, זכרונות, בילדער און באריכטן פון דער אמאָליקער יידישער לובלין; איר חורבן און באפרייונג; באריכטן פון אונדזערע לאנדסלייט אין ישראל און אין די תפוצות, וואָס זעצן פאָר די טעטיקייט אויפן געביט פון פאַרייביקונג, קעגנזייטיקע הילף, געזעלשאפטלעכע און קולטורעלע אקטיוויטעטן און שטיצע פאר מדינת ישראל. די רייען ווערן טאקע שיטערער און א באדייטנדיקע צאָל טוערס זענען אוועק אויפן עולם האמת, אָבער די וואָס זענען געבליבן און דער אָנדענק פון דער אלטער היים איז זיי טייער — זענען גרייט ווייטער אָנצוגיין מיט דער הייליקער ארבעט.

הייי־יאָר איז צו אונדז צוגעשטאנען הרב מרדכי מלאכי (פון דער היים — ענגלענדער פון לובלין) מיט דער געבענטשטער איניציאטיוו צו פאַרייביקן די יידישע לובלין מיט אויפשטעלן אין לאנד א וווין־קווארטאל א. נ. "נחלת לובלין". אונדזער קאָמיטעט האָט באשלאָסן צו שטיצן דעם פלאן.

דער דערפאָלג איז אָפהענגיק פון דער מאָס אינטערעס, אידענטיפיצירונג און פאַרווירקלעכונג פון דעם געדאנק מצד אונדזערע לאנדסלייט אין דער דיאספאָרא און אין ישראל.

באזאמען מיטן דערמאָנטן פראָיעקט, ווילן מיר אויך רעאליזירן אייניקע פלענער, וועגן וועלכע מיר האַבן געשריבן אינעם בריוו־צירקולאר (צוזאמען מיט שנה טובה־ווינטשן) צו 150 לובלינער יידן אין די תפוצות. מיר ווילן האָפן, אז דער אָפרוף וועט זיין א גינסטיקער, באגלייט מיט ממשותדיקער הילף צו פאַרייביקן דעם "טאטנס היים" אין מדינת ישראל.

ד.ש.

* *

# שירה של „אנה פרנק ממיידנק" נהפך למשא קיטרוג, איום נגד פושעי מלחמה נאציים

**35 שנה שמרה נחמה פרנקל, חברת קיבוץ משואות־יצחק, שיר שכתבה ערב מותה ילדה בת 12 במחנה ההשמדה מיידנק. בשבוע שעבר, כשקרא אותו השופט ב־תרגומו הגרמני, נהפך השיר לעדות במשפט מיידנק.**

נחמה פרנקל הוחזרה בחורף 1944 מאושוויץ למיידנק, זמן קצר אחרי ה־3 בנובמבר, יום שבו נרצחו במחנה 21 אלף יהודים, שהובאו מלובלין. „צרפו אותי לקבוצה של בחורות, כ־300 במספר, שנותרו במחנה. הביאו אותנו לצריף גדול. על הריצפה היו מונחים שקים מלאי שער, ערימות גרביים, בובות, בגדים שחלקם היו מוכתמים בדם, וערימות ענקיות של נעלים. נאלצנו לברור את החפצים ולערוך אותם בערימות של נעלי גברים, נעלי נשים, נעלי ילדים.

„היו שם נעליים מכל הסוגים. נעליים חדשות ובלויות. נעלים יקרות וזולות, גדולות וקטנות. זה היה נורא. כמו בתוך קבר. נגענו בשערות, ליטפנו בובות, היינו בעולם אחר. הרגשנו שהאדמה עולה ויורדת.״ עמנו היתה ילדה בת 12. מוכשרת מאד. כשחזרנו לבלוק, היא ישבה וכתבה שיר על נעליים מתות. בערב ערכנו ,מסיבת סרידה'. היה ברור ששלחו אותנו ל־כיוות. הן ראו וידעו יותר מדי. הילדה קראה את השיר במסיבה. זה היה מזעזע. למדתי אותו בעל־פה. בבוקר לקחו אותן לאושוויץ.

„רציתי ללכת איתן, ולא נתנו. אני לא שכחתי את השיר. חרטתי אותו על לוח ליבי, שיננתי אותו יום יום, עד לשיחרור. אמרתי לעצמי, שאם אשאר בחיים, אספר לכולם עליו. אספר על נעלי המתים". מספרת נחמה פרנקל.

„שיממון מרחב / סביב מוקף /
קורי עכביש של תיל / שם נערמות
הנעליים. /

נעלי תינוקות / נעליים גבוהות /
של נערים ונערות / הערימות
בוערות / בעיניים שחורות. /

יוקדות נעלים מכל סוג/ מעור
רך וענוג / גבוהות עקב, צרות
גיזרה / מגף של רוכב, מקושטי
פרווה / רוחשות בשפה טמירה. /

גשם דולף, כדמעות מטפטף /
עליהם בלאט / או חמה במרום /
יוקדת חום / באש להט. / והנה
הידיים, רוטטות ומחטטות. /
הנה הידיים רועדות ונוברות /
למיין, למיין הערימות. /

הר ענק מתרומם / ללא גבול
מתעצם / וצומח ותופח / מתגבה,
מתנפח / שערי שחקים נוגח /

כמהלומה / כמהאה עצומה /
מעל ומעבר / תפרוץ זעקת שבר : /
בשל מה, בשל מה / בשל מה ? /

(השיר נכתב פולנית ותורגם לעברית בידי רחל דוחן, קיבוץ משואות־יצחק).

„מעריב"

# לאָמיר אויפשטעלן "קרית לובלין" אין מדינת ישראל

ווענדונג פון איניציאַטיוו-קאָמיטעט אויפ־צושטעלן א לובלינער ווױן-קוואַרטאַל אין דער יידישער מדינה.

דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל האָט גינסטיק אויפגענומען די איניציאַטיוו פון עטלעכע בני-עיר אויפצובויען אין צענטער פון לאַנד, נאָענט צו ירושלים, א ווױן-קוואַרטאַל וואָס וועט טראָגן דעם נאָמען "קרית לובלין" — לזכר אונדזער עיר ואם בישראל, די יידישע לובלין.

פון די ערשטע געשפּרעכן מיט די פאָרשטייער פון דער סוכנות און רעגירונג איז צו זען, אז די באַרופענע אינסטאַנצן באַציען זיך גינסטיק צו דעם פּראָיעקט און זענען גרייט צוצוטיילן באָדן פאַר דעם צוועק. דער באַדינג צו געבן אַנטשפּרע־כיקן באָדן, איז אָפּהענגיק פון דער צאָל קאַנדידאַטן פון די תפוצות און פון ישראל, וואָס ווילן זיך באַזעצן אין קרית לובלין.

מיר פּלאַנירן, אז קרית לובלין זאָל אין דער ערשטער פאַזע באַווינט ווערן פון א 200 משפחות. יעדער משפחה וועט האָבן אַן אייגן הייזל מיט א גאָרטן. דער גאַנצער קוואַרטאַל וועט אויך האָבן אַלע נייטיקע איינריכטונגען און באַדינונגען, ווי: א האַנדלס-צענטער, מעדיצי־נישער פּונקט, קולטור-אינסטיטוציעס, ספּאָרט אאז"וו.

מיר ווילן אַנטקעגנקומען דעם ווילן פון א סך יידן פון לובלין (און פון אַנדערע שטעט), זיי זאָלן זיך אויסלעבן אין רואיקע, באַקוועמע באַדינגונג־ען, וואָס דאַרפן זיי פאַרגיטיקן פאַר די יאָרן פון ליידן און פּיין.

מיר גיבן זיך אָפּ א דין-וחשבון, וויפל מי און אָנשטרענג — פינאַנסיעלע, מאָראַלישע, אָרגאַני־זאַציאָנעלע און געזעלשאַפטלעכע — עס פאָדע־רט זיך, כדי רעאַליזירן אזא פּראָיעקט. דאָך זענען מיר גרייט צו נעמען אויף זיך דעם עול און די אחריות, כדי וואָס שנעלער דערגרייכן דעם ציל. אָבער דאָס אַלץ, חשובע לאַנדסלייט, איז אָפּהענגיק פון אייך.

**מיר לייגן פאָר: רופן ספּעציעלע פאַרזאַמלונגען פון לובלינער יידן און אומגעגנט, אויף וועלכע מ'זאָל אויסווײלן די געהעריקע מענטשן אין די איניציאַטיוו-קאָמיטעטן אויף די ערטער, וואָס דאַרפן פירן די נייטיקע אויפקלערונג פאַר דעם ענין.**

**יעדער קאַנדידאַט צו באַזעצן זיך אין קרית לובלין דאַרף אונטערשרייבן א דעקלאַראַציע אז ער וועט עולה זיין קיין ישראל און איינצאָלן 500 דאָלאַר אַן אַדערויף. נאָכן באַקומען די געהעריקע צאָל דעקלאַראַציעס, וועלן מיר פאַרשטאַרקן אונדזער טעטיקייט מיט דער האָפענונג און גלויבן, אז קרית לובלין אין מדינת ישראל וועט ווערן א פאַקט.**

מיר וואַרטן אויף אייער אָפּרוף. זאָרגט דערפאַר, אז די ווענדונג זאָל ווערן אָפּגעדרוקט אין די אָרטיקע צייטונגען.

פאַרן איניציאַטיוו-קאָמיטעט:
הרב מרדכי מלאכי, יחיאל גראַנאַטשטיין, ישראל אייז־ענבערג (לאָס-אַנזשעלעס), משה קאָרן (טאַשעמקא), עובדיה פעלד, יוסף ראַב־מאַן, מתתיהו האָרן און דוד שטאָקפיש.

אַדרעס פאַר בריוו און געלט:
הרב מרדכי מלאכי, תל-אביב, רח' הס 7 —

Rabbi M. MALACHI, Tel-Aviv, Hess Str. 7
ISRAEL

## די יערלעכע אזכרה נאָך די קדושים פון לובלין

**אין 37סטן יאָרטאָג פון ליקווידירן דאָס געטאָ דורך די דייטשע רוצחים און זייערע העלפערס**

וועט פאַרקומען דאָנערשטיק, דעם 22סטן נאָוועמבער 1979, (ו' כסלו תש"ם), א זייגער 7 אוונט, אין בית העמלין אין תל־אביב, רחוב ווייצמאַן 30 (כיכר המדינה). דער זאַל וועט זיין אָפן פון 6 אוונט.

אין פּראָגראַם:

דערעפענונג – **דוד שטאָקפיש** * אָנצינדן זעקס ליכט * "אל מלא רחמים" און "קדיש" – חזן **יעקב סאַמעק** * יזכור – אויסגעפירט דורך די שילערס פון 12טן קלאַס פון דער גימנאַזיע א. נ. פון לעא בעק אין חיפה, וועלכע האָט אַדאָפּטירט די יידישע קהילה אין לובלין * צום אָנדענק פון די פאַרשטאָרבענע – **מתתיהו האָרן** * ווי אַזוי פאַרייביקן די יידישע לובלין? – פאָרטראָג פון הרב **מרדכי מלאכי.**

די אזכרה ביים דענקמאָל נאָך די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק אין נחלת יצחק, וועט פאַרקומען אין טאָג פון אומקום און גבורה – 13 אַפּריל 1980 (כ"ז ניסן תש"ם).

# חזרה הביתה

הרב מרדכי מלאכי / תל-אביב

יום לוהט, אחד מימי הקיץ התל־אביביים.

היום שבעה עשר בתמוז, יום בו גלינו מבית הבחירה, נגזרה הגזירה המרה, חשך בעדנו עולמנו, נשרפה התורה, האוייב שלף חרבו עלינו כדי לטבוח אנשים, נשים וטף, מחולנו נהפך לשבר ונהי.

בחדר לובלין ברח' דיזנגוף בתל־אביב, שניים משארית הפליטה, **דוד שטוקפיש ומתתיהו הורן** פנו אלי ואמרו: הנה עבודתנו שהשקענו במקום זה למען לא תשכח עירנו לעולם, העיר לובלין, תמונות של רחובות, של בית הכנסת של המהרש"ל ועוד, הכל מתחת לזכוכית, בתאורת חשמל והכל בה ברור ומוחשי.

שכחתי כי אני ברחוב דיזנגוף בתל-אביב. בדמיוני ראיתי את עצמי בעיר מולדתי, הנה הרחובות, הדרכים והשבילים שדרכם הלכתי ל"חדר", לבית הספר, לבית המדרש, לישיבה, שם ביליתי ימי נעורי, שם גדלתי וחונכתי, עיני רואות את רחובותיה ואת בתיה של העיר, אנשי העמל היוצאים עם השחר מבתיהם לחפש טרף בשביל משפחותיהם הדלות. פי נפער לצעקה, אמא! אחי, אחיותי, חברי וידידי! נפשי חשקה לדבר עמהם וגל דמעות יורדות מעיני, מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה ואבכה יומם ולילה על חללי בת עמי, הוי!

יהודי לובלין העמלים, הישרים והטובים נפלו על לא עוול בכפם כדומן על פני השדה, כעמיר אחרי הקוצר ואין מאסף, המחכים למות ואיננו השמחים אלי גיל ישישו כי ימצאו קבר. (איוב).

על אלה אני בוכיה, עיני עיני ירדו מים, רחוק ממני מנחם, בתיה, רחובותיה ואנשי לובלין היו ואינם. חורבן, תאניה ואניה. תמונות אחדות בלבד נשארו לזכר, עיר של חכמים וסופרים, אנשי מעשה, גדולי תורה, צדקה וחסד, אנשי עמל — ואינם.

שני האנשים האלה, מר דוד שטוקפיש ומר מתתיהו הורן שומרים על הנכס, כל תמונה כל ספר שנדפס בלובלין, מסודר בכוננית, על מדפים, בטיפול, בשמירה מעולה. עבודתם — עבודת קודש.

הנני עומד ומסתכל בתמונות, כמו חלום יעוף. האמנם חלף הכל ואין עוד? איך היה יכול כדבר זה לקרות תחת השמש? שיקום פושע מטורף ויביא לרציחת מליוני בני אדם, חפים מפשע והעולם התרבותי יעמוד לו מרחוק וישתוק? האם זו מציאות או חלום בלהות? בדמיוני הנני שואל את עצמי, האם לאמא נולדתי, ואחים ואחיות היו לי, או שכל זה אינו אלא חלום? גם אני הלכתי יחד עם קרובי וידידי לכבשן המוות? וזה שאני חי הוא חלום? התעוררתי ממחשבותי ואמרתי לשני ידידי, אנשי לובלין — עם ישראל חי! לעולם יחיה! כל שונאינו לא יוכלו להשמידנו, כבר ביום חורבן ירושלים, אמר הנביא — עוד תפוצנה ערי מטוב ונחם השם את ציון, ניחם כל חורבותיה.

אם כן, את אחי אנכי מבקש, אתם יוצאי לובלין, אחי ואחיותי, בואו ונבנה יחד מחדש את בתינו בנחלת לובלין, על אדמתנו, בארצנו! בשארית שנותינו נהיה שכנים טובים, כמו שהיינו בעירנו לובלין, נשב בצוותא; בגינות נחלת לובלין המחודשת, ונספר לילדינו על עירנו לובלין שהיתה ואיננה עוד, נספר להם על אבותינו, משפחותינו, שידעו בנינו ונכדנו את מוצאם ואנו לעת זקנתנו נחדש את נעורינו כמקדם.

להנציח את עיר לובלין היהודית, שעל גבעותיה שוכנים גדולי הרוח של עם הנביאים. רבבות רבבות של בני עם הנצח נושאים בתוך לבם את תורתם של שוכני לובלין שהאירו באור בראשית את חשכת הגלות בפולין, ושמעו את קול אלקים מדבר מתוך האש, ממשרפות מאידאנק נשמע קול בני עקידה. הכסופים לגאולה באמונתם הטהורה שנצח ישראל לא ישקר ובחשכת הדממה שנותרה בגלות פולין, איש לא פוקד את קבריהם.

ההרים סביב לעיר הנצח, העיר שנבחרה ע"י בורא העולם למקום הקודש והשכינה שמשם עולים תפילות בני ישראל אל על מני קדם היא אבן שואבת לכל בר לב לכל בר רגש באמונת אלקי ישראל. על ההרים אלו נעפיל ושם נקבע משכנות שארית הפליטה. ושם נקבע מקום שוכני עפר קדושי עליון אבות האומה, נוציא אותם מהגלות האפילה, מאדמת טמא שעליה מסתובבים חיות טרף אנשי פשע, נביא את צדיקי עולם שבזכותם קיים עם ישראל, לאדמת ההרים שסובבים את בירת הנצח כעיר שחוברה לה יחדיו — ירושלים של מטה מול ירושלים של מעלה.

נתקדש בקדושת גאוני עולם במנוחתם כבוד, תחת שמי ארצנו אשר אליהם תהיינה נשואות עיני עם ישראל.

אחינו הלובלינאים! האשמדאי הנאצי בחר בארץ פולין האנטישמית לגיא ההריגה לעם ישראל שישב על אדמתה, היום היא מלאה עצמות אחינו היהודים.

שמעו נא את דברי הנביא יחזקאל שאמר: "והוצאתים מן העמים וקבצתים מן הארצות והביאותים אל אדמתם, ולא אשמיע אליך עוד כלמת הגויים וחרפת עמים לא תשאי עוד. וקבצתי אתכם על אדמתכם."

נושיט יד אחים איש לרעהו, בכוחות משותפים נבנה בתינו המחודשים ויקויים בנו הנבואה: כה אמר ה' אני פותח את קברותיהם והעליתי אתכם מקברותיכם והעליתי אתכם על אדמת ישראל. אכן כי כן, נביא את העצמות היבשות לארצנו.



**פרעזידיום פון יזכור־אָוונט אין תל־אביב, 21.11.78. פון רעכטס: משה וואסאָנג, מארעק אָרטמאן, אינזש' אברהם לאסקאָווסקי, משה קאָרן, דוד שטאָקפיש (רעדט), מתתיהו האָרן, משה זאלצמאן, צפורה דעסקאלאָ־וויסעלפיש, אפרים איינשטיין, מאקס הערץ־לענקעוויטש ז"ל, סובער פאכטשאש, ד"ר אלחנן האָרוויץ, לאה קוריס, לייבל מאנדעלבוים, שלמה שטאָקפיש.**

# דאָס קהל־הויז אין לובלין אין 17טן יאָרהונדערט / יצחק באשעוויס־זינגער

**פראגמענט פונעם בוך „דער קנעכט" פון נאָבעל־פרייז טרעגער יצחק באשעוויס־זינגער**

**דאָס קהל־הויז** אין לובלין איז געפּאקט. ווי ס'האָט זיך איצט נישט פאַרזאַמלט דער ועד אַרבע אַרצות, נאָר בלויז דער ועד פון מדינת פוילן, זײַנען אַלע שטובן געווען פול. ס'האָט דאָ געשוויבלט און געגריבלט מיט עגונות וואָס זוכן אַ היתר חתונה צו האָבן; מיט געשמדטע ווײַבער וואָס זײַנען אַנטלאָפן פון זייערע באַצווינגערס, די קאָזאַקן אָדער די טאָטערן, און זיך אומגעקערט צו ייִדישקייט; מיט אַלמנות וואָס דאַרפן נעמען חליצה, נאָר די שוואָגערס זײַנען נישט וויליק אָדער פאַרלאַנגען אַ צו־הויכע באַלוינונג, ווי אויך מיט מאַנסלײַט וואָס זוכן אַ היתר ממאה רבנים, אַ הסכמה אויף אַ חיבור, אַ שידוך פאַר אַ טאָכטער, עדות פון אַ צוואה, אַ שותף צו אַ פּאַכט, אָדער וואָס ס'פאַלט עמעצן אײַן. דאָס לובלינער קהל־הויז איז אַ צונויפטרעף סײַ פאַר ייִדישקייט, סײַ פאַר האַנדל. סוחרים האָבן געבראַכט אַהער פּרוּוולעך סחורה, אַלערליי מוסטערן. גאָלדשמידן און יוּווילערן האָבן געוויזן אויסאַרבעטונגען אין גאָלד און אין איידלשטיינער. מחברים האָבן דאָ געקליבן פּרענומעראַנטן, זיך באַגעגנט מיט דרוקערס און פּאַפּיר־סוחרים. וווּכערער האָבן דאָ זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט יענע וואָס לײַען אויף מסחרים אָדער אויף צו בויען הײַזער. הויף־ייִדן האָבן געבראַכט אַהער אַרטיקלען וואָס די פּריצים האָבן געוואָלט פאַרקויפן אָדער פאַרזעצן. איין הויף־ייִד האָט געוויזן אַן עלפאַנטביינערן הענטל אויסגעזעצט מיט רובינען, און אַן אַנדערער — אַ זילבערנעם פּיסטויל געפּאַסט אין פּערלמוטער און באַזעצט מיט בריליאַנטן; איינער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ גילדערנעם קאָם און גילדערנע האָרנאָדלען פון אַ פאַראָרעמטער פּריצה, און אַ צווייטער האָט געזוכט אַ קונה אויף אַ וואַלד מיט דיקע דעמבעס, נישט ווײַט פון טייך בוג, פון וואַנען מ'קאָן די פּליטעס טרײַבן צו דער ווײַסל און פון דאָרט קיין דאַנציג. די שחיטות און גזירות האָבן נישט געקאָנט אָרויסרײַסן דעם מסחר פון ייִדישע הענט. ייִדן האָבן געהאַנדלט אַפילו מיט באַצירונגען פאַר קירכן און יויזלען, ווי ווויל דאָס איז פאַרבאָטן. ייִדישע אימפּאָרטערן האָבן באַצויגן פון פרײַסן, בעמען, עסטרײַך, איטאַליע — זײַדנס, סאַמעט, געווער, צירונג, ווײַן, קאַווע, געווירצן און אַרויסגעפּירט זאַלץ, אייל, פלאַקס, פעל, פּוטער, אייער, קאָרן, ווייץ, גערשטן, האָניק. נישט דער פּריץ און נישט דער פּויער האָבן געוווּסט פון געשעפט. די פּוילישע צעכן האָבן געהאַט אַלערליי פּריווילעגיעס, אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט קאָנקורירן מיט די ייִדישע בעל־מלאכהס וואָס האָבן אַלץ אויסגעאַרבעט וועלוועלער און אָפט אויך בעסער. ייִדישע האַנטווערקער זײַנען געזעסן אין אַלע פּריצישע הויפן. דער קעניג האָט געהאַט פאַרבאָטן ייִדן צו האַלטן אַפּטייקן, אָבער דאָס פאָלק האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו נישט־ייִדישע אַפּטייקן. מ'האָט אַראָפּגעבראַכט ייִדישע דאָקטוירים אַפילו פון אויסלאַנד. די גלחים, און באַזונדערס די יעזואיטן, האָבן געפּרעדיקט קעגן די ייִדן פון די אַמבאָנעס, אַרויסגעלאָזט קעגן זיי פּאַשקווילן, געלאָפן פּועלן אין סיים און בײַ די וואָיעוואָדעס מ'זאָל צונעמען בײַ די ייִדן די רעכט, אָבער ווען איינער פון די כומרים איז געוואָרן פאַרשלאָפט, האָט ער געשיקט נאָך אַ ייִדישן רופא...

יעקב האָט געהאַט בדעה אין לובלין צו פרעגן אַן עצה בײַם דאָרטיקן רב אָדער בײַ איינעם פון די רבנים וואָס זײַנען געקומען צום ועד, אָבער ער האָט זיך דאָרט געזוימט ביז איבער שבת און בײַ קיינעם נישט געפרעגט. וואָס מער יעקב האָט אַרײַנגעטראַכט, אַלץ קלאָרער איז אים געוואָרן אַז קיינער קאָן אים נישט ראָטן. ער האָט אַליין אויך געקאָנט דעם דין.

ווער קאָן פּסקענען צי אַ חלום איז פאַלש אָדער וואָר? און ווער קאָן מעסטן וואָס ס'איז אַ גרעסערע עבירה — מגייר צו זײַן אַ גויע וואָס טוט עס אויס ליבשאַפט צו אַ ייִד, אָדער צו לאָזן דורות וואָס קומען פון ייִדישן אָפּשטאַם, בלײַבן שטעקן צווישן געצנדינער? יעקב האָט געדענקט די ווערטער: מתוך שלא לשמה בא לשמה. מ'הויבט אַמאָל אָן טאָן אַ גוטע זאַך אויס אײגנוצן און שפּעטער קומט די כוונה. וואַרפט מען דען נישט צוקערלעך, ראָזשינקעס און מאַנדלען דעם קינד וואָס הויבט אָן גיין אין חדר, אים ליב צו מאַכן דעם אַלף־בית? איז דען נישט אַ גר אויך געגליכן צו אַ נײַ־געבוירן קינד? און קאָן מען וויסן צי אַלע גרים וואָס האָבן זיך מגייר געווען ביז איצט, האָבן עס געטאָן אָן אַ פּניה? איז דען אַפילו דער צדיק ריין פון אַ פּניה... יעקב האָט געהאַט בײַ זיך אָפּגעפּאַסט צו נעמען די עבירה אויף זיך. ער וועט לערנען וואַנדאַן ייִדישקייט. איצט אַז דאָס פּוילישע מלכות האָט דערלויבט געשמדטע ייִדישע טעכטער זיך אומצוקערן צו דער אמונה, וועט ער, יעקב, קאָנען זאָגן אַז וואַנדאַ איז איינע פון זיי. מ'וועט גאָרנישט פרעגן און פאָרשן. ער דאַרף איר בלויז אָפּשערן די האָר און איר אָנטאָן אַ קאַפּקע. ער וועט זי אויסלערנען אַלע דינים. זי וועט ווערן נעבן אים אַ כשרע ייִדישע טאָכטער...

←



דער נאָבעל־פרייז טרעגער יצחק באשעוויס־זינגער (דער צווייטער לינקס) מיט זיין פרוי (די ערשטע רעכטס) האָבן זיך געטראָפן מיט אַ צייט צוריק מיט אונדזערע בני־עיר באלטשע און ישראל אייזענבערג אין מיאַמי.

מ׳האָט געוווסט אין לובלין פֿון יעקבן, דעם יוזעפאָווער ראָש־ישיבה וואָס איז אָפּגעזעסן פֿינף יאָר אין געפֿאַנגעשאַפֿט, אָבער יעקב האָט געמערקט אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ מחיצה צווישן אים און די אַנדערע. די לומדים האָבן גערעדט צו אים ווי צו איינעם וואָס האָט פֿאַרגעסן דאָס לערנען, אָדער ווי צו אַ האַלבן עם־האָרץ. ווען זיי האָבן דערמאָנט אַ לשון־קודש וואָרט, אָדער אַ מאמר פֿון דער גמרא, האָט מען עס אים אויסגעטײַטשט אויף ייִדישטײַטש. זיי האָבן פֿאַר אים זיך געסודעט איינער מיט דעם אַנדערן און געשמייכלט מיט דעם געשליפֿענעם שמייכל פֿון שטאָטלײַט וואָס האָבן צו טאָן מיט אַ ישובניק. די קהל־לײַט האָבן אים אויסגעפֿרעגט ווי אַזוי ער האָט זיך אויפֿגעפֿירט אין דער קענכטשאַפֿט, צי ער האָט געקאָנט היטן שבת, כשרות און זיי האָבן זיך געוווּנדערט, פֿאַרוואָס ער איז נישט אַנטלאָפֿן אַליין, נאָר געוואַרט ביז מ׳וועט אים אויסלייזן. יעקבן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי ווייסן וועגן אים אַ דבר מגונה (אַ שענדלעכע זאַך) וואָס מ׳וויל אים נישט זאָגן אין די אויגן אַרײַן. קאָן דאָס זײַן, אַז זיי האָבן געהערט פֿון זײַנע עסקים מיט וואַנדאַן? ס׳איז אים ערשט איצט אויפֿגעפֿאַלן, אַז זאַגאַיעק האָט געקאָנט ריידן דערפֿון צו די דרײַ ייִדן. אויב אַזוי, גייט דער סוד אַוודאי פֿון מויל צו מויל...

וואָס לענגער יעקב האָט פֿאַרבראַכט מיט די לובלינער לײַט, אַלץ קענטיקער איז געוואָרן די אַנדערשדיקייט. ער, יעקב, איז הויך, זיי זײַנען כמעט אַלע קליינוווקסיק; ער איז בלאָנד, בלוי־אויגיק, אָבער ס׳רוב האָבן געהאַט שוואַרצע בערד, שוואַרצע אויגן. זיי האָבן געשאָטן מיט לומדישע ווערטלעך, געשמעקט טאַבאַק, געראויכערט ליולקע־ציבוך, געוואוסט די נעמען פֿון אַלע רײַכע הויף־ייִדן, ווער ס׳איז זיך משדך מיט וועמען, ווער ס׳האָט פֿאַרכאַפּט די אָדער יענע אַרענדע, ווער ס׳איז אַ חשוב בײַ דעם אָדער יענעם שררה. ער, יעקב, איז געבליבן אין אַלץ אַ דרויסנדיקער. כ׳בין געוואָרן אַ פֿויער, האָט יעקב זיך אַליין פֿאַרגעהאַלטן. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז ס׳איז נישט געווען אַנדערש פֿאַר די שחיטות. יעדעס מאָל וואָס ס׳איז אים אויסגעקומען צו פֿאַרברענגען צווישן רבנים, נגידים, פּרנסים, זײַנען זיי געווען איין צד און ער, יעקב, אַן אַנדער צד. מ׳האָט געקוקט אויף אים מיט נײַגיר, מיט חשד. מ׳איז זיך באַגאַנגען מיט אים ווי מיט אַ זײַטיקן, שיער נישט אַ גר... אָבער ווי איז דאָס געמאָלט? ער, יעקב, האָט דאָך געשטאַמט פֿון הויכן יחוס. זײַנע עלטער־עלטער־זיידעס האָבן דאָך געפּסקנט שאלות אין מדינת פּוילן...

ווי וווּיל ייִדן זײַנען ערשט נאָר געהאַט דורכגעגאַנגען הריגות וואָס מ׳האָט נישט געהערט אַזוינע זינט דעם חורבן בית־המקדש, האָבן די לעבנגעבליבענע זיך אויפֿגעפֿירט ווי זיי וואָלטן פֿאַרגעסן דעם גזר־דין. מ׳האָט געקרעכצט, געזיפֿצט, אָבער עפּעס אַן האָרץ. די רבנים און פּרנסים האָבן געהאַט צווישן זיך אַלערליי רײַסענישן. יעדער האָט פֿאַרלאַנגט פֿאַר זיך אַ טובֿת־הנאה: געלט, כבוד, אַ צד אין שיסל. מ׳האָט וועגן די עגונות און צוריקגעקומענע ווײַבער געפּלאַכטן פּשטלעך וואָס האָבן וויייניק צו טאָן מיט דעם דין. מ׳האָט געלאָזט אַרענמעלײַט וואַרטן וואָכן און חדשים אויף אַ פּסק, וואָס מ׳האָט געקאָנט אַרויסגעבן אין טעג. דער ועד האָט געהאַט גענומען אויף זיך אײַנצומאָנען בײַ ייִדן די קרוין־שטײַערן, אַחוץ די שטײַערן וואָס דער ועד האָט גענומען פֿאַר זיך, און מ׳האָט געהערט פֿון אַלע זײַטן אַז מ׳באַגייט אומרעכט.

פֿון מאָל צו מאָל האָט עמעץ גענומען זיך קלאָגן אויף די תקיפֿים, געוואָרנט מיט פּעטש, מסירה, עיכּובֿ־הקריאה. דעמאָלט האָט מען דעם שרייער אויך אַרײַנגענומען אין קלײַזל, אים צוגעוואָרפֿן אַ לעקעכל, און ער האָט באַלד אָנגעהויבן לויבן די יעניקע וואָס ער האָט פֿריער געזידלט. יעקב האָט געהערט, אַז משולחים פֿאַרכאַפּן קהליש געלט, אָדער נעמען אַראָפּ פֿאַר זיך אַ צו־הויכן פּראָצענט. אין דעם גאַנצן געיאָמער האָבן אַ סך רבנים און קהל־לײַט געהאַט דיקע בײַכער, געפּאַלדעטע נאַקנס, זיך געצירט אין זײַד, סאַמעט, סויבל. זיי האָבן געפּרייכט פֿון פעטקייט. די אויגן האָבן געשײַנט פֿון ווילטאָג. גערעדט האָט מען צווישן זיך האַלבע ווערטער, מיט רמזים און אָנצוהערענישן, מיט ווינקענישן און אַרײַנרוימענישן אין אויער. אינדרויסן פֿאַרן קהל־הויז האָבן זיך געדרייט ביטערע פֿאַרשוינען וואָס האָבן אָפֿן אָנגערופֿן די קהלישע פֿירער — גנבים, ראַבירער, געוואָרנט, ווי נביאים, אויף נײַע פּלאָגן, פֿרישע אָנשיקענישן — אַ שטראָף פֿאַר די זינד...

יאָ, ס׳איז געווען קלאָר יעקבן, אַז די נעמערס טויגן נישט, אָבער אויף יעדן נעמער זײַנען דאָך דאָ אַ סך געבערס, דאַנקען גאָט, נישט אַלע ייִדן זײַנען קהל־לײַט. אין די בתּי־מדרשים האָט מען געדאַוונט, געלערנט, געזאָגט תּהילים. ייִדן מיט צייכנס פֿון קלעפּ וואָס זיי האָבן באַקומען פֿון די הײַדאַמאַקעס, ווי אויך אַלערליי קריפּלען — בלינדע, מיט אָפּגעשניטענע אויערן, אויסגעשלאָגענע ציין, זײַנען געקומען זאָגן קדושה, אַרײַנכאַפּן אַ ברכו, לערנען אַ פּרק משניות, הערן אַ דרשה פֿון אַ מגיד. נאָכן דאַווענען האָט אַ האַלבער עולם געזאָגט קדיש. ס׳האָט געשווּיבלט און געגריבלט מיט אבלים און מיט יאָרצײַטן. אין די ענגע געסלעך האָט יעקב צוגעזען די ייִדישע נויט. מ׳האָט דאָ געוווינט אין פֿינצטערע לעכער. בעל־מלאכהס האָבן געאַרבעט אין קעמערלעך, ענלעך צו בודעס פֿון הינט. פֿון די רינשטאָקן איז אויפֿגעגאַנגען אַ געשטאַנק. אָפּגעריסענע ווײַבער, אָפּט אין די הויכע חדשים, האָבן געקליבן מיסט און שפּענדלעך צום קאָכן. קינדער זײַנען אַרומגעגאַנגען באָרוויס, האַלב נאַקעט מיט פֿאַרכעס אויף די קעפּלעך, מיט קרעץ אויף די פּנימלעך. אַ סך האָבן געהאַט קרומע פֿיסלעך, קאַליע אויגן, אויפֿגעבלאָזענע בײַכלעך, וואַסער־קעפּ. ס׳זײַנען, ווייזט־אויס, אַרומגעגאַנגען שלאָפֿקייטן, ווײַל מ׳האָט געהאַלטן אין איין טראָגן טויטע. נאָך יעדער מיטה זײַנען נאָכגעגאַנגען ווײַבער מיט אַ געיאָמער. אַ שמש האָט געקלונגען מיט אַ פּושקע, גערופֿן צדקה תּציל ממוות. נאָך די שחיטות זײַנען געהאַט געבליבן אַ סך משוגעים. זיי זײַנען אַרומגעלאָפֿן איבער די גאַסן, יעדער מיט זײַנע ווילדקייטן און האַוואַיעס.

אַ פֿאַרשעמונג האָט יעקבן אָנגענומען ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן זײַנע תּאוות. פֿאַר זײַנע אויגן זײַנען מענטשן אויסגעגאַנגען פֿון נויט. מיט אַ גראָשן האָט מען דאָ געקאָנט ראַטעווען אַ לעבן. ער האָט יעדער מאָל צעביטן אַ מטבע אויף קליינגעלט און געטיילט די באַדערפֿטיקע, אָבער וואָס האָבן זיך די קליינע גאָבן אָנגעזען? כאָפּטעס בעטלערס האָבן אים נאָכגעיאָגט, אים געריסן בײַ די פּאָלעס. ווער ס׳האָט געבענטשט, ווער ס׳האָט געשאָלטן. מ׳האָט אויף אים געסיקעט, געשפּיגן, געוואָרפֿן אויף אים לײַז. ער איז קוים אַנטלאָפֿן פֿון די נאָכיאָגער. יאָ, אָבער ווו איז גאָט? ווי קאָן ער צוקוקן אַזאַ נויט און שווײַגן? סײַדן ס׳איז, חס וחלילה, נישטאָ קיין גאָט...

# גאסן און מענטשן אין אמאַליקן יידישן לובלין

זעליג וואסערשטרום / ניו־יאָרק

דאָס יידישע לעבן, דער רוב פון דער יידישער באפעלקערונג, איז געווען קאָנצענטרירט ווי אויף איין אָרט. עס הויבט זיך אָן אויף דער שעראָקע (יידן־גאס), ביז דער יאטקע־גאס (יאַטעטשנע), וווּ הארטביים בארג פון שלאָס שטייט די גרויסע, בארימטע מהרש״ל־שיל. טיפער אין דער יאטקע־גאס, הינטער דער מהרש״ל־שיל, געפינט זיך די גרויסע תלמוד־תורה. און אנטקעגן — די באָד, וווּ יידן גייען זיך טובל זיין. ווייטער אין דער זעלבער גאס, איז פאראן אַן אָפטיילונג פון דער תלמוד־תורה פאר יינגערע קינדער. פון יאטקע גאס פירט דער וועג ארונטער, אונטערן שלאָס און ארום דעם שלאָסבארג — צו דער גאס וואָס רופט זיך שניידער־גאס (קראַוויעצקא). דאָרט איז טאקע פאראן דאָס שניידערישע בית־המדרש.

ווייטער איז קראַסוצקיס סיגארעטן־פאבריק. נאָך א שטיקל וועג איז די באָסקיבוינע גאס מיט די אלטע, איינגעבויגענע הייזקעס, וווּ מען זעט ארויס דאָס גאנצע ביסל אָרעמקייט פון די יידישע איינוווינערס. און ווייטער — דער יידישער קלויסטער. נאָך דעם הייבט זיך אָן „אויף דער בריק". פון איין זייט — די געניקלעך. און פון דער אנדערער זייט פון דער יידישער בראָם, זענען געווען פון בידנע געוועלבלעך, וווּ די אָרעמע באפעלקערונג האָט געקענט קויפן אַן אלטן, געטראָגענעם אנצוג, אָדער אווינטער־פאלטאָ. עס זענען אויך געווען געוועלבלעך פון אלטע, געניצטע שיך פאר דערוואַקסענע און פאר קינדער.

אויף דער בריק איז תמיד געווען א שטארקע באוועגונג פון פארשידענע זייטן. ארונטער, רעכטס, האָט זיך געצויגן די יידן־גאס (שעראָקא), און אין דער לינקער זייט, צווישן די גאסט־הייזער (די קאָוואלסקע) — א יידישער האנדלס־צענטער. צווישן דיביידע גאסן, אין א שמאָל געסל, איז געשטאנען די אפטייק. פאקטיש איז זי געווען א פוילישע, אָבער צוליב איר „געאָגראַפישער" לאגע, האָט מען זי גערופן „די יידישע אפטייק".

לאנגע יאָרן האָבן זיך יידן ניט שטארק אינטערעסירט מיט דער פוילישער שפראך, ווייל די פוילישע באפעלקערונג האט געלעבט אין אנדערע געגנטן פון שטאָט. יידן האָבן זיך מיט זיי ניט געחברט. דאָס זעלבע איז געווען מיט דער קריסטלעכער באפעלקערונג, אויסער די וואָס האָבן געוווינט צווישן יידן, באדינט יידישע הייזער, גערייניקט די גאסן און אויסגעפירט נאָך אנדערע ארבעטן. האָבן זיי מיט זייערע פאמיליעס און קינדער זיך אויסגעלערנט ניט קיין שלעכטן יידיש.

ביים סוף פון דער יידן־גאס האָט זיך אָנגעהויבן די ראַשער־גאס (רוסקא), וואָס האָט געפירט צו דער לעווערטאָווער גאס (לובארטאָווסקא) — די לענגסטע גאס פון דער יידישער געגנט, די גרעסטע האנדלס־גאס פון דער יידישער באפעלקערונג, וואָס האָט זיך כסדר פארגרעסערט. און וואָס גרעסער די יידישע באפעלקערונג, אלץ ענגער און דושנער איז געוואָרן אין די וווינונגען, הייזער, גאסן און געסלעך. דער ברוק און טראָטוארן פון די יידישע גאסן — צעהאַקט און צעבראָכן, און אין די נעכט — שוואך באלויכטן. שטייערן פון די יידן האָט די שטאָט־פארוואלטונג (מאגיסטראט) גענומען אָן רחמנות, אָבער באַצירט און באַלויכטן האָט מען נאָר דעם טייל שטאָט, וווּ עס האָט געוווינט די פוילישע באפעלקערונג.

קיין שטאַרק אינדוסטריעלע שטאָט איז לובלין ניט געווען. אויף דער לעווערטאָווער גאס — העס׳ פאבריק פון וואָגן, וווּ עס האָבן געארבעט עטלעכע הונדערט פוילישע ארבעטער, נאָר יידישע ארבעטער האָט מען דאָרט ניט צוגעלאָזט. אין די פוילישע געגנטן זענען געווען עטלעכע מעטאל־פאבריקן.

אָבער אויך יידן מוזן לעבן. האָט מען זיך גענומען צו שניידעריי, שוסטעריי, בעקעריי, סטאָליעריי, בלעכעריי, שלאָסעריי, פריזירעריי און אנדערע פאכן. א טייל האָט זיך פארנומען מיט האנדל. אזוי האָט איינער געלעבט פון צווייטן, נאָר דאָס לעבן איז געווען א שווערס, א ביטערס, פול מיט פארצווייפלונג. אָן א האָפענונג, אָן א ציל...

* * *

דער צווייטער בארג, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דעם שלאָס־בארג, איז געווען דער אלטער בית־החיים (הייליק אָרט), וואָס שטייט שוין אריבער זעקס הונדערט יאָר. אין יענער צייט האָבן די רייכע, פוילישע ערד־באזיצערס ניט געוואָלט פארקויפן צו יידן באָדן אויף א צווייטן בית־עולם. האָט מען דאָס אלטע בית־הקברות דריי מאָל פארשאָטן מיט ערד, איינס אויפן צווייטן — און דריי מאָל געלייגט דאָרט די פארשטאָרבענע יידן. פון דעם איז דער בית־החיים פארוואנדלט געוואָרן אין א הויכן בארג. האָבן יידן געזאָגט מיט זיכערקייט, אַז דער בארג וועט וואקסן ביז די הימלען, וועט שפעטער קומען די גרויסע אויפרעכטונג, ווייל פון דעם בארג וועט



רוכב־אופניים מארץ־ישראל הגיע לחצר סטאשיצה 10, בלובלין.
א ראָווערעריסט פון א״י אויף סטאשיצא גאס 10, אין לובלין.

אראפנידערן משיח מיטן גרויסן שופר — און יידן וועלן טאקע געהאלפן ווערן...

* * *

דער טאג קומט אריין מיט לאנגזאמע טריט, ווי ער וואלט נישט וועלן אויפוועקן און איבעררייסן גוטע חלומות. א טייל יידן שלאפט נאך פון דעם שווער דורכגעלעבטן נעכטן, נאר מיט בטחון אין א בעסערן מארגן. די הייזער פון יידישן קווארטאל שטייען ווי זקנים און דרימלען. פון ווייטנס, ביי אן אפענעם פענצטער, הערט מען פון א ייד דעם ניגון פון לערנען. דער ערשטער וואס באוויזט זיך אין גאס, איז חיים דער וואסערטרעגער. אלץ שלאפט נאך, אבער ער פארזארגט שוין די שטובן מיט וואסער. דאס מאל קומט ער ארויס א פריילעכער, אפילו מיט געזאנג:

— „מי כמוך בעל גבורות ומי דומה לך" — איי, האט דער חזן דערלאנגט. איי, האט ער דערלאנגט א „מי כמוך" — רעדט ער צו זיך אליין, צו דערליידיקער גאס.

ר' בנימעלע היטלמאכער גייט ארויס אויף די גאניקלעך, אנטקעגן דער יידישער בראם, עפענען דעם לאדן פון זיין פענצטער. מיט א שטארקן, יחסנישן גענעץ, וועקט ער אויף א האלבע גאס פון שלאף. ר' בנימעלע איז ניט געווען א גרויסער לערנער. א פאלקס־ייד, א היטלמאכער, אבער א גלויביקער און א שטארק אפגעהיטענער צו זיין יידישן גאט. ער האט זיך טאקע געשטעלט פאר א ציל צו מאכן פאר א למדן זיין עלטסטן זון משהלע וואס האט געהאט א גוטן קאפ צום לערנען. האט דער טאטע געשעפט נחת פון זיין זון.

ר' דוד נחמן דער בעל־עגלה, מיט זיין וואגן און צוויי פערד האט געפירט נאפט פון דער באן אין אלע נאפט־געשעפטן פון שטאט. אן איינפאכער ייד געווען, א פאלקס־מענטש, נאר א פאנאטישער צו זיין אמונה און צו זיין יידישן גאט. יעדן פארטאג, ווען אלץ איז נאך געווען איינגעהילט אין שלאף, האט ער געשפאנט זיינע צוויי פערד, בעת זיין ווייבל רחל'ע האט אים געבראכט אן עמער מיט וואסער. ווען ער האט דערלאנגט די פערד צום טרינקען, האט ער געמאכט אזא הויכן „שהכל", אז ר'האט אויפגעוועקט א גאס מיט מענטשן — און זיין רחלע פלעגט הויך זאגן „אמן". ר' דוד נחמן איז ארויף אויפן וואגן, דערלאנגט א קנאק מיט דער בייטש — און „וויא", געפארן זאל ווערן... ווען ער פארט פארביי די יידן־גאס, הערט מען פון דערבייאיקן אפטייק־געסל שרייען פעטשי די באבעלע־בעקערן: „הייסע באבעלעך, הייסע באבעלעך"! — מיט אזא יאמערלעכן געשריי, ווי זי וואלט אין דעם אויסגעדריקט דעם ביטערן גערענגל צו פארדינען אויפן שטיקל ברויט.

ר' מאיר'לע שלישער מיט זיינע בנים קלאפן שוין מיט די האמערס, צי ס'איז דא ארבעט, צי נישט. א געקלאפעריי הערט מען שטענדיק, עס זאל דערמאנען די פארבייגייערס, אז דא רודערט זיך. היינט איז צופעליק דא וואס צו טאן, הערט מען אויך א זמר. „אדון עולם, אשר מלך, בטרם כל יציר נברא". אזוי זינגען זיי אויס די שווערע ארבעטס־טעג.

ר' יאנקל קאסטן דער שוסטער און דער שווארצער הערש דער מעל־טרעגער לויפן אין רבינ'ס בית־המדרש דאווענען. זיי שטעלן זיך אפ, צו הערן דעם קאנצערט פון מאיר'עלעס ווארשטאט. עס קומען אן יידן פון אלע זייטן, וואס איילן זיך צום דאווענען, דאך שטעלן זיי זיך אויך א־וועק הערן דאס געזאנג. און איינער פון די צוהערערס פרעגט אויפן הויכן קול: — האט איר נאך געזען אזא פאלק, ווי מיר יידן? אזוי קענען באזונגען דאס אייגענע, שווערע לעבן, דערצו נאך מיט אזא הארציקן געזאנג? ווען איר רופט איצט אהער אלע גרעסטע קאמפאזיטארן און מוזי־קערס, וועלן זיי ניט זיין אימשטאנד צו שאפן אזא מוזיק...

עס הייבט אן ווערן פריילעכער און באוועגלעכער אויף די גאסן, הגם דער הימל איז היינט א ביסל פארכמארעט. א וואלקן לאזט ניט אריין די זון אין שטאט. ר' שכנא פון די הערינג איז א ייד א למדן, א שטארק פרומער. ער קומט עפענען זיין קראם פון הערינג. תמיד א שטילער, נאר א בייזער. ער קוקט ניט צו קיינעם, ברוגז מיט אלעמען, בייז אויף זיך און אויף דער גאנצער וועלט. ער האט נאך קיין שמייכל ניט געגעבן. אז א פרוי קומט קויפן א הערינג, זאגט ער איר: „נעמט אייך אליין". ער האט ליב צו זען, ווי די פרוי פארפעצט זיך אירע הענט אין דעם פאס. אז זי געפינט שוין א הערינג, זאגט ער: „ניין, דעם הערינג לאזט ליגן, דאס איז פאר מיר. נעמט אייך א צווייטן". די פרוי באצאלט אים פארן הערינג, נאר ווען זי איז שוין אין דרויסן, זאגט זי צו אים: „ס'איז דען א וואונדער וואס ר' שכנא איז שטענדיק בייז, אז ער האט מער קינדער ווי פרנסה".

* * *

אהרון שמאראק און בערל פעלד (מיטן צונאמען בערל קלאץ) איילן זיך צו עפענען מיט די לאנגע שליסלען זייערע שניט־געשעפטן. בערל פעלד זאגט צו אהרונ'ען:

— ווען דאס ביסל יידעלעך זאלן אונדז אפגעבן וואס מיר האבן זיי אנגעבארגט, וואלטן מיר רייך זעווארן. — זאגט אים אהרון שמאראק:

— זארג זיך ניט, בערל. עס גייט צו יום־טוב און יידן וועלן אנהייבן ארבעטן, וועלן זיי אפגעבן אלע חובות, כדי קענען ווייטער בארגן. אזוי זעט אויס אונדזער יידיש לעבן.

אט זעט מען ר' יאסלען, וואס קומט עפענען זיין סאדע־וואסער געוועלב. קוים וואס ער באוועגט זיך, גלייך ער וואלט אויף זיך געטראגן די שווערסטע מאסע. ווען א ייד פרעגט אים:

— וואס גייט איר אזוי שווער, ר' יאסל, איר טראגט דאך אויף זיך גארנישט?

זאגט ער: — איר זעט נישט ווי איך טראג. איך האב א טאכטער אויסצוגעבן. איך האב פאר איר אלץ, נאר צוויי זאכן פעלן מיר: א נדן און א חתן. און מען דארף אויך באצאלן דירה געלד, א חוץ פרנסה פאר ווייב און קינדער. מען דארף אויך אפגעבן א חוב. און אז מען טראגט אויף זיך אזא פעקל, איז ניט גרינג צו גיין...

עס הייבט זיך אן א באוועגונג פון קינדער און יוגנט. זיי איילן אין די חדרים, תלמוד־תורה, פארשידענע שולן און לערן־אנשטאלטן. צוויי יינגלעך גייען און רימען זיך איינער פארן אנדערן: „דו ווייסט, איך לערן שוין גמרא". און דער צווייטער ענטפערט: „איך לערן שוין תוספות. מיין מאמע האט מיר היינט געגעבן א צווייער, איך זאל ביי לאה פלאץ (אזוי איז געווען איר צונאמען) מיר קויפן א גרויס פלעצל, מיט מאן און ציבעלעס...

(המשך — אין נאענטסטן נומער)

# דאָקומענט: רעדע פון הרב שאַפּיראָ זצ״ל בעת דער דערעפענונג פון ישיבת חכמי לובלין

(פון דער אויסגאבע ״די לעבנס־געשיכטע פון דעם לובלינער רב הרב הגאון רבי מאיר שאַפּיראָ- זצ״ל״, דערשינען אין ניו־יאָרק. די אויסגאבע האָט צוגעשיקט אונדזער בן־עיר מאָטל גאַרטענקראוט).

**״ברוכים־הבאים בשם ה׳ ברכנוכם מבית ה׳!**

**אתם גדולי האומה, מאורי הגולה, צדיקי הדור, רבני־ישראל, אתם בני תלמידי הישיבה, ילדים יקרים, אשר חנן אותנו אלקים בזה; אתם, צירי הממשלה הרוממה המרכזית והעירונית, אתם שליחי הצבור, באי כוח קהילות ישראל; אתם, תופשי העם, נושאי שם העתונות היהודית והעולמית; אתם, מורשי סניפנו וכל העוסקים בקיום מפעלנו, ואתם כל בית ישראל, אשר נאספתם היום פה לתת כבוד לתורה — ברוכים אתם כולכם הבאים בשם ה׳ ברכנוכם מבית ה׳!**

**ברכנוכם מבית ה׳! אם לפני שש שנים, קבלתי פניכם במגרש ריק ועזוב בתתי לכם רק הבטחה, התלהבות דמי ומסירות נפשי — עתה הנני מברך אתכם מבית ה׳ נשא ורם, העומד כבר שלם על מקומו, מנוי לתלפיות.**

**ואני בעניי הכינותי בית לה׳ צבאות! דברי נעים זמירות ישראל אלה הם הבטוי הכי נמרץ לכל תולדות הסבל והרפתקאות השונות, אשר לוו אותנו בדרכנו עד הלום! לא גל אחד עבר על מפעלנו הסביר בעורנו באבו להטרידו מן העולם. התחתים שונים פגענו בדרכנו, אבל רבתנו הקדושים שוכני לובלין העתיקה, הם אשר חגיגו על הישיבה הקדושה הזאת אשר שמם עלי׳ נקרא: הגאון ר׳ יעקב פאָלאַק, יוצר הפלפול והחרוד, מהרש״ש, מהרש״ל, מהרש״א, מהרי״ם והבאים אחריהם גדולי הדורות החוזה הקדוש, ותלמידיו הקדושים, חסידי עליון, המאור הנגלה שבתורה מזה והאור הגנוז של הקבלה וההסידות מזה, שני המאורות הגדולים האלה הם התאחדו גם היום להגין ולסוכך עליך ישיבה קדושה.**

**זאת ישיבה קדושה יח״ל! שאי סביב עיניך וראי: כלם נקבצו באו לך, כל בית ישראל בא לחון פניך ולשש אתך משוש, גם תלמידך — בניך, מרחוק יבאו שעריך המצוינים בהלכה, באו לקול קריאתך — לכן, בנים, שמעו לי, יראת ה׳ אלמדכם! מלאי אפוא חובך קדושת זאת, יה״ר שיקוים בך — וכל בניך למודי ה׳ ואז יהי׳ גם — רב שלום בוניך.**

★

דערהויבן איז פאר מיר דער מאָמענט, וואָס איך באגריס די הויכגעשטעלטע הערן, פאָרשטייער פון דער מלוכהשער און קאָמונאלער מאכט; אין אייגענעם נאָמען, ווי אויך אין נאָמען פון די אלע וואָס זענען באהילפיק געווען צו דער אנטשטייאונג פון דער דאָזיקער פרעכטיקער ישיבה, וועלכע וועט זיין דער קוואל פון תלמודישער וויסנשאפט.

איך דערפיל מיין אנגענעמען חוב, כדי אין דאָזיקן פייערלעכן מאָמענט צו דאנקען הארציק דער הויכער רעגירונג פאר דער פארשטענדעניש, פריינדלעכקייט און אונטערשטיצונג, מיט וועלכן עס האָבן זיך באצויגן צו אונדזער ארבעט די מאסנגעבנדיקע פאקטאָרן.

די פריינדשאפט וועלכע מיר האָבן באגעגנט אין אונדזער אָנגעשטרענגטער ארבעט, וועקט אין אונדז דערינערונגען פון פארגאנגענע צייטן, לויבנסווערטיקע צייטן אין דער פוילישער געשיכטע, ווי אויך אין דער היסטאָריע פון די יידן אין פוילן, איז ענג פארבונדן מיט דער היגער שטאָט לובלין.

דאָ, איז אין דער צייט פון דער הערשאפט פון זיגמונט סטארי, גערופן געוואָרן צום ערשטן מאָל, אין יאָר 1533, דער ערשטער גרויסער רבנים־צוזאמענפאָר, וועלכער איז געווען דער אָנהויב פון א מעכטיקער אָרגאניזאציע פון די יידישע קהילות, רעפרעזענטירט דורך דעם ועד ארבע ארצות. די דאָזיקע צוזאמענפאָרן זענען פאָרגעקומען פעריאָדיש אין לובלין און האָבן אָנגעהאלטן דורך דער גאנצער צייט פון דער הערשאפט פון דער פוילישער מאכט. דאָ, אין לובלין, איז א דאנק די פריווילעגיעס פון קעניג זיגמונט אַוגוסט פון יאר 1567, אנטשטאנען די ערשטע ישיבה־גבוהה אין פוילן.

דעם 10טן מאי 1571 האָט דער קעניג זיגמונד אַוגוסט איבערגעגעבן אין די הענט פון דעמאָלסדיקן הרב שלמה די זעלבע רעכט פאר דער ״ישיבה־גבוהה״, וואָס עס האָבן באזיצט די הויכע, וועלטלעכע אקאדעמיעס אין **לאנד**.

די לובלינער ישיבה איז אין קורצן געווארן דער גרויסער רעליגיעזער זאמלפונקט, פונדאנען זענען זיך פונאנדערגעגאנגען ליכט־שטראלן פון רעליגיע און תלמודישער וויסנשאפט איבער דער גאנצער וועלט, ביז צו די אומגליקלעכע צייטן פון פוילנס צעפאלונג.

מיטן מאָמענט פון ווידערגעבורט און אויפלעבונג פון דער פוילישער רעפובליק, גייען אונדזערע באמיאונגען אין דער ריכטונג פון ווידעראויפלעבן די אמאָליקע רעליגיעזע טראדיציעס.

די טויערן פון דאָזיקן פרעכטיקן בנין וועלן זיין עדות פונעם אומבויגזאמען ווילן פון די רעליגיעזע יידן אין פוילן, וועלכע ווילן דערהאלטן דאָס רעליגיעזע לעבן און די רעליגיעזע וויסנשאפט אין גייסט פון אונדזער בארימטער טראדיציע. דאָס וועט אויך זיין א באוויז פון פארשטענדעניש פאר אונדזערע שטרעבונגען, וועלכע מיר האָבן געפינען ביים פאלק אין תחית־המתים אויפגעשטאנענער, לויכטנדיקער פוילישער רעפובליק, צום כבוד פון וועלכער איך רוף אויס: **זאָל לעבן!**

**און איצט — א וואָרט צו די ברייטע יידישע מאסן: וואָס האָט מיך באוויגן צום געדאנק פון אזא ישיבה? ווו איז דער גרונט, אויף וועלכן ס׳האָבן זיך אנטוויקלט די וואָרצלען פון דאָזיקן גליקלעכן איינפאל?**

**ווער ס׳האָט זיך, נישט נאָר מיט א פארשטענדיקונג־אויג, נאָר אויך מיט א מיטפילנדיק הארץ צוגעקוקט צו דער לאגע פון ישיבה־בחור אין אונדזער צייט, האָט דערזען, אז זי איז מוראדיק, כמעט נישט צו דערטראָגן, ווען נישט דאָס מסירת־נפש פון זיין זייט. אפילו דער פת במלח פון דער משנה, איז א תענוג קעגן זיינע הונגער־ליידן און די טעג עסן, און דער על הארץ תישן — א גן־עדן קעגן שלאָפן אין די קאלטע געוועלבער אלס נאכט־שומרים.**

**אָבער די דאזיקע אוממענשטעלכע ליידן קאָנען איבערגעטראָגן ווערן, ווען זיי ווערן באגלייט דורך דעם געהעריקן כבוד, וואָס פאסט פאר מארטירער. דאָ איז אָבער דער פאל נישט געווען. בתכלית־הביטול, דערנידעריקט און באליידיקט איז געווארן דער איינציקער אמתדיקער העלד פון יידנטום.**

**אויב ביז היינט האָט מען ביי אונדז, ווען נישט, געזאָרגט פאר די מאטעריעלע נויטן פון ישיבה־בחור, האָט מען לגמרי נישט פארשטאנען די צווייטע, די גרעסטע, די מאָראלישע ליידן זיינע — און דאָס איז געווען דער חידוש, די רעוואָלוציע, אזוי צו זאָגן, פון געדאנק פון ישיבת חכמי לובלין.**

**דאָס איז געווען די ערשטע פאזע, דאָס געבוירן ווערן פון געדאנק. ערשט איצט האָט אָנגעהויבן דער צווייטער סטאדיום, דער סטאדיום פון רעאליזירונג. דער גרויסער נדבן ר׳ שמואל**

אייכענבוים גיט דעם ריזיקן פלאץ, אויף וועלכן מיר שטייען איצט.

א מעכטיקער ענטוזיאזם האָט ארומגענומען די גאנצע יידישע מחנה, דערויף זאָגן עדות די הונדערטער גדולים און צדיקים און די 30,000 יידן כ״י, וואָס בלויז דער רוף פון יח״ל האָט זיי פארזאמלט צום גרונט־שטיין־לייגונג. און ווען פוילן האָט אליין נישט געקאנט טראָגן די לאסט פון ·ווייטערן בוי, צוליבן שווערן עקאנאמיש קריזיס און גראבסקיס עגלה־צייטן, האָב איך מיך געווענדעט קיין אמעריקע, וואָס האָט אָנגעשריבן א גאָלדן קאפיטל אין דער געשיכטע פון יח״ל. איך האָב אָבער געוואלט, אז יח״ל זאָל נישט זיין קיין קנין פון יחידי־סגולה. דאָס גאנצע פאָלק, די ברייטסטע יידישע מאסן, מוזן זיין באטייליקט אין דער גרעסטער מצווה — מיט דער הילף פון די פושקעס קאן עס טאָן יעדער ייד, אפילו דער אָרעמסטער. און אזוי האָט דער פאָלקס־גראָשן משלים געווען דאָס גרויסע ווערק.

א געוואלדיקער אויסדויער און סבלנות האָט געפאָדערט דער צווייטער סטאדיום, כדי עקשנותדיק אויסצוהאלטן און באזיגן די אלע מכשולים און שטיינער, וואָס זענען געווען אויפן וועג; ביז ענדלעך דאס ווערק איז בעזה״י אויסגעפירט געוואָרן און דער בנין פון יח״ל איז אויסגעפערטיקט און ער קאָן ברייט עפענען זיינע טויערן פאר די הונדערטער תלמידים פון דער גאנצער וועלט. היינט, האלטנדיק ביי דער חנוכה, דערלויב איך מיר צו מאכן די גרויסע ברכה, וואס אונדזערע חכמים האָבן מתקן געווען: ברוך... שהחינו וקימנו, והגיענו לזמן הזה!

געלויבט איז דער בורא־עולם פארן רוח־ממרום, דער געדאנק פון יח״ל שתחינו! און פארן געבן כוח און אויסהאלט און אויסדויער אויפן שווערן וועג פון רעאליזאציע, וקימנו!!! און פארן צוברענגען אונדז צום גליקלעכן היינטיקן טאָג, ווען יח״ל ווערט געעפענט — והגיענו לזמן הזה!!!״

# ״דעם רבינ׳ס קינדער״

(זכרונות פונעם באזוך פון קאָזשעניצער רבין אין לובלין)

סעם ברייטער / מאָנטרעאל

זומער 1935 האָט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז קיין לובלין דארף א געוויסן פרייטיק קומען דער קאָזשעניצער רבי. וועלכן מ׳האָט אויך גערופן ״דער קאָזשעניצער חסר־דעה״ און ער וועט זיך אויפהאלטן ביי זיינעם א חסיד ר׳ שיע אייגער. אויף לובאַרטאָווסקע 19, אין דעם זעלבן הויז ווו מיר האָבן געוווינט.

א גאנצע וואָך האָבן די חסידים זיך געגרייט אויפצונעמען בכבודיק זייער רבין דעם בעל־מופת. זיי האָבן פריש געמאלעוועט ביידע טויערן און די טירן־פענצטער פון שטיבל, ווי אויך באצאָלט דעם סטרוזש לודוויג ער זאָל אויסוואשן דעם הויף, די שטיגן און די קלאָזעטן. מ׳האָט די קליינע, עלעקטרישע לעמפלעך געטוישט אויף גרעסערע.

מיט עטלעכע טעג פריער זענען פון ארום לובלין זיך צונויפגעפאָרן מאסן חסידים, כדי אָפצוגעבן דעם רבין שלום און באקומען פון אים א ברכה. זיי האָבן גוט געצאָלט פאר אן אָרט צו שלאָפן. און אויב ס׳איז נישט געווען אן אָרט אין די דירות, זענען זיי געשלאָפן אויף די טרעפ. לודוויג האָט ארויסגעשטעלט בענק אויפן הויף און פארקויפט ערטער צום זיצן. דאָרט האָט זיך אויך אָנגעהויבן א האנדל מיט עסנווארג, פרוכטן און ס׳האָט זיך אפילו באוויזן א סאמאָוואר מיט טיי. דעם פרייטיק וואָס דער רבי האָט באדארפט אָנקומען, בין איך נישט געגאנגען ארבעטן אין דער פריזירעריי פון מענדל געץ אויף דער קאָוואַלסקע גאס, ווייל כ׳בין געווען נייגעריק צו זען דעם רבין.

ארום 11 באטאָג איז ער ענדלעך אָנגעקומען אויף א דראָזשקע און פארפאָרן אין אונדזער הויף. דער רבי איז אויסגעשטיגן, ארומגערינגלט מיט פיר שמשים, וואָס האָבן צוזאמען מיט נאָך חסידים באמיט זיך מיט איבערמענטשלעכע כוחות אָפצושטופן דעם ממש ווילד־געוואָרענעם המון,



כנס חלוצים ל״הכשרה״ בלובלין, 1925. ☆ חלוצים צו ״הכשרה״ אין לובלין, 1925.

teatrnn.pl

וועלכער איז באפאלן דעם רבין פון אלע זייטן און זיך באמיט אים אָנצורירן כאָטש מיט די שפיצן פינגער. איך האָב אים געזען דורכן קאָרידאר־פענצטער פון צווייטן שטאָק — און ווי נאָר כ׳האָב געהאט די דאָזיקע זכיה, האָב איך געוואָלט גיין צו דער ארבעט, כאָטש אויף א האלבן טאָג. ס׳איז אָבער געווען אוממעגלעך זיך דורכצושטופן דורך דער געדיכטער מענטשן־מאסע — און געמוזט בלייבן אין דער היים.

מיט גרויס מי און מאַטער איז געלונגען נישט צולאָזן דעם המון ער זאָל נאָכגיין דעם רבין אויף די שטיגן און מ׳האָט אים אריינגעפירט אין ר׳ שיע אייגערס ווינונג. פלוצלינג האָט ער פארלאָזט יענע ווינונג, ארויף אויפן צווייטן שטאָק, גענומען זיך דרייען און זוכן, דערנאָך איז ער געקומען ביז אויפן פערטן שטאָק און זיך געטראָפן מיט מיר פנים־אל־פנים. נישט אויסריידנדיק קיין וואָרט, האָט ער מיר דערלאנגט א פייערדיקן פאַטש, אז פונקען זענען געפלויגן פאר מיינע אויגן. מיר האָט אָפגענומען דאָס לשון, אז כ׳האָב אפילו נישט געקענט פרעגן, פארוואָס קומט עס מיר? איינער פון די שמשים האָט אויסגעטון די יארמולקע פון אונטער זיין קאפעלוש און מיר ארויפגעלייגט אויפן קאָפּ. ערשט איצט האָב איך פארשטאנען, פארוואָס מ׳האָט מיך געפאטשט — כ׳בין געווען אָן א היטל.

ווען ער האָט זיך ווידער צו מיר דערנענטערט, האָב איך זיך אָפּגערוקט, נאָר צווישן אונדז ביידע האָט זיך אנטוויקלט אזא דיאלאָג. ער פרעגט: "ווו איז די סוכה"?

"די סוכה מאכן מיר אויף די באלקאָנען" — האָב איך געענטפערט.

"כ׳וויל זען די סוכה, וואָס דער דאך עפנט זיך ביי איר", האָט ער געזאָגט.

"די סוכה איז אויפן בוידעם".

"גיי ווייז מיר" — האָט ער באפוילן.

איך ווייז אים די סוכה. זי איז געווען זויבער, ווי אויך די 2 לאנגע טישן און די 4 בענק.

"ווער נוצט יום-טוב די סוכה?"

"רעב שיע אייגער מיט זיין משפחה" — האָב איך געענטפערט.

"ווער נאָך?"

"אויך מיין פאָטער," איז מיין תשובה.

"ווי הייסט דיין טאטע?"

"חיים!" האָב איך געענטפערט.

"ווו איז ער איצט?" האָט ער ווידער געפרעגט.

"גאנץ פרי גייט ער דאווענען און דערנאָך — צו דער ארבעט".

"וואָס ארבעט ער?"

"שוסטעריי. ער האָט א בודקע אויפן טאַרג"...

"היינט ארבעט ער אויך? ער האָט דאָך געוווסט אז איך דארף קומען — איז ער אוועק ארבעטן?"

ער האָט מיך אזוי צעטומלט מיט זיינע פראגן, אז כ׳האָב שוין נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן.

ווי נאָר מיר זענען אראָפּ פון בוידעם, איז מיך די מאמע באפאלן, הלמאי כ׳האָב היזק א טאָג ארבעט. אָבער דער רבי האָט אויף איר א געשריי געטון: "האלט דאָס מויל!" די מאמע איז שנעל אריין אין קיך און געוואָלט פארמאכן די טיר, נאר דער רבי האָט באפוילן: "נישט צומאכן די טיר". פארשטענדלעך, אז זי איז געבליבן אָפן. ער האָט זיך דערנענטערט צו דער אָפענער טיר און דערפילט דעם ריח פון זיך קאָכנדיקע פיש. האָט ער געדרייט מיט דער נאָז, געגלעט זיך די באָרד און באפוילן די שמשים: "קאָנטראָלירן די מזוזה!" דערנאָך איז ער אריין אין קיך, צוגעגאנגען צו די טעפּ און נישט קוקנדיק דער מאמען אין פנים, זי געפרעגט: "אישה, קאָכסט פיש אויף יומטוב?"

"יאָ!" האָט די מאמע געענטפערט. "וואָס פאר א יומטוב אויף דיין קאָפּ, אישה?" האָט ער געפרעגט, אלץ נישט קוקנדיק אויף איר. "אז דער הייליקער רבי איז נאָר איבערגעטרעטן די שוועל פון מיין דירה, איז שוין ביי מיר יום־טוב," האָט די מאמע נישט דרייסט געענטפערט. "אויב אזוי, אישה, פארוואָס איז דיין מאן נישטאָ יומטוב אינדערהיים?" "גיי שנעל און רוף דעם טאטן" — האָט די מאמע מיר באפוילן.

דער רבי איז אריין אין צווייטן צימער פון אונדזער ווינונג, ווו ס׳זענען געשטאנען 2 בעטן ביי דער וואנט און א בעט ביים פענצטער. ער האָט באפוילן זיינע שמשים אלץ ארויסטראָגן, אויסער דעם בעט ביים פענצטער, אריינשטעלן א לאנגן טיש מיט בענקלעך און א וואש-שׂסל מיט וואסער.

איך בין געבליבן שטיין פאַרגאפט און געטראכט: וואָס קומט דאָ פאָר? איז ער טאקע חסר־דעה? די מאמע פרעגט מיך שטיל: "ווו וועלן מיר שלאָפן? מיר זענען דאָך אכט מענשן־ווי וואגט דער רבי אונדז ארויסטרייבן פון דער אייגענער שטוב?" זי איז אריין צו א שכנה וואָס האָט געוווינט אין 3 צימערן און זי געבעטן אונדז לאָזן איבערנעכטיקן. די שכנ׳טע האָט גלייך מסכים געווען צו געבן אונדז א צימער און דערביי געזאָגט דער מאמען: "מאַרמו! דיר איז געשען א גרויסער זכות, וואָס דער רבי שטייט איין ביי דיר און נישט ביי די אייגערס. כ׳בין דיך פשוט מקנא...."

די מאמע האָט זיך באַרואיקט.

מיר זענען צוריק אריין אין אונדזער ווינונג, ווו ס׳האָט שוין געהערשט א גאנצע איבערקערעניש. א שמש האָט אראָפּ גענומען פון דער קיך־און איינגאנג־טירן די קליינע מזוזות און ארויפגעקלאפט גרויסע מזוזות. דאָס זעלבע האָט פאַסירט מיט די עלעקטרישע לעמפלעך. צוויי קעכינס האָבן גענומען טראָגן אין קיך נייע טעפּ, טעלער, גלעזער און פראָדוקטן. באלד זענען אלע 6 פייערקעס געווען באשטעלט מיט פארשידענע געקעכטסן.

מיר האָבן ארויסגעטראָגן צו דער שכנטע אונדזערע בעטן. אינעם איינציקן בעט וואָס איז פארבליבן, האָט די מאמע צוגעגרייט פארן רבין א ריין געלעגער. איך האָב זיך גענומען דורכשטופן דורך דער מענשן־מאסע אין קאָרידאָר, ווו די גבאים האָבן גענומען ביי יידן די "קוויט־לעך" מיט נעמען און א שיינעם פדיון, כדי אָנקומען צום רבין נאָך א ברכה. קוים מיט צרות ארויס אויפן הויף, האָב איך דערזען ווי לחוויג נעמט געלט נישט נאָר ביי די זיצנדיקע אויף זיינע בענק, נאָר אויך ביי די שטייענדיקע. ער איז פשוט רייך געוואָרן. ס׳האָבן זיך אויך געדרייט פאָליציאנטן.

איך בין אוועק צום טאטן אין בודקע, אים דערציילט אז דער רבי "שטייט־איין" ביי אונדז אין שטוב — און נישט ביי די אייגערס. דער טאטע איז געווען מלא־שמחה, וואָס גאָט האָט אים צוגעשיקט אזא גאסט, אזא כבוד. "א גרויסער שאד וואָס כ׳בין נישט דערביי," האָט ער געזאָגט. "כ׳מוז אויספאַרטיקן א פאָר נייע שיך פאר א חתן, וואָס האָט חתונה שבת־צו־נאכטס. ס׳דארף דויערן א האלבע שעה, וועסטו זיי אָפּטראָגן און נעמען געלט".

ענדלעך זענען די שיך געוואָרן פארטיק, כ׳האָב זיי אָפּגעטראָגן, גענומען באצאָלט, אויך באקומען בירגעלט. אז דער טאטע האָט דערהערט אז כ׳האָב בדעה נאָך צו גיין צו דער ארבעט דעם זעלבן פרייטיק, האָט ער באפוילן: "ווי לאנג דער רבי איז דאָ, זאָלסטו נישט דערוועגן צו ארבעטן פרייטיק־צו־נאכטס און שבת". "וואָס פאר א גדולה האָט מיך געטראָפן," האָב איך בייז אויסגערופן, "אז כ׳דארף פארלירן אן ארבעטס־טאָג. באשר־בכן דער קאָזשעניצער האָט דערפילט דעם ריח פון די געקאָכטע פיש און דערפאר אויסגעקליבן אונדזער שטוב!?" (נישט תמיד האָט די מאמע געקאָכט פיש אויף שבת, נאָר יענע וואָך האָט מיין מומע, דעם טאטנס שוועסטער, געשיקט אונדז פון קאנאדע 10 דאָלאר. ווען דער בריוו קומט אָן נאָך שבת, וואָלט די מאמע נישט געקאָכט קיין פיש און, א סברה, אז דער רבי וואלט ביי אונדז נישט געפונען קיין אכסניה...).

נישט וועלנדיק דערצערנען דעם טאטן, בין איך אוועק אין פריזיר־אנשטאלט פון מענדל געץ, ווו כ׳האָב געארבעט, און אים געזאָגט, אז צוליבן רבין, קאָן איך היינט נישט ארבעטן — און זיך אומגעקערט א היים. אין הויז און אין הויף האָט געהערשט א שטילקייט און אָרדענונג. אויף די שטיגן זענען טאקע געזעסן חסידים, אָבער נאָר ביי דער וואנט, כדי ס׳זאָל זיין א פרייער דורכגאנג. זיי האָבן שוין איבערגעגעבן די "קוויטלעך" און געווארט מ׳זאָל זיי רופן צום רבין.

אונדזער שטוב האָט אויסגעזען ווי פאר א חתונה. ס׳האָבן געשמעקט די פרישע געבעקסן און מאכלים, וועלכע די מאמע און צוויי קעכינס האָבן געגרייט אויף שבת. די טיר־קלאמקע איז פון דרויסן געווען אראָפּגענומען, אז

←

נאָר דער רבי האָט זי געקענט עפענען פון אינעווייניק. איצט איז דער רבי געשלאָפן און צוויי שמשים האָבן געהיטן, אז קיינער זאָל אים נישט שטערן. ער איז אָבער קיין סך נישט געשלאָפן. ר׳האָט געעפנט די טיר און זיך באוויזן אין א לאנגן טלית מיט צוויי פאָר תפילין אויפן קאָפ און אויף דער האנט. (ס׳ערשטע מאָל האָב איך געזען דאווענען אין צוויי פאָר תפילין). ער האָט א געשריי געטאָן צו די קעכינס: ״ווייבער, מ׳דארף ענדיקן קאָכן. ס׳דערנענטערט זיך דער שבת!״

״שוין, היילִיקער רבי!״ האָבן די ווייבער געענטפערט.

די מאמע האָט אונדז אריינגעפירט צו דער שכנ׳טע און געוויזן ווו איך און די יינגלעך (און זי מיטן טאטן, וועלכער איז נאָר וואָס געקומען פון מרחץ) וועלן שלאָפן. פאר די שוועסטערן איז אָבער נישט געווען קיין אָרט. האָט זיי אן אנדערע שכנ׳טע גענומען צו זיך. די עלטערע שוועסטער האָט זיך אפילו געבייזערט, ווייל איר חתן, פוּלי גאָרפינקעל, איז געווען איינגעלאדן צו דער שבתדיקער סעודה און זי וועט נישט האָבן ווו אים אויפצונעמען. דער טאטע האָט געוואָרפן אויף איר א שטרענגן בליק — און זי איז גלייך אנטשוויגן געוואָרן. מיר, קינדער, האָבן פאר אים און פאר דער מאמען געהאט גרויס דרך־ארץ.

דער טאטע האָט אָנגעטאָן די שבתדיקע קאפּאָטע, די נייע שיך, דאָס סאמעטענע היטל און געבעטן דעם שמש, ער זאָל אים אריינלאָזן צום רבין אים אָפּגעבן ״שלום־עליכם״. דער שמש האָט אָנגעקלאפּט און אריינגעשריגן: ״רבי, דער בעל־הבית פון דער דירה וויל אריינגיין!״ ״כ׳האָב איצט נישט קיין צייט צו אים. כ׳וועל אליין באשטימען ווען צו רופן — און לאָז מיך צורו!״ כ׳האָב זיך געטראכט: הער א מעשה: דער טאטע שטייט אין קיך און קען נישט אריינגיין צו זיך אין צימער?! פּלוצלינג האָב איך דערהערט שפּילן אויף א פידל. דער שמש ביי דער טיר איז אויפגעשטאנען פון בענקל, און געזאָגט: ״געלויבט איז גאָט! דער רבי איז מקבל שבת מיט די גוטע מלאכים״.

כ׳האָב מער נישט געקענט קוקן אויף דעם אלעמען און בין אוועק צו דער ארבעט. צוליב מיין אָפּוועזנהייט, האָבן זיך אָנגעזאמלט א סך געסט און די ארבעט האָט זיך פארצויגן ביז 11 ביינאכט. כ׳בין שוין נישט אוועק א היים שלאָפן, נאָר גענעכטיקט ביי דער מאמעס א קוזינע.

זונטיק באנאכט האָט דער רבי אריינגערופן צוואנציק פון די רייכסטע חסידים. זיי האָבן זיך ארומגעזעצט ארום טיש און די קעכינס האָבן אריינגעטראָגן א גוטן כיבוד. דערנאָך האָבן טרעגערס געברענגט קעסטלעך מאראנצן. אלע האָבן זיך געוווּנדערט: פאר וועמען אזוי פיל מאראנצן? דער רבי האָט געזאָגט די חסידים, אז ער וועט אויסשיטן די מאראנצן אויפן טיש — און ווער פון זיי ס׳וועט כאפּן מערער, וועט באקומען א פריז....

די געשרייען און געלעכטער האָט מען געהערט אזש אויף דער גאס. דער רבי האָט אָפּגעציילט וויפל יעדער חסיד האט געכאפּט — און אים געהייסן באצאָלן 5 זלאָטיס פאר א שטיק. אזוי ארום האָט ער אָנגעזאמלט א גרויסע געלט־סומע אין מזומן. ווער ס׳האָט נישט געהאט קיין גרייט געלט, האָט אויסגעשטעלט א וועקסל, צאָלבאר דעם זעלבן טאָג. די וואָס האָבן באצאָלט



**מועצת התרבות של החלוץ בלובלין, 1930.**
**קולטור־ראַט פון החלוץ אין לובלין, 1930.**

מער, האָבן באקומען פון רבין א כזית קוילעטש פון נעכטיקן שלוש־סעודות. זיי זענען אוועק צופרידענע און גליקלעכע, וואָס זיי האָבן זוכה געווען אזא כבוד פון רבין.

נאָך זייער אוועקגיין, האָט דער רבי, לויט די קוויטלעך וואָס ער האָט געהאלטן אין האנט, אריינגערופן אייניקע אָרעמע פרויען וואָס האָבן גענעכטיקט אויף די שטיגן און זיי פארטיילט געלט וואָס ער האָט ״אויסגענארט״ ביי די חסידים. די אָרעמע פרויען האָבן אים געוואלט קושן די הענט. האָט ער זיי אָפּגעשטופּט און באהאלטן זיינע הענט אין די קעשענעס. מיט גרויס מי האָט ער זיך פון זיי באפרייט און אריין צו זיך אין צימער.

אזוי איז א דורך די וואָך. דער רבי האָט אויף פאַרשידענע אופנים צונויפגעזאמלט טויזנטער זלאָטיס. מען מוז אבער מודה זיין, אז זייער א סך געלט האָט ער צעטיילט צווישן אָרעמע אלמנות, פאר אָרעמע כלות אויף נדן, פאר קראנקע, אפילו פאר די לובלינער אָרעמעלייט און סתם נויטבאדערפטיקע.

איידער דער קאָזשעניצער האָט פארלאָזט לובלין, איז ער אוועק אויפן אלטן בית־עולם אויף שעננע, אויפן בית הקברות, אויף אוניצקע, אפילו באזוכט דעם טשעכיווער בית־עלמין. ער האָט אויך באזוכט דאָס יידישע שפּיטאָל. די בתי־מדרשים, שילן און שטיבלעך און אומעטום געטיילט געלט מיט א ברייטער האנט. כ׳ווייס נישט, אויב ער האָט פאר זיך עפּעס געלאָזן. אונדז איז געבליבן כמעט א נייע דירה, נאָך א שענערע ווי פריער. פארן אפּפאָר האָט ער זיך פארמאכט מיטן טאטן אין צימער און א לענגערע צייט מיט אים זיך געסודעט. וועגן וואָס זיי האָבן גערעט — איז געבליבן א סוד. ביים געזעגענען זיך, האָט ער אונדז אויסגעשטעלט אין א ריי, אוועק געלייגט די האנט אויף יעדנס קאָפּ און געבענטשט. צו דער מאמען האָט ער געזאָגט:

— עס זאָל דיר קיינמאָל גאָרנישט פעלן צו קאָכן אין די נייע טעפּ, וואָס זענען דיר פארבליבן.

די מאמע איז געווען גערירט ביז טרערן און קוים ארויסגערעדט:

- א דאנק, הייליקער רבי. דערנאָך האָט ער זיך געוואָנדן צום טאטן:

— דו באגלייטסט מיך נישט צו דער באן. האָסט איצט א סך ארבעט, סיי אין שטוב, סיי אין דער בודקע. אָבער ארבעט נישט אליין צו שווער, נעם צו א געזעלן. איצט האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר און געזאָגט:

— דיך דערוואַרט א לאנגער וועג. אויב דיין טאטע וועט קומען צו מיר קיין אָטוואָצק אויף די יום־טובים, קום אויך צו פאָרן. אין דער פוילישער ארמיי וועסטו נישט דינען.

און די לעצטע ווערטער וואס קלינגען מיר ביז היינט אין די אויערן: — ס׳רוקט זיך אָן אויף אונדז א שווארצער וואָלקן, נאָר דו שיע־לייב וועסט ארויס פון דעם גרויסן פייער. דיינע שווארצע אויגן זאָגן דאָס...

ער איז אוועק. א שטילקייט האָט ווידער געהערשט אין אונדזער שיינער דירה, אָבער אויך — הונגער. צוליבן האלטן די בויד פארמאכט אזוי פיל טעג, זענען דעם טאטנס קונים אוועק צו אנדערע שוסטערס און אין די נייע טעפּ איז נישט געווען וואָס צו קאָכן. דערפאר אָבער איז אונדז פארבליבן דער צונאָמען ״דעם רבינס קינדער״ (די יינגלעך: דעם רבינס זין; די מיידלעך: דעם רבינס טעכטער). מיר האָבן זיך געשעמט מיט דעם צונאָמען, אָבער נישט געקענט זיך העלפן...

די שלעכטע לאגע האָט לאנג נישט געדויערט. איך האָב באקומען א בעסערע ארבעט ביי געצמאנען אין דער ראזורע, אויף קראקאווסקע. דער טאטע האָט ווידער געהאט פיל ארבעט, ווייל אלע קאָזשעניצער חסידים זענען געוואָרן זיינע קונדן. מיין עלטסטע שוועסטער האָט חתונה־געהאט מיט פוּלין און זיך געעפנט א סאָדע־וואסער געשעפט אויפן טשווארטעק, נישט ווייט פונעם קלויסטער. די יינגערע שוועסטער איז אוועק ארבעטן ביי א שניידערין. אזוי ארום איז דעם רבינס ברכה דאָך מקוים־געוואָרן און אין די נייע טעפּ איז געווען וואָס צו קאָכן. ווען ס׳איז ארויס א באַפעל, אז אלע בודקעס אויפן טארג מוזן אראָפּגיין און דעם טאטן האָט געפעלט געלט צו באצאלן פאר די ניי אויפגעשטעלטע קלייטן, האָבן קאָזשעניצער חסידים געשאפן די נייטיקע סומע. פון א אָרעמען כאלופּניק איז דער טאטע געוואָרן א קליינער פאבריקאנט און געהאלטן פיר ארבעטער. אלע זומער זענען מיר געפאָרן אויף דאטשע קיין ניעמצי. דאָס אלץ האָט געדויערט, ביז די מלחמה איז אויסגעבראָכן...

# דער שטאַרקסטער צווישן די שטאַרקע*

קאַפּיטל פֿונעם נאָר־וואָס דערשינענעם בוך "געווען אַ מאָל אַ ייִדיש לובלין" פֿון אונדזער בן־עיר, דוד איידלמאַן. פֿאַרלאַג "היכלות", תל־אביב 1979. 262 ז"ז, מיטן בילד פֿון מחבר.

לובלינער באַלעגאָלעס האָבן נישט איינמאָל באַוווּנדערט די גבורה פֿון זייער עלטסטן אברהם הויזשעבאָוו, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ גאָלדן האַרץ און איז תּמיד געווען גרייט צו העלפֿן יענעם אין דער נויט, מעג עס זײַן אַפֿילו אַ שונא. וועגן אברהם הויזשעבאָווס גוטסקייט האָט מען אין דער שטאָט דערציילט גאַנצע מעשׂיות. אַזוי אַ שטייגער האָט מען גערעדט, אַז אברהם הויזשעבאָוו טיילט צדקה בסתר און אַז ער פֿאַרפֿעלט נישט ערב שבת צו פֿאַרטיילן אָרעמעלײַט חלות מיט פֿיש און אַ פֿונטל פֿלייש דערצו. אַליין איז ער געווען ווײַט פֿון צו זײַן אַ גביר. זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן איז באַשטאַנען פֿון אַ קליין אייגן הײַזל, וואָס ער האָט באַקומען אַלס נדן פֿון זײַן ווײַב שיינע שיינדל, וועלכע איז להיפּוך צום מאַן געווען דאַר און מאָגער ווי אַ שפּאָן. אַז ביידע זענען שבת פֿאַרנאַכט אַרויס אין גאַס שפּאַצירן, האָבן מענטשן געזאָגט אויפֿן ברייט־פּלייציקן אברהמען, אַז ער קען דאָס ווײַבל אַרײַנשטעקן אין קעשענע פֿון זײַן שבתדיקן כאַלאַט. אַז אברהם הויזשעבאָוו איז געגאַנגען אין גאַס, האָט זיך געדאַכט, אַז די שטיינער ציטערן אונטער זײַנע פֿיס. און אַז ער האָט נאָר געגעבן אַ הויכן זאָג, האָבן מענטשן געמיינט, אַז נישט אַנדערש ווי עס וואָלט געדונערט פֿאַר אַ רעגן.

אַ געוויסן טאָג האָט אַן אָנגעלאָדענע פֿלאַטפֿאָרמע מיט שווערע סחורות און געפּעק זיך איבערגעקערט און פֿאַרדעקט דעם באַלעגאָלע פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט דער משׂא. חוץ דעם האָט די פֿלאַטפֿאָרמע זיך אַרויפֿגעקײַקלט אויף די פֿיס פֿון דעם באַלעגאָלע, אַז ער האָט זיך נישט געקענט רירן. פֿון גרויס ווייטיק האָט ער געקרעכצט און געיאָמערט. די מענטשן, וואָס זענען זיך אָנגעלאָפֿן פֿון אַלע זײַטן, האָבן נישט־וויסנדיק ווי אַזוי אים צו העלפֿן, מיטגעקרעכצט און באַוויינט ווי מען באַוויינט אַ טויטן.

דעמאָלט איז אברהם הויזשעבאָוו געגעבן אַ קום פֿון ערגעץ און דערזעענדיק וואָס עס טוט זיך, האָט ער שנעל פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און דאָס ערשטע גענומען באַזײַטיקן די שווערע געפּעק וואָס האָבן געווויגן מי יודע וויפֿל. מיטן כּוח פֿון אברהמ׳ס אײַזערנע הענט, זענען זיי געפֿלויגן פֿון אָרט. פּטור געוואָרן פֿון דער שווערער משׂא, האָט אברהם געגעבן אַ צעשפּאַר זײַנע ברייטע פּלייצעס און מיט איין נעם אויפֿגעהויבן פֿון אָרט די איבערגעקערטע שווערע פֿלאַטפֿאָרמע און דערבײַ געשריִען צו די מענטשן אַרום:

— וואָס שטייט עטץ ווי גולמס? נעמט אים פֿאַרן קאָפּ און שלעפּט אים אַפּער איידער ער מאַכט אַ חלוש.

אַ צווייטער טאַט פֿון אברהמ׳ס גבורה, איז פֿאַרבונדן מיט אַזאַ געשיכטע: קיין לובלין איז אין אַ געוויסן ווינטער־טאָג געקומען צו פֿאָרן מיט דער שטעטלשער פֿור די שיינע בראָנטשע, האָבנדיק בדעה זיך שטעלן אַרבעטן אַלס דינסט אין אַ באַלעבאַטיש הויז. איידער וואָס־און־ווען, האָבן זיך צו דער שיינער בראָנטשע צוגעשאַרט אונטערוועלטניקעס, וואָס האָבן אַרום איר פֿאַרלייגט אַ נעץ, פֿון וועלכער עס איז שווער זיך אַרויסצופּלאָנטערן. האָט זיך די שיינע בראָנטשע אַזוי פֿאַרפּלאָנטערט אין דער דאָזיקער נעץ, אַז נישט וויסנדיק ווי אַזוי, האָט זי זיך דערזען אין פֿריילעכן הײַזל פֿון גאָלדע מאַלע, אַן אָנגעטאָענע אין סאַמעט און אין זייד און אַ גרייטע אַרויסצוגיין אויף דער "בוקעטע".

בראָנטשעס פֿאָטער וואָס איז געווען אַ שוסטער אין קליינעם שטעטל, האָט זיך דערוווּסט אַז זײַן טאָכטער גייט ווערן אַ גאַסן־פֿרוי. קלערט ער נישט לאַנג, קומט צו פֿאָרן קיין לובלין און גענומען איינרײַסן וועלטן, כּדי אַרויסצוראַטעווען זײַן קינד פֿון דעם זומפּ. מענטשן וואָס האָבן מיטגעפֿילט מיטן פֿאַרצווייפֿלטן פֿאָטער, האָבן אים לסוף אָנגעוויזן אויף אברהם הויזשעבאָוו, זאָגנדיק, אַז נאָר ער, אברהם, קען אים אַרויסהעלפֿן אין דער נויט.

אברהם פֿון זײַן זײַט האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. ער איז הענדום־פּענדום אַוועק צו גאָלדע מאַלי אין הײַזל און געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש מיט אַזאַ כּוח, אַז די פּלאַטע האָט זיך צעבראָכן אויף שטיקער.

— שוין די מינוט זאָל בראָנטשע צוריקגעקערט ווערן צו אירע טאַטע־מאַמע- אַז נישט מאַך איך פֿון אייך אַלע קרעפּל־פֿלייש.

דאָס פֿאַרפֿירטע מיידל איז גלײַך איבערגעגעבן געוואָרן צום פֿאָטער, וואָס האָט זי שפּעטער אַוועקגעשיקט מעבר לים, זי זאָל דאָרטן "ווערן אַ מענטש".

דערמיט אָבער איז דער ענין נישט געוואָרן פֿאַרענדיקט. אין אייניקע טעג אַרום האָט מיט אברהם הויזשעבאָוו געטראָפֿן אַזאַ פֿאַל: נאָכן אָפּפֿאַרטיקן זיך מיטן פֿערד און וואָגן, וואָס ער האָט געלאָזט שטיין אויף איבער נאַכט אין פֿייגעלע אברהם לייזערס הויף, איז ער אַוועק אַהיים דורכן שמאָלן וועג, וואָס האָט געפֿירט צו דער ערשטער וואָליע. געווען איז דעמאָלט אַ מילדע ערב־פֿרילינג נאַכט. די לבֿנה האָט העל געשײַנט און דאָס ווינטל וואָס איז אָנגעלאָפֿן פֿון ערגעץ־ווו, האָט קיל געגלעט דאָס פּנים. אברהם הויזשעבאָוו האָט געשפּרייזט אַ האָפּעדריקער איבערן וועג, וואָס איז נאָכנישט געהאַט געוואָרן אויסגעטרוקנט פֿון די בלאָטעס. ער איז געווען גוט אויפֿגעלייגט. די קינדער זײַנע, קיין עין־הרע, וואַקסן אויס לײַטישע. גייען אין חדר, לערנען תּורה און האָבן גרויס דרך־ארץ פֿאַר טאַטע־מאַמע. ער אַליין פֿאַרגעסט אויך נישט דאָס ייִדישקייט. ער דאַוונט יעדן טאָג מיטן מנין, זאָגט תּהילים, טיילט צדקה, און אַז מען באַדאַרף טאָן אַ מענטשן אַ טובֿה — איז ער תּמיד גרייט.

אברהם הויזשעבאָוו ווערט פֿון מינוט צו מינוט האָפּעדריקער. די פֿיס זײַנע אין די שווערע יוכטענע שטיוול שפּרייזן לײַכט אַריבער בלאָטיקע קאַלוזשעס. דער קאָפּ אַרבעט און די אויגן זעען אַלץ וואָס עס טוט זיך אַרום. ווען ער קומט צו נאָענט צום אַלטן בית עולם, וואָס הויבט זיך אָן בײַ יאַנקל שמאַטשיאַזשעס קאָשציפּאַל־נע, גיבן מיט אַמאָל אַ וואַקס אויס פֿאַר זײַנע אויגן דרײַ ריזיקע גויים מיט גלאַנציקע מעסערס אין די הענט, גרייט זיך צו וואַרפֿן אויף אים ווי די חיות רעות. פֿאַרשטייט גלײַך אברהם הויזשעבאָוו, אַז אָט די מעסער־שטעכער גייען אויף זײַן לעבן. קלערט ער נישט קיין סך, רײַסט אַרויס פֿון יאַנקל שמאַטשיאַזשיס פּאַרקאַן אַ ברעט און גיט זיך דערמיט אַ צעפּאָכע. עס געדויערט נישט לאַנג און אַלע דרײַ אָנפֿאַלערס בלײַבן ליגן אויף דער ערד צעקיילטע און צעביילטע. שפּעטער, ווען דאָס ייִדישע לובלין האָט זיך דערוווּסט פֿון אברהם הויזשעבאָווס מעשׂה־גבֿורה, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז געווען זענען דאָס די ברידער מאַליי פֿון דער וואָליע, באַוווּסט אַלס געפֿערלעכע אונטערוועלטניקעס, וואָס אומברענגען אַ מענטש איז

---

*געמיינט: אברהם הויזשיבאָוו, אייגנטימער פֿון אַ פֿלאַטפֿאָרמע און 2 שטאַרקע פֿערד, פֿון די פּאָפּולערע געשטאַלטן אין דער ייִדישער לובלין צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

ביי זיי אַ שפּילעכל. אברהם הויזבעשאַווס פּריינט, די באַלעגאָלעס, זענען פון זייער זייט געווען זיכער, אַז אָט די אָנפאַלערס זענען נישט מער און נישט ווייניקער געווען אָנגעשיקט פון די חברה אַלפאָנסן, פאַר דער עוולה וואָס אברהם הויזבעשאָוו איז באַגאַנגען אַקעגן זיי, ארויסרייסנדיק פון זייער מויל אַזאַ גוטן ביסן ווי עס איז געווען בראָנטשע.

אַ צווייטע מעשה־גבורה פון אברהם הויזשעבאָוו איז באַוויזן געוואָרן, ווען קיין לובלין איז געקומען דער באַרימטער יידישער גיבור זישע ברייטבארד, וועלכער איז אויפגעטרעטן פאַר טויזנטער מענטשן אויפן גרויסן שפּיל־פּלאַץ פון דער יידישער פוטבאָל־מאַנשאַפט "הכוח". זישע ברייטבאַרד האָט בעת זיינע אויפטריטן געטראָגן אויפן קאָפּ אַ קרוין. ער האָט געריסן קייטן, געבויגן אייזערנע שטאַבעס, אַריינגעקלאַפּט מיט דער האַנט טשוועקעס אין דיקע ברעטער און געלאָזט איבער זיך אַריבערפאָרן אברהם הויזשעבאָווס שווערע, באַלעגאָלישע פלאַטפאָרמע. איז נאָך דאָס אַלץ געווען ווייניק, האָט ער געלאָזט אויף זיך צעהאַקן מיט האַמערס שווערע שטיינער און אויפגעהויבן צוואַנציק מענטשן מיט איין מאָל. אברהם הויזשעבאָוו, וואָס האָט זיך צו דעם אַלעמען צוגעקוקט מיט גרויס שפּאַנונג, איז אַריין אין אַ מין גדלות און דערקלערט בפני כל עם ועדה, אַז ער, אברהם, איז אויך מסוגל צו באַווייזן די זעלבע קונצן וואָס זישע ברייטבאַרד — און אפשר נאָך מער. דאָס זאָגנדיק, האָט ער מיט איין שאָס אויפגעהויבן צוויי און צוואַנציק מענטשן. די צושויערס האָבן דערפאַר געהויבן אברהמען אין דער לופטן, אים אויסגערופן אַלס דער שטאַרקסטער מענטש פון שטאָט און זישע ברייטבאַרד פון זיין זייט, האָט אים גוטברודעריש געקלאַפּט אין די פלייצעס.

אברהם הויזשעבאָוו האָט אויך אין דער שוידערלעכער נאַצי־צייט נישט פאַרפעלט צו טאָן מענטשן טובות, איינשטעלנדיק דערביי זיין לעבן. אברהמ׳ס אויפגאַבע אין לובלינער געטאָ איז געווען צו ברענגען די דערמאָרדעטע דורך די נאַציס יידן צו קבר ישראל. נישט קוקנדיק אויף געפאַרן, איז ער אַרומגעפאָרן מיט זיין באַלעגאָלישן וואָגן איבער די ערטער ווו יידן האָבן געשמאַכטעט און געוואָרן פאַרפייניקט אויף טויט.

פאַר דער מלחמה האָט אברהם הויזשעבאָוו געטאָן זיינס. ער איז אַרומגעפאָרן איבער דער שטאָט, פירנדיק סחורות פון די הורטאָווניקעס צו די קליינהענדלער. אברהמ׳ס שטיי־פּלאַץ איז געווען אויף דער צירולניטשע גאַס, ביים אַריינפאָר צום גרויסן הויף פון פייגעלע אברהם לייזערס. פון דעם הויף, וואָס איז געווען אָנגעפולט מיט געוועלבער, שפּייכלער און מאַגאַזינען, זענען טאָג־טעגלעך אָפּגעפאָרן פורן, לאַסט־אויטאָס און טראַנספּאָרט־וואָגנס, באַלאָדענע מיט סחורות־געפּעק. שפּליטערן האָבן פונדאַנען געפירט באַשטעלונגען פון די געוועלבניקעס קיין זשעליכאָוו, קאָנסקיע־וואָליע, מאָדלבאָזשיץ און ווייטער — קיין ראַדאָם, קלעץ, פולאַווע, טוירן און קאַליש.

אין פייגעלע אברהם לייזערס הויף האָט זיך גערודערט אויף וואָס די וועלט שטייט. סוחרים און קליין־פאַבריקאַנטן האָבן דאָ געקויפט און פאַרקויפט. מען האָט געשריבן וועקסלען און זיי געלאָזן צום פּראָטעסט. די באַנקראָטשיקעס האָבן דאָ, ביי גלעזלעך משקה און פאַרבייסעכץ זיך אויסגעגלייכט מיט די צדדים אויף כך וכך פּראָצענט און ווייטער געהאַנדלט. ריחות פון פערדיש מיסט און מענטשן־שווייס האָבן זיך דאָ אויסגעמישט מיט די ריחות פון גרייישטע לעבערלעך און אָנגעברענטע זופּן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די גאָרקיכן. די באַלעגאָלעס האָבן זיך דאָ אין הויף אַרומגעדרייט ווי אייגענע, זיי האָבן געקנאַקט מיט די בייטשן, אונטערגעיאָגט די טרעגערס זיי זאָלן וואָס גיכער אויפלאָדענען די סחורות און דערביי האָבן זיי צוגעלייגט אַן אויער, כדי צו הערן וואָס זאָגט זייער יושב־ראש, אברהם הויזשעבאָוו, וועמענס וואָרט איז געווען אַ געזעץ און וועמענס הייזעריקלעכע שטימע האָט געדונערט אין רעשיקן האַנדלס־הויף.

און אין דעם טאָג ווען אין די נאָענטע האַנדלס־גאַסן לובאַרטאָווסקי, קאָוואַלסקי און נאָווי איז געווען פול מיט דורכפאָרנדע וואָגנס און פאַרבייגייער, איז אין פייגעלע אברהם לייזערס הויף פאַרפאָרן אַ געבעטער וואָגן געשפּאַנט מיט צוויי פערד און פון וואָגן זענען אויסגעשטיגן בראָנטשע מיט איר מאַן מאַקס און אויך האַמפּל טשוואָקס ווייב, שאָשע. בראָנטשע איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ גרויסאַרטיקע מאַדאַם, אין אַ ניי־געהאַפטן קלייד, מיט אַ ברייט באַפּוצטן הוט אויפן קאָפּ און מיט אַ זיידענעם שירעם אין דער האַנט. מאַקס, האָט ווי די "גוטע ברידער", געטראָגן לאַקירטע שטיוועלעטלעך און אויפן פעסטגעבויטן גוף האָט ער געטראָגן אַ געקעסטלטע מאַרינאַרקע. אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט אַ העל קאַפּעליושל מיט אַ גרינע פעדער און אין דער האַנט געהאַלטן אַ רייט־שטעקעלע, אַזעלכעס וואָס סע טראָגן די פּריצים. ווי נאָר ביידע האָבן זיך געלאָזט גיין אין דער גאַס אַריין, איז זיי אַקעגן געקומען דער ערשטער אברהם הויזשעבאָוו, וואָס האָט גלייך דערקענט בראָנטשען.

— בראָנטשע — האָט אברהם הויזשעבאָוו אַ זאָג געטאָן, מיט זיין הייזעריקלעכער שטימע — זעסט דאָך אויס ווי אַ וואַרע פּרינצעסין.

— כ׳בין ווייט צו זיין אַ פּרינצעסן — האָט געענטפערט בראָנטשע און אין איינוועגס פאָרגעשטעלט איר מאַן:

— דאָס איז מיין מאַן מאַקס.

— גוט צו הערן.

— פונוואַנען קומט איר דאָס? — איז אברהם הויזשעבאָוו געווען נייגעריק צו וויסן.

— פון דער גאַנצער וועלט, — האָט אים מאַקס געענטפערט.

— וואָס הייסט דאָס?

— אַזוי הייסט עס.

אברהם הויזשעבאָוו איז פון דאָזיקן ענטפער נישט געווען צופרידן.

— רעד קלאָרע דיבורים, יונגערמאַן!

האָט אים מאַקס דערויף געגעבן אַ מעסט אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס.

— כ׳בין דיר נישט מחויב צו זאָגן פונוואַנען איך קום.

— ווילסט נישט זאָגן — איז נישט.

אברהם הויזשעבאָוו האָט זיך געלאָזט גיין צווישן די פורן און בראָנטשע מיט איר מאַן מאַקס זענען אַוועק אויף דער גראָדזקע גאַס, כדי זיך דאָרטן צו טרעפן מיט די לובלינער גוטע ברידער, מיט וועלכע מאַקס האָט געהאָפט צו מאַכן זיינע וווילינגערישע געשעפטן.

ווי נאָר שאָשע, אָנגעטאָן לויטן אלטמאָדישן שטייגער, אין אַ פאַרפּעצט פּעלערינע־קלייד מיט הויכע געשנורעוועטע שיך און אַ הוט אויפן קאָפּ וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קופּקע, האָט זיך באַוויזן אויף דער גראָדזקע גאַס, האָבן זי גלייך אַרומגערינגלט די ווייסע חברהניקעס, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויף דער גאַס אין באַהעלטעניש און האָבן שאָשען מיט איר משונהדיקער קליידונג אָנגענומען אַלס אַ צעדרייטע.

— ווער ביזטו און וואָס ווילסטו דאָ אויף דער גאַס? — האָבן די ווייסע חברהניקעס איר אַריינגעלאַכט אין די אויגן אַריין, גרייט בשעת מעשה אַ שטיף צו טאָן.

— בינען בין איך שאָשע און באַדאַרפן באַדאַרף איך מיין מאַן האַמפּל טשוואָק.

— האַמפּל טשוואָק ? — האָבן די ווייסע־חברהניקעס זיך צעלאַכט מיטן עכט קינדערישן געלעכטער און גענומען שאָשען צופן ביי דער קרינאָלינע און דערביי געשריען אויפן קול:

— שאָשע מען שיסט!

ווער ווייסט וואָס עס וואָלט דערפון אַרויסגעקומען, ווען נישט איניקע פאַרבייגייער, וועלכע האָבן שאָשען גלייך אַוועקגעפירט צו לייבל גרין אין וואַרשטאַט אַריין, אָנווייזנדיק איר דאָרטן אויף האַמפּעלן: — דאָ האָסטו דיין געזוכטן מאַן!

# די פארשניטענע היימשטאָט

יוסף אכטמאַן
תל־אביב



**דער משוגענער אברהמעלע, — פון די פּאָפּולערסטע געשטאַלטן אין פארמלחמי־דיקן לובלין. (דאָס בילד האָט צוגעשיקט פרוי בלומבערג פון אויסטראַליע).**

אויך איצט, ווען מיר פרייען זיך און פייערן 31 יאָר מדינת ישראל, פאַרדעקט נאָך אַלץ א וואָלקן אונדזער שמחה, ווען מיר דערמאָנען די זעקס מיליאָן קדושים און די הונדערטער קהילות, וואָס דער היטלער־רעזשים האָט אומגעבראַכט, צווישן זיי — אויך אונדזער שטאָט לובלין, מיט איר ברויזנדיק קולטורעל־געזעלשאפטלעך לעבן, מיט די הונדערטער אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, געשאפענע פון עקסטרעם רעכטע ביז עקסטרעם לינקע קרייזן, פון פרומע און פרייע. דערמאָנט זיך נאָר: "רעוווקאָם" אין 20סטן יאָר, "הזמיר" אויף ריבנע, דער האַנדלס־אָנגעשטעלטער פאַריין ("סטאָוואַזשישעניע") אויף לובארטאַווסקע 24, וווּ ס'זענען פאָרגעקומען רעפעראַטן, דיסקוסיעס, מאַסקן־בעלער און שמחות; די "רוסאַלקע", וווּ מ'האָט געשפּילט יידיש טעאַטער און דאָרט זענען פאָרגעקומען מאַסן־מיטינגן צו די סיים־ און שטאָטראַט־וואַלן. אויף יענעם אָרט האָט די יוגנט אויך געקענט דינגען שיפלעך אויף דער שעה, זיך "לודקעווען" אויף דער ביסטזשיצע דורך דער זאַמוישקע־גאַס, ביז דער וואָליער־לאָנקע, קראָזעס מיל און בריקמאַנס גאָרבעריי.

לובלין, מיין פארשניטענע היימשטאָט, מיט די 2 יידישע גימנאַזיעס, יידיש שפּיטאָל, ישיבת חכמי לובלין, "אָכראָנע", מושב זקנים, מיט די גאַסן און געסלעך, דער טשאָטיק, טשעכיוו, אונטערן־שלאָס, אונטערן לאַזער, די ראַשע־גאַס (רוסקע), נאַדסטאַווע, געדיכט באַוווינט מיט דער אָרעמקייט. און לובלין מיט די בכבודיקע גאַסן שאָפּענאַ, עוואַנגעליצקע, קראַקאָווסקיע־פּשעדמיעשטשע, אָגראָדאָווע, ראַדזשיווילאָ־ווסקע, זאַמוישקע און לובארטאַווסקע, באַוווינט פון דער "אַריסטאָקראַטיע" און מיטלשטאַנד. אָבער אַלע טייערע יידן, טיף איינגעבאַקענע ביי אונדז אין האַרצן.

היינט, אין 37סטן יזכור־טאָג, זאָגן מיר "איכה" און זיצן נאָך אַלץ שבעה נאָך אונדזער לובלין, נאָך אונדזער פארשניטענער פאַרגאַנגענהייט. טרייסט און האָפענונג געפינען מיר אין מדינת ישראל, און א פאַרזיכערונג, אַז די מדינה שטייט אויף דער וואַך, אַז די קאָשמאַרע טעג זאָלן זיך מער נישט איבערחזרן.

## זכרונות פון דער אָקופּירטער פראנקרייך

מענדל לעווינבוים ז"ל

אין טאָג פון 22טן יוני 1941, ווען די היטלער־האָרדעס זענען באפאלן זייער נעכטיקן מיט־שותף, סטאלין, האָט א זשאנדאר מיך אויפגעוועקט גאנץ פרי אין באראק נומער 11 אין יומעלי ליבער, געהייסן מיך שנעל אראפגיין פון דער נארע, זיך ארומוואשן, אָפּראַזירן און זיך שטעלן פארן קאָמענדאנט. פרעגן פארוואָס — טאָר מען נישט. ס'איז א באפעל: 9 אזייגער זאָל איך זיך מעלדן צו דער צייט. א פחד האָט מיך ארומגענומען, איך בין געבליבן ווי אָן לשון, כאָטש איך האָב זיך נישט געפילט פארזינדיקט, זענען מיר געקומען פארשידענע רעיונות אין קאָפּ, אז די פראנצויזישע מיטהעלפער פון היטלערן, האָבן זיך צוגעאיילט מיט א מסירה צום קאָמענדאנט, אז איך פיר פראָפּאגאנדע מען זאָל אנטלויפן פון לאגער. אָבער איך האָב נישט געהאט קיין צווייטן אויסוועג און געמוזט ווארטן אויף מיין פסק־דין; איך האָב שוין נישט געטראכט וועגן דעם ביסל שווארצע קאפע מיטן שטיקל ברויט וואס איך האָב געהאט געהאלטן אונטערן קישן,, נאָר געשטאנען פאר דער טיר פון קאנצעלאריע אין מיינע געהאקטע ווונדן.

ענדלעך האט זיך געעפנט די טיר — מ'האָט אויסגער. פן עטלעכע נעמען. איך בין געווען צווישן די ערשטע אויף דער ליסטע. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען דער קאָמענדאנט האָט מיך געבעטן זיצן און געשטעלט די פראגע, צי האָב איך געשריבן א בריוו צום מארשאל פעטען וועגן א באפרייונג פאר די אינוואלידן פון פּיטיוויע. איך האָב געענטפערט: "ריכטיק!" האָט ער מיר געשטעלט נאָך א פראגע: "ווי אזוי האָב איך באוויזן ארויסצושיקן א בריוו!" האָב איך דערציילט: אזוי ווי מיין אינוואלידן־פענסיע איז אָנגעקומען צו מיין פרוי קיין פאריז און דער באאמטער האָט געזאָגט, אז ער קאָן איר נישט אויסצאָלן, נאָר דירעקט אויף דעם נאָמען צו וועמען ס'איז געשיקט, האָט זי אויפגעגעבן, אז איך בין אין לאגער פּיטיוויע. האָט ער אַלץ נאָטירט און איבערגעשיקט אהער. פון דאנען האָט מען אונטער דעם אויפזיכט פון א זשאנדאר מיך געשיקט צו דער "פּעיערי זשענעראל". גייענדיק אין שטאָט אריין, האָבן צוויי דייטשע זשאנדארן אונדז פארהאלטן און גענומען שרייען אויף דעם 'פראַנצוזו וואָס האָט מיך געפירט, פארוואָס ער האָט נישט סאלוטירט דער אָקופּאציע־מאכט. אזוי ווי ער האָט נישט פארשטאנען קיין דייטש, האָב איך איבערגעזעצט אויף פראנצויזיש. האָט דער מיר געזאגט, איך זאָל אין זיין נאָמען בעטן ביי זיי אנטשולדיקונג. איצט האָבן זיי זיך געוואָנדן צו מיר מיט דער פראגע: "און דו, וואָס ביסטו!" האָב איך געענטפערט א "יודע" און דערפאר זענען מיר אין לאגער פארשפארט איבער 5,000 מאן. האָט ער געגעבן א קאָפּע דעם פראנצויזישן זשאנדאר און אים געוואָרנט, אז אויב ער וועט נישט אָפּגעבן קיין ערע די דייטשן, וועט אויך ער ווערן פארשפארט. אהיים גייענדיק, האָב איך געבעטן דעם זשאנדאר ער זאָל מיט מיר אריינגיין אין א קאפע, ווייל פון 6 פרי האָב איך נאך נישט געהאט אין מיין מויל קיין ביסל ווארעם וואסער. און דאָרט האָב איך געבעטן דעם קעלנער, ער זאָל אוועקשיקן דעם בריוו צום מארשאל פעטען.

נאָך דער דערציילונג, האָט דער קאָמענדאנט ארויסגענומען א בריוו און אים איבערגעלייענט, אז מיין ביטע איז גענומען געווארן צו קענטעניש און איז איבערגעשיקט געווארן צום פרעפעקט פון אָרלעאַן. אין 4 טעג ארום איז אָנגעקומען די באפרייאונג פאר מיר מיט נאָך 24 אינוואלידן.

←

★

איצט וויל איך קלאָר מאכן, ווי אזוי איז דאָס אלעס פאָרגעקומען, אז צו מיר האָט זיך גענומען דער קוראזש צו שרייבן אזא ביטע צום מארשאל.

נאָך דעם ווי מען האָט פארשפארט די ערשטע 5,000 יידן, האָב איך זיך נישט געקענט מוחל זיין דעם פארראט פון דער פראנצויזישער פאָליציי, וואָס האָט קאָלאַבאָרירט מיט די נאציס. דערצו נאָך האָט מען אויסגעקליבן אמיינסטנס די פרייוויליקע און פראָנט־קעמפער, צווישן זיי — א היפשע צאָל קריגס־אינוואלידן. האָב איך אָנגעהויבן מאכן פראָפאגאנדע אין לאגער, אז ווער סע קען, זאָל לויפן, ווייל פראנקרייך איז פארקויפט, די 5טע קאָלאָנע ארבעט פראנק און פריי. דאָס איז נישט געפעלן געוואָרן די אומדירעקטע מיטהעלפערס פון דער קאָמוניסטישער פארטיי און מ'האָט אָנגעהויבן טייטלען אויף מיר מיט די פינגער, אז איך בין א פאררעטער, ווייל ס'איז דאָ א באפעל פון דער פארטיי נישט צו לויפן. איך האָב אָבער פארשטאנען, אז דאָס איז דער איינציקער אויסוועג זיך צו ראטעווען, ווייל מען פירט ארויס א סך אויף ארבעט אין דאָרף און אויך אין שטעטל — קאָן מען לייכט אנטלויפן.

זעענדיק אז מען ווייכט פון מיר, האָב איך באשלאָסן אויף אייגענע אחריות אנצושרייבן א בריוו קיין ווישי, דירעקט צום מארשאל פעטען, מיט אן אָנפראגע, צו איז דאָס מיטן הסכם פון אייך, אז א קריגס־פארוואונדעטער וואס איז נישט געפאלן טויט אויפן פראָנט, זאָל אויסגיין אין א קאָנצענטראציע־לאגער. איך האָב אָנגעגעבן מיין נאָמען און אדרעס, דעם פראָצענט אינוואלידשאפט און די הויכע אויסצייכענונג מיינע — און פארענדיקט מיט דעם ווונטש צום מארשאל: „איך פארהאָף, אז איר וועט מיר געבן א ריכטיקן ענטפער. מיט דאנקבארקייט פאָרויס — מענדל לעווינבוים". עס האָט געדויערט בלויז אכט טעג און איך האָב באקומען ענטפער. (דער אָריגינאל איז נאָך היינט ביי מיר אין די הענט. א פאָטאָקאָפּיע האָב איך אריינגעגעבן אין מעמאָריאל, ווי אויך אין דעם בוך פון די יידישע פראָנט־קעמפער).

★

צומאָרגנס האָט מען מיך געזוכט צו נעמען אין דראנסי, נאר אזוי ווי איך האָב שוין נישט געהאט ווי ארייינצוגיין שלאָפן, בין איך אוועק אין א פאבריק פון מעבל אין מאנטרוי, ביי א פראנצויז, און דאָרט איבערגענעכטיקט. דערנאָך בין איך אריבער אין דער פרי״ער זאָנע, מאנדאָר און אריינגעטראָטן אין דער רעזיסטאנס, ווו מען האָט מיר געמאכט פאלשע פאפירן מיט שפייז־קארטן, אויף א קריסטלעכן נאָמען, אלס געבוירענער אין מאמענהיים — עלזאס. איך בין אויך געשיקט געוואָרן קיין ליאָן און גרענאָבל, כדי אָנצופירן מיט דער געווער־אקציע פאר דער רעזיסטאנס. אזוי בין איך געכאפט געוואָרן פון דער מיליץ אין ביזשאָ, ווו איך האָב געהאט ביי זיך פאלשע דאָקומענטן און שפייז־קארטן. גראָד האָב איך אָנגעטראָפן אויף א פראנצויזישן מיליציאנט, נישט קיין איבערשפיצטער. איך האָב געבעטן, ער זאָל מיר דערלויבן גיין אין דער קאבינע, ווו איך האָב די פאפירן אראָפגעלאזט מיטן וואסער, זיך ארויפגעכאפט אויף דעם פענצטער, אראפגעלאזט פון דאָרט אין א גרוב וואָס פירט צום וואלד — און בין פארשוווּנדן

אזוי ווי זיי האָבן געהאט פארהאלטן א גרויסע צאָל רייזנדיקע פון דעם צוג, האָבן זיי פארגעסן אין מיר. איך בין געבליבן נעכטיקן אין א סטאָדאָלע ביז 5 פארטאג, צופוס אָנגעקומען קיין מעהמאק. דארט בין איך אריין צום שעף פון דער פאליציי, וואָס האָט מיטגעארבעט מיט דער אונטערגרונט. ער האָט צו וויסן געגעבן אין מיין אפטיילונג פון איססעל, וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען. פון דארט בין איך מיט קייטלעך אויף די הענט, כלומרשט אלס ארעסטאנט, איבערגעפירט געוואָרן צוריק אין וואלד אריין. אזוי נאָך האָב איך זיך אדורכגעשטופט ביז צו דער באפרייאונג.

★

זאָל מיר דערלויבט זיין צו דערמאָנען די רשימה פון א צאָל לובלינער יידן, וואָס איך האָב זיי אגיטירט צו מאכן ויברח — נאָר זיי האָבן מיך נישט געוואלט הערן און אלע זענען אומגעקומען. דאָס זענען געווען: גרשון גרענדער, דוד ראָזענבוים, משה שטרופמאן, ישראל זשעלאזאָ, וואלעכמאן, שלמה (לייבעלע עדעלשטיינס שוואָגער), נחום ווייספעלד, ישראל עדעלשטיין, מייזעלס, פיעטרושקא און אנדערע. עס זענען פאראן לעבעדיקע עדות: שפירא מיט זיין פרוי (איך האָב זיי געמאכט פאלשע פאפירן); אנדזשע דאווידסאן (אפילו ארויסגעשיקט אויפפאָדערונגס־פאפירן ווי נאר זי איז ארויס פון תפיסה און זי געבראכט קיין איססעל קארעז); אלכסנדר גוטהארץ.

ווי נאָר פאריז איז געוואָרן באפרייט, האָט מען מיך איבערגעשיקט אין דער מיליץ אויף רי רעאמיר 7, אונטער דער אָנפירערשאפט פון דעם קאָמענדאנט פיער מיאלע, דער זעלבער וואָס האָט געהאלטן, אז איך האָב געהאט רעכט מיט מיין האנדלונג אין פיטיוויע און מיר געגעבן דעם קאָנטאקט צו דער פארטיזאנער־אָפטיילונג.

אין צווישנצייט האָט די פאָליציי איבערגעגעבן מיין דירה אן אינוואליד פון דער ערשטער וועלט־קריג און איך האָב נישט געהאט ווו ארייינצוגיין. האָב איך מיין זון אריינגעגעבן אין א קינדער־היים פון די עלזאסער רעפוזשע אין איססעל און מיך האָט מען פאָרלויפיק באזעצט אין א האָטעל, ווו איך האָב אראָפגעברענגט מיין זון, ביז מיר איז געלונגען צו באקומען צייטווייליק א דירה פון אייגענע, וואָס זענען אויך געוואָרן דעפארטירט, מיט דער פארזיכערונג, אז איך וועל זי זאָפאָרט אָפגעבן, אויב ווער וועט צוריק קומען פון דער פאמיליע. ליידער, איז קיינער נישט צוריק געקומען....



יהודי בגיטו לובלין (מתוך האלבום "מקומות המרטירולוגיה והלחימה של יהודים על אדמת פולין, בשנים 1939 — 1945).

א ייד אין לובלינער געטאָ (פון אלבאָם "ערטער פון מארטיראָלאָגיע און קאמף פון יידן איף דער פוילישער ערד אין די יאָרן 1939 — 1945". דער־שינען אין ווארשע, 1978, אין זעקס שפראכן, 40 בילדער).

# די פטירה פון מיין פאָטער משה׳לע אייזענבערג ז״ל אין געטאָ מיידאַן טאַטאַרסקי

ישראל אייזענבערג / לאָס-אַנזשעלעס

## א קאַפּיטל פונעם בוך ״פּאַר וואָס גראָד איך?״ וואָס דערשיינט בקרוב אין פאַרלאַג ״ישראל-בוך״.

אין מיידאַן טאַטאַרסקי אַרבעטן אַלע. עס פעלן אפילו אויס אַרבעטס-הענט. איך באַלאַנג נאָך צו ליפּאָווע 7. יעדן אין דער פרי געזעגן איך זיך מיט מיין פרוי און פּיצל קינד און גיי אַוועק אַהין.

דער יודענראַט נייטיקט זיך אין אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און באַאַמטע אין דעם איינגעשרומפּענעם געטאָ. א געוויסן טאָג האָט דער פרעזעס פון יודענראַט, אַדוואָקאַט ד״ר מאַרעק אַלטען, באַגעגנט מיין פאָטער ביים טויער פון געטאָ. ביידע האָבן זיך געקענט סיי פון לובלינער שטאָטראַט, ווו זיי זענען געווען ראַטמענער, סיי פון דער קהילה, ווי דאָזאָרעס, ווי אויך פון אַנדערע יידיש-געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן ביזן חורבן. ד״ר אַלטען האָט רעפּרעזענטירט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, בעת מיין פאָטער איז געווען דער פאָרשטייער פון אגודת ישראל. איצט באַשטימט ד״ר אַלטען, אַז משה׳לע אייזענבערג זאָל אַרבעטן אויף דער געטאָ-פּאָסט. די אַרבעט איז נישט געווען קיין שווערע. אין משך פון א וואָך זענען אָנגעקומען א 20 בריוו פון יידן פון אויסלאַנד צו זייערע קרובים אין לובלין, וואָס דער גרעסטער טייל איז שוין געוואָרן אויסגעשאָסן אין קרעמפּיצער וואַלד, צי פאַרברענט געוואָרן אין בעלזשעץ אָדער פאַרגאַזט געוואָרן אין מיידאַנעק. נאָר די דייטשן האָבן געלאָזט פונקציאָנירן יידישע פּאָסט-אַמטן, כדי שאַפן אין דער וועלט דעם איינדרוק, אַז אין דער אָקופּירטער פּוילן גייט נאָך אָן א נאָרמאַל יידיש לעבן.

מיין פאָטער האָט די בריוו באַקומען פון פּוילישן פּאָסט-אַמט אין לובלין. צווישן די עטלעכע הונדערט אַדרעסאַטן זענען אין פאַרלויף פון דער צייט געבליבן לעבן יחידים — און צו זיי זענען די בריוו יאָ דערגאַנגען. אַזאַ ייד האָט באַדאַרפט מיט זיין אונטערשריפט באַשטעטיקן דעם באַקומענעם בריוו. דאַקעגן שפּייזפּאַקעטן אָדער פּעקלעך מיט מלבושים, האָט נישט זוכה געווען אָפּצונעמען אפילו דער לעבן געבליבענער ייד, פאַר ווען דאָס איז געווען באַשטימט. אַזעלכע פּעקלעך האָט מען אויפגעעפנט אין יודענראַט און צעטיילט צווישן זיך דאָס עסנוואַרג און מלבושים. נישט איינמאָל האָב איך געהערט ווי מיין פאָטער האָט אונדז דערציילט:

— ווי נאָר די פון יודענראַט האָבן פאַרטיילט צווישן זיך דאָס פּעקל, האָב איך געבעטן זיי זאָלן דאָס נישט טאָן, ס׳איז דאָך נישט זייערס. כ׳האָב זיי אפילו געוואָרנט, אַז מיט אַזאַ עסן קאָן מען נאָך דערשטיקט ווערן... אָבער זיי האָבן מיך נישט געהערט!

די דאָזיקע ״שיינע יידן״ האָבן גענומען ביי אַנדערע און — נישט דערשטיקט געוואָרן. אויב אין גרויסן געטאָ, אין שטאָט, האָבן די מנהיגים זיך נאָך גערעכנט מיט זייער כבוד און פּרעסטיזש, איז דאָס אַלץ פאַרשוואונדן אין מיידאַן טאַטאַרסקי. דאָ האָבן מענטשן זיך באַפרייט פון מאָראַלישע ווערטן, פאַרלוירן זייער זעלבסטווירדע, נישט גערעכנט זיך מיט קיינעמען. פיל פון זיי זענען געבליבן איינזאַם, עלנט, נאָך דעם ווי מ׳האָט אַוועקגענומען זייערע פרויען, קינדער, עלטערן, שוועסטער און ברידער.

מי לחיים ומי למוות, ווער עס זאָל בלייבן און ווען אומברענגען, איז אין יענע צייטן אויך געווען אָפּהענגיק, אין א געוויסער מאָס. צו וועלכער אַרבעטס-גרופּע מ׳האָט געהערט. אויב די סעלעקציע האָט אַדורכגעפירט אַן אָפּטיילונג פון דער ס.ד. (זיכערהייט-דינסט), האָבן זיי באַשטימט צום אומברענגען די וואָס האָבן געהאַט אַרבעטס-קאַרטן אָדער אויסווייזן פון דער ס.ס.- צי פון אַן אַנדערער דייטשער אָרגאַניזאַציע. און פאַרקערט — לויטן אַלטן כלל, אַז אויב די נעמסט ״מיינע יודען״, וועל איך נעמען ״דיינע יודען״.

געווען אויך אַזעלכע יידן, וואָס נישט לאַנג האָבן זיי געטרויערט אויפן טויט פון דער פרוי און גאַנץ שנעל אויסגעפונען א ״קוזינקע״, מיט וועלכער מ׳האָט געפירט א הפקרדיק לעבן. פון דער דאָזיקער דעמאָראַליזאַציע און גייסטיקער ירידה, האָט מיין פאָטער געהאַט שטאַרק עגמת-נפש. באַזונדערס האָט אים וויי געטאָן, ווען ער האָט געזען ווי אייניקע געוועזענע עסקנים, דאָזאָרעס, פּאַרטיי-טוערס, זענען געוואָרן לעב-יונגען, וואָס האָבן אומפאַרשעמט דערקלערט: ״היינט לעב איך — מאָרגן איז אויס״. יידישע גימנאַזיסטן און געוועזענע סטודענטן, דער שטאָלץ פון זייערע עלטערן, זענען געוואָרן אונדזערע אויפזעערס.

אויך אין מיידאַן טאַטאַרסקי, ווי אין פריערדיקן געטאָ, האָב איך זיך נישט אָנגעשטויסן אויף אַן אמתדיק חסידישן יונגערמאַן, צי עלטערן, גלויביקן ייד, וואָס זאָל וועלן דינען די דייטשן און זיך איזדעקעווען איבער זיינע אייגענע ברידער.

אין געטאָ זענען געבליבן געציילטע פרומע יידן. איז געווען אוממעגלעך צונויפצושטעלן א מנין צום דאַווענען. די יונגערע האָבן גאָר פרי געמוזט גיין אַרבעטן אויף די פאַרשידענע פּלאַצוווקעס און די עלטערע האָבן געדאַוונט ביחידות. יעדן אין דער פרי ביים דאַווענען, בעתן לייגן די תפילין, פלעגט מיין טאַטע א פרעג טאָן:

— וואָס האָט געאַרט דעם רבונו-של-עולם, אַז יידן האָבן יעדן טאָג מתפלל געווען צו אים מיט התלהבות און אמונה אין די שילן, שטיבלעך און בתי-מדרשים? נאָר ווי קום איך צו שטעלן אַזעלכע שאלות — ווי מעג איך גאָר אַזעלכעס פרעגן?

נישט אַנדערש, דער האַר אין הימל האָט געטאָן א גרויסן חסד מיט מיין פאָטער. נאָך איידער מ׳האָט ליקווידירט דאָס געטאָ אין מיידאַן טאַטאַרסקי, האָט ער אויף שטענדיק פאַרמאַכט זיינע אויגן, אויפן אייגענעם בעט. אין חודש מאַי 1942 האָט אין געטאָ געבושעוועט דער טיפוס. א סך קרבנות זענען דעמאָלט געווען. אויך מיין פאָטער האָט אָנגעהויבן ליידן פון דער אַנשטעקנדיקער קראַנקייט. קיין רעצעפּטן און דאָקטוירים זענען נישט געווען. אויך די אַנטי-סאַניטאַרע באַדינגונגען און שלעכטע דערנערונג, האָבן געהאָלפן זייען טויט און פאַרוויסטונג. נאָך עטלעכע טעג ליגן אין הויכן פיבער און שווערער קראַנקייט, איז מיין טאַטע נפטר געוואָרן זונטיק דעם 31סטן מאַי 1942 (ט״ו סיון תש״ב).

יענעם טאָג בין איך נישט אַוועק צו דער אַרבעט אויף ליפּאָווע 7, וואָס איז פון מיין זייט געווען א געפערלעכע ריזיקע, ווייל אין פאַל פון א קאָנטראָל, ווער איך דערשאָסן. נאָר איך האָב געוואָלט ביי זיין די לעצטע מינוטן פון מיין טאַטן, ווען כ׳האָב זייער געשעצט, ליב געהאַט און פאַרערט. א שעה פאַר זיין יציאת

הנשמה, האָט ער זיך צעוויינט, מיט די פאַרטערטע אויגן געקוקט אויף דער מאַמען, אויף מיין פרוי, אויף מיר און אויף אונדזער זונעלע דוד׳ל — און מיט אַ כליפּענדיק קול זיך אָנגערופן:

— ביי וועמען לאָז איך אייך איבער?!... אוי, רבונו־של־עולם!

— האָט ער ארויסגעקרעכצט און אויסגעהויכט זיין נשמה. מיר אַלע האָבן אים געוואָלט טרייסטן און זאָגן, אַז השם יתברך וועט העלפן — אָבער שוין נישט באַוויזן.

יענעם זונטיק וועל איך נישט פאַרגעסן. ווי נאָר דער טאַטע האָט צוגעמאַכט זיינע אויגן, האָב איך אָנגעהויבן זיך ברעכן דעם קאָפּ: ווי אַזוי ברענגען דעם נפטר צו קבר ישראל? ווי אַזוי אים מאַכן די טהרה? וואָס וועט זיין מיט תכריכים? אַזאַ ייד אַ קדוש דאַרף מען דאָך קובר זיין כדת וכדין, אפילו ווען דאָס איז אוממעגלעך אין יענע שווידערלעכע באַדינגונגען. ווי אַזוי פירט מען אים ארויס פון דעם פאַרצוימטן און גוט געהיטענעם געטאָ? ווו נעמט מען פערד־און־וואָגן אים איבערצופירן אויפן בית החיים אויף דער אוניצקע גאַס, וואָס געפינט זיך גאַנץ ווייט פון מיידאַן טאַטאַרסקי? און ווער וועט מיר העלפן גראָבן דעם קבר, וויסנדיק, אַז ער שטעלט איין זיין לעבן?

בשעת איך בין פאַרזונקען אין די אַלע מחשבות, זע איך נישט דערוויילע קיין שום לייזונג. נאָר איינס איז פאַר מיר קלאָר: כ׳וועל דעם טאַטן קובר זיין אויפן לובלינער בית החיים, כדת משה וישראל...

# די מסירת־נפשדיקע קבורה

ליגנדיק בייגאַכט אויף דער פּאָדלאָגע, נישט ווייט פונעם פאַרשטאָרבענעם טאַטן, האָב איך זיך דערמאָנט אין ספר בראשית, די פרשה ויחי, ווו ס׳ווערט דערציילט, אַז פאַרן טויט האָט יעקב אבינו צונויפגערופן זיינע צען זין, אויך אפרימען און מנשהן און געבעטן אַ צוזאָג, אַז זיי וועלן אים ארויסנעמען פון מצרים און ברענגען צו קבר ישראל. (אַ סברה, אַז פון דעם האָט זיך געשאַפן דאָס ווערטל: ״איין טאַטע קאָן אויסהאַלטן צען קינדער, אָבער צען קינדער זענען נישט מסוגל אויסצוהאַלטן איין טאַטן״)... דעם אמת געזאָגט, איז דאָס נישט געווען קיין בפירושער פאַרלאַנג פון טאַטן, אים ארויספירן נאָכן טויט פון מיידאַן טאַטאַרסקי און ברענגען צו קבר ישראל, נאָר איך האָב דאָס געפילט אין די טעג פון זיין קראַנקייט און אוודאי און אוודאי — אין זיין לעצטן בליק, איידער ר׳האָט צוגעמאַכט די אויגן. איצט, אין דער נאַכט־שטילקייט, לאָזן זיך וועבן פאַרשידענע פּלענער און ביסלעכווייז ווערן אויסגעאַרבעט פּרטים פון אַן אונטערנעמונג, וואָס האָט טאַקע אויסגעזען צו זיין פאַנטאַסטיש, נישט דורכפירבאַר, דאָך איז מיר נישט איינגעפאַלן צו רעזיגנירן.

גאַנץ פרי בין איך אַוועק צו דעם לובלינער פרומען ייד, ר׳ אהרון ברוך אהרונסון און געבעטן זיין הילף. ער, ווי אַלע יידן אין געטאָ האָבן געוווּסט, אַז יעדער געשטאָרבענער אין מיידאַן טאַטאַרסקי, ווערט געבערענגט אין אַ שאַפע ביים געטאָ־טויער. נאָך דעם ווי עס זאַמלען זיך דאָרט אָן עטלעכע מתים, ווערן זיי אויף אַ פּלאַטפאָרמע ארויסגעפירט אויסער דעם געטאָ און מ׳איז זיי קובר אין אַ מאַסן־גרוב אויף אַ פּלאַץ, וועלכן די געסטאַפּאָ האָט צוגעטיילט דעם יודענראַט. ר׳ אהרון ברוך האָט מיט מיר מסכים געווען, אַז משה׳לע אייזנבערג דאַרף מען נישט קובר זיין אין מאַסן־גרוב, נאָר ברענגען צו קבר ישראל אויפן בית עלמין. די חברה קדישא אין געטאָ איז באַשטאַנען פון צוויי יידן: נטע באַרנשטיין און שלמה עפּשטיין, דער זון פון חיים יוסף היטלמאַכער. אויך פאַר דער מלחמה האָבן זיי באַלאַנגט צו דער חסד של אמת. איצט האָבן זיי מיט דער באַשטעטיקונג און געהעריקע אויסווייזן פון יודענראַט, זיך פאַרנומען מיט דער גרויסער מצוה. זיי האָבן געטראָגן די זעלבע היטלען ווי די יידישע פּאָליציאַנטן.

אַזוי ווי שלמה עפּשטיין איז געווען אַ תלמיד פון מיין טאַטן אינעם בית־המדרש פון דער חברה נושאים, ווו ער האָט יעדן אָוונט געלערנט דעם דף יומי, האָב איך זיך געוואָנדן, אַז ער זאָל העלפן. ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז גרייט צו באַזאָרגן תכריכים, צו העלפן מיט דער טהרה, נאָר פאַרלאָזן דאָס געטאָ מיט איין מת, דערצו נאָך אַזאַ ווייטן מהלך — וויל ער נישט ריזיקירן. ער וועט פאַרלירן נישט נאָר זיין אַרבעטס־קאַרטע, נאָר אויך דאָס לעבן.

מאָנטיק פרי האָב איך דעם טויטן קערפּער איבערגעפירט אין אַ ליידיקע הייזקע אין געטאָ, אַ דאַנק דער הילף פון ר׳ אהרון ברוך אהרונסון און שלמה עפּשטיין. פון עטלעכע ברעטלעך צונויפגעקלאַפּט אַ טהרה־ברעט, געבערענגט עטלעכע עמערס וואַסער, אָנגעצונדן צוויי ליכט צוקאָפּנס — און אדורכגעפירט די טהרה לויט אַלע כללים און דינים, ווי מ׳האָט עס געטאָן פאַרן קריג מיט אַ גרויסן צדיק אָדער רבין.

פאַר דער צייט וואָס מיר האָבן זיך עוסק געווען מיט דער טהרה, האָט מיין מאַמע זיך ארויסגעגנבעט פון געטאָ, כדי אויסצוגעפינען אַ פּאָלאַק מיט אַ פערד־און־וואָגן. נאָכן פאַרענדיקן די טהרה, האָט מען צונויפגעקלאַפּט אַן ארון, אָנגעטאָן דעם מת די תכריכים און אוועק צו דער פאַרצאַמונג אין געטאָ ווו אין די דראָטן איז געווען אַן עפענונג. אויף יענער זייט האָט די מאַמע שוין געוואַרט מיטן קריסטלעכן בעל־עגלה. איך און מיין ברודער שלמה׳לע האָבן ארויסגענומען דעם ארון אויף דער צווייטער זייט, אים ארויפגעלייגט אויף דעם וואָגן, אַלץ פאַרדעקט מיט שטרוי און צוזאַמען מיט דער מאַמען, דורך די הינטערגעסלעך פון בראָנאָוויץ, זענען מיר בשלום געקומען אויף דער אוניצקע גאַס. אָט דערנענטערן מיר זיך צום בית־עלמין. דער טויער איז אָפן, דער אַריינפאַר — פריי. איך באַשליס קובר צו זיין דעם טאַטן נעבן דעם אהל פון לובלינער רב און ראש הישיבה, הרב מאיר שאַפּירא, כדי נאָכן קריג וויסן דאָס אָרט ווו דער טאַטע ליגט.

דער פּאָלאַק האָט מיטגעבערענגט צוויי לאָפּעטעס. איך און שלמה׳לע האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו גראָבן דעם קבר מיט גרויס יראת הכבוד, נאָר דער קריסט האָט אונדז כסדר אונטערגעיאָגט און אפילו געדראָט, אַז ער לאָזט אונדז איבער מיט דער מאַמען און פאָרט אַוועק. אַ סך שוויס און טרערן האָבן מיר אַלע פאַרגאָסן ביי דער אַרבעט — נאָר צוריק געפאָרן אין געטאָ מיטן געפיל, אַז מ׳האָט געטאָן דעם רצון פון נפטר. זיצנדיק אויף דער פור וועלכע האָט אונדז געפירט אין מיידאַן טאַטאַרסקי, האָב איך געשמועסט מיט דער מאַמען, אַז אין אַזעלכע ביטערע צייטן פאַר יידן, האָט דער טאַטע געהאַט אַ גרויס זכות געבערענגט צו ווערן צו קבר ישראל, און — אויסער דעם טאַטן — איז די משפּחה צוזאַמען. אפילו מיין קליין קינד געפינט זיך מיט אונדז.

מיר האָבן זיך דערמאָנט, ווי בעת די פאַרשידענע אַקציעס, איז אונדזער משפּחה תמיד געלונגען זיך אומצוקערן אין געטאָ, טאַקע אין דער ענגער ווינונג, צום שווערן לעבן — אָבער אַלע צוזאַמען, בעת אפילו מיטגלידער פון יודענראַט, יידישע פּאָליציאַנטן, באַאַמטע פון די פאַרשידענע אינסטיטוציעס און פון אַרבעטס־אַמט, זענען בעת די אויסזידלונגען נישט געשוינט געוואָרן. גאַנץ באַזונדערס האָבן די רוצחים זיך נישט גערעכנט מיט די פרויען און קינדער פון די דערמאָנטע יידן.

מיר אַלע זענען שטענדיק געווען צוזאַמען. בעת אַן אַקציע אָדער סעלעקציע, האָט דער טאַטע געהאַלטן אויף די הענט דוד׳לען, וואָס איז געווען כמעט דאָס איין־און־איינציקע קינד אינעם אויסגעליידיקטן געטאָ. כדאי אונטערצושטרייכן, אַז אונדזערע אַרבעטס־קאַרטן זענען נישט געווען פון די סאַמע בעסטע. איצט, אומקערנדיק זיך פונעם בית הקברות אָנעם טאַטן, האָבן זיך אַלע געפילט עלנט, איינזאַם, אָן אַ באַשיצער; יתומים, וואָס האָבן מיט איינמאָל פאַרלוירן דעם ראש המשפּחה.

מיר זענען צוריק אַריין אין געטאָ דורכן טויער, ווייל אונדז איז געלונגען זיך אויסצומישן מיטן עולם וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט. אויך מיט דעם שריט האָבן מיר אַ סך ריזיקירט — נאָר ס׳איז געלונגען •••

# חורבן לובלין

משה זילבערבערג / דרייטאָן, פאר. שטאטן

(4)

די דייטשע מאכט האָט אין די אויפגעקלעבטע פלאקאטן געדראָט מיט טויט-שטראָף די פּאָלאקן און פאָלקס-דייטשן, וועלכע מ׳וועט כאפּן ביי דער האנט ביים רויבן די פארלאָזטע יידישע דירות. הגם זיי האָבן טאקע דערשאָסן אויפן אָרט געכאפּטע פּלינדערערס, האָבן די רויבערייען נישט אויפגעהערט. יידן, וואָס זענען מיט א פאסיר-שיין פון דער מאכט געקומען דערנאָך אין זייערע פריערדיקע דירות איבערצופירן די זאכן אין געטאָ, האָבן אין רוב געטראָפן ליידיקע וווינונגען. כ׳האָב בייגעוווינט אייניקע סצענעס, ווי פורלעך, באגלייט פון יידן ווי בעת א לוויה, אויף וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען זייערע איבערגעבליבענע זאכן, זענען געוואָרן אָפּגעשטעלט דורך די ס.ס.-וואַכן, וועלכע האָבן רעווידירט, אויב עס געפינט זיך נישט דאָרט לעדער, מאנופאקטור און אנדערע סחורות. אָך-און-וויי איז געווען צו דעם יידן, ביי וועמען מ׳האָט געפונען "טריפהנע" סחורות, אָדער ער האָט געפרווט אָן א באשטעטיקונג ראטעווען זיין פארמעגן.

דאָס געטאָ, וואָס איז ביז איצט געווען אָפן און מ׳האָט אהין אריינגעפּאקט 35 טויזנט יידן, איז געוואָרן הערמעטיש פארמאכט, וואָס האָט שווער געטראָפן די יידישע האנטווערקער, סוחרים און טרעגערס. א ייד האָט זיך נישט געטאָרט באווייזן אין "אַרישן" טייל פון שטאָט, אָן א ספּעציעלער דערלויבעניש. די געסטאפּאָ און די פוילישע פּאָליציי, האָבן די יידן געכאפּטע אויסערן געטאָ, דערשאָסן אָן א געריכט. איך דערמאָן זיך א פאל, ווען כ׳האָב אוף לובארטאָווסקע גאס, אויף דער געטאַ-זייט הינטער מיר, דערהערט א יאָמערלעך געוויין און דערזען אן אָרעמע יידישע פרוי, אין די דרייסיקער יאָרן, אין באגלייטונג פון אירע צוויי טעכטערלעך, זעקס און אכט יאָר אלט, וואָס האָבן געוויינט און געשריגן:

— טאטע! טאטע! פארוואָס קומט עס דיר? גרויסער גאָט! ווּ ביסטו?

אויף דעם "ארישן" טייל גאס האָבן צוויי פוילישע פּאָליציאנטן געפירט א יידישן טרעגער, אין זיינע צעריסענע קליידער, מיט א שטריק ארום די לענדן. דער ייד, הגם ער האָט געוווּסט אז דאָס זענען זיינע לעצטע מינוטן צוליב אזא "פארברעכן" ווי געכאפּט צו ווערן אויסערן געטאָ, איז געגאנגען שטאָלץ, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, אפילו זיך נישט אומגעקוקט. דער געיאָמער פון זיין פרוי און קינדער האבן אָנגעוואָרפן אן אימה אויף אלעמען.

צוליב דער ענגשאפט אין געטאָ ווּ מ׳האָט אריינגעזעצט צוויי און מערער משפחות אין איין שטוב און די אנטי-היגיענישע באדינגונגען, האָבן זיך פארשפּרייט פארשידענע קראנקייטן, פון וועלכע ס׳זענען געשטאָרבן טויזנטער מענשן. אָבער די גרעסטע צאָל קרבנות האָט איינגעשלונגען דער פלעקן-טיפוס, וועלכער האָט זיך אויך פארשפרייט צווישן די יידישע קריגס-געפאנגענע אין לאגער אויף ליפּאָווע 7. אויסער דעם שוין איבערפולטן יידישן שפיטאָל, איז דער יודענראט געווען געצווינגען צוּ פאָרוואַנדלען די מהר"ם-שיל אין א געטא-שפיטאל נאָר פאר די טיפוס קראנקע.

פורים 1941 איז דער עולם אין געטאָ געווען באהערשט פון געמישטע געפילן. צוליבן דעם שיינעם, ווארעמען וועטער, האָט מען פארלאָזט די פארפעסטעטע, ענגע צימערן און מ׳איז ארויס אין גאס כאפּן א ביסל פרישע לופט. יידענעס האָבן אויפן הויכן קול פארקויפט המן-טאשן און דערביי זיך געווונטשן אז איבעראיאָר זאָל מען זוכה זיין צוּ פארקויפן "היטלער-טאשן". פארשטעלטע חדר-יינגלעך האָבן געזונגען פורים-לידער. דייטשן וואָס זענען דורכגעגאנגען די גאסן אין געטאָ, האָבן געלאכט און געחוזקט פון די יידן.

דער שיינער טאָג איז פארביי, נאָר עפּעס שווערע שאָטנס און א שרעקלעך פאָרגעפיל האָבן באגלייט די מענטשן, וואָס זענען איינגעשלאָפן נאָכן לייענען די מגילה. ארום 2 ביינאכט האָבן אונדז אויפגעוועקט מוראדיקע געשרייען און געוויינען. א דערשראָקענער בין איך אראַפּ פון בעט, צו צום פענצטער און דערזען א שרעקלעך בילד: הונדערטער מענער און פרויען, מיט קליינע קינדער אויף די הענט, ווערן געטריבן דורך באוואפנטע אוקראאינער און ס.ס. מיט ווילדע געשרייען, שלאָגן די צעשראָקענע יידן מיט די קאָלבעס און נאהייקעס, אז דער ברוק איז געוואָרן רויט פון בלוט. "וואָס קומט דאָ פאָר? האָט מען ווידער געבראכט קיין לובלין אויסגעזידלטע יידן פון אנדערע לענדער?" — שרייט אראָפּ פון פענצטער מיין עלטערער ברודער צבי, צו די באגלייטנדיקע יידישע פּאָליצאנטן. איינער פון זיי שרייט ארויף: "טו זיך שנעל אָן, די יידן פון לובלין ווערן אויסגעזידלט!"

די ארויסגעטריבענע זאמלט מען צונויף אין דער מהר"ם-שיל און מהרש"ל-שיל, וועלכע ווערן געהיטן פון אוקראאינער און ס.ס.-רוצחים. זיי באַוואכן אויך דאָס מיט שטעכלדראָט פארצוימטע געטאָ, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער יאטקע-גאס פון איין זייט, ביז נאָוואָריבנע פון דער אנדערע זייט. מאסן יידן וואָס באזיצן ארבעטס-קארטן, לויפן נאָך אינפאָרמאציעס צום יודענראט אויף דער גראָדזקע גאס, הגם דער יודענראט האָט שוין געהאט ארויסגעהאָנגען מעלדונגען, אין דייטש און אין יידיש, לויט דער פאַראָרדנונג פון דער מאכט, מוזן אלע נישט באשעפטיקטע יידן אין די מיליטערישע ווארשטאטן און פאבריקן — פארלאָזן די שטאָט. דאקעגן די וואָס ארבעטן און באזיצן געסטעמפּלטע ביכלעך פון דער זיכערהייטס-דינסט און וווינען אין אָפּענעם געטאָ (לובלין האָט דעמאָלט געהאט צוויי געטאָס), מוזן ביז 2 בייטאָג זיך אריבערקלויבן אין פארמאכטן געטאָ.

א גאנצן טאָג האָבן די אויסדערוויילטע, ווער אויף די פּלייצעס, ווער אויף וועגאלעך, געשלעפּט דאס ביסל אָרעמקייט פונם אָפענעם געטאָ אין פארמאכטן געטאָ. יעדער האָט געוואָלט וואָס פריער אָנקומען, כדי פארכאפּן א בעסער אָרט. דאָס געשטופּעריי איז געווען אין לשער, די ס.ס. האָבן געשלאָגן מיט די קאָלבעס איבער די קעפּ און פיל יידן זענען פארוווּנדעט געוואָרן.

דאָס פארמאכטע געטאָ איז שנעל פארפולט געוואָרן מיט טויזנטער יידן. נישט פאר אלע איז געווען אָרט אין די וווינונגען, זענען זיי געבליבן מיט די זאכן אין דרויסן. דערווייל איז די אקציע פון ארויינשטויסן טוזנטער יידן אין די שילן, געווען באגלייט מיט שרעקלעכע רציחות און א סאדיסטיש איזדעקעווען זיך איבער די פארפייניקטע יידן. די ענגשאפט אין די בתי-הכנסת איז געווען גרויס, איין צונויפגעקוועטשטע מאסע. ווי אומעטום, האָבן די שטארקע פארכאפּט אויפן שמוציקן דיל די בעסערע ערטער. מ׳האָט נישט ארויסגעלאָזט פון שיל און די באדערפענישן האָט מען דערפילט אינעווייניק. דאָס געשטאנק איז געווען אומדערטרעגלעך. אזוי האָט זיך פארענדיקט דער ערשטער טאָג פון דער אקציע — 2,500 קרבנות — און ביינאכט האָט מען געהערט די געשרייען און געזאנג פון די באזויפטע, אוקראאינישע פּאָגראָמשטשיקעס.

קיינער האָט נישט געוווּסט, וואוהין מען פירט אוועק די יידן, הגם דער יודענראט האָט אין געהיים געשיקט שליחים צוּ דערוויסן זיך וואָס איז געשען מיט די פריער ארויסגעשיקטע טראנספּאָרטן. הגם די שליחים זענען צוריק געקומען מיט זייער טרויעריקע ידיעות, אז די טראַנספּאָרטן גייען קיין בעלזשעץ, ווו מ׳האלט די יידן הינטער שטעכלדראָט (זיי האָט מען נישט צוגעלאָזט צום לאגער), אָבער זיי האָבן פון דערווייטנס געשפּירט דעם ריח פון פארברענטע קערפּערס — נאָר די יידן האָבן נישט געוואָלט גלויבן. מ׳האָט פארשפרייט קלאנגען, אז די טראנספּאָרטן גייען קיין וואָלין אָדער פּאָלעסיע, אָבער אין צווייטן טאָג פון דער אקציע איז געשען אזעלכעס, אז די גרעסטע סקעפּטיקער האָבן אָנגעהויבן גלויבן די שליחים. די ס.ס.-אָפיצירן שטראָם און קאליך זענען אריין אין יידישן שפיטאָל אויף לובארטאָווסקע, ווּ ס׳האָבן זיך געפונען הונדערטער קראנקע און געוויסע פּראָטעזשירטע יידן, וואָס האבן זיך דאָרט אויסבאהאלטן פון די אקציעס און מיט רעוואָלווערן אין די הענט געגאנגען פון בעט צו בעט און דערשאָסן די קראנקע, פארוואנדלענדיק דאָס שפיטאָל אין א שעכטהויז. די יידישע לובלין איז אויפגעשוידערט געוואָרן פון דער מאסאקרע. די וואָס האָבן געהאט עלטערן אָדער שוועסטער-ברידער אין שפּיטאָל, זענען ארומגעגאנגען ווי משוגע.

דער יודענראט, וועלכער האָט נישט געהאט קיין שום השפעה אויף די רוצחים, האָט געפּרוווט מיט א גרויסער סומע געלט איבערקויפן די דייטשן אָפּצושטעלן דעם גירוש. די באנדיטן האָבן גענומען דאָס געלט און נישט געהאלטן דעם צוזאָג. מיט א טאָג שפּעטער זענען זיי מיט לאסט-אויטאָס צוגעפאָרן צום יתומים-הויז, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען ארום פופציק יידישע קינדערלעך און באפוילן דעם פּערסאָנאל אין א האלבער שעה זיי צוגרייטן צום אָפּפאָר, ווייל דער אנשטאלט ווערט איבערגעפירט אויף אן אנדער אָרט. דעם יודענראַט האָבן זיי באפוילן צוגרייטן עסן פאר די קינדער, דערנאָך זיי אויפגעלאָדן אויף די אויטאָס, צוזאמען מיט די דערציערס און אלע צוגעפירט צו דער ביסטשיצע, געהייסן אריינגיין אין טייך און זיי דערשאָסן, אז דאָס וואסער איז געווען רויט פון בלוט. (פאראן עטלעכע ווערסיעס, ווי אזוי מ׳האָט אומגעברענגט די ״אָכראָנע״-קינדער. מעגלעך, אז דער מחבר גיט איבער איינע פון די ווערסיעס. — רעדאקציע.) די בלוטהינט זענען דערנאָך אוועק אינעם שפּיטאָל פון די טיפוס-קראנקע אויף יאטעטשנע גאס און איינציקווייז דערשאָסן די הונדערט קראנקע. איצט איז אלעמען געוואָרן קלאָר, אז די אויסגעזידלטע שיקט מען נישט אויף ארבעט, נאָר זיי ווערן פארגאזט אין לאגער בעלזשיץ.

3 וואָכן האָט געדויערט די אויסזידלונג פון די געכאפּטע יידן. טאָג-טעגלעך זענען אין די וואגאָנען ארויסגעפירט געוואָרן אין בעלזשעץ 1,500 קרבנות. די ס.ס.-באנדיטן האָבן זיך באנוצט מיט דער הילף פון דעם אלפאָנס שמאי גרייער, פון וויצע-פּרעזעס פון יודענראט קעסטענבערג און מיטגליד פון יודענראט עדעלשטיין. זיי פלעגן בארואיקן די פארבליבענע יידן, אז די ארויסגעשיקטע געפינען זיך אין ראָוונע, פינסק און אין אנדערע שטעט אויף די קרעסן, ווו די אָרטיקע יודענראטן האָבן זיי איינגעאָרדנט אויף ארבעט און אפילו געבראכט ״לעבעדיקע״ גרוסן פון די אויסגעזידלטע, אז שולדיק אין דער אקציע איז... דער לובלינער יודענראט, וועלכער האָט נישט אויסגעפירט פּינקטלעך די דירעקטיוון פון די דייטשן. שמאי גרייער פלעגט פאר גרויסע געלטער ארויסנעמען איינצעלנע פּערזאָנען פון די טראנספּארטן. זיי האָבן אויך פארשפּרייט קלאנגען, אז נאָך דער אקציע, וועט מען די איבערגעבליבענע לאָזן אין לובלין, אין פארמאכטן געטאָ.

דאָסמאל האָבן זיך די קלאנגען באשטעטיקט. דער יודענראט האָט צונויפגעזאמלט א גרויסע סומע געלט און גאָלד ביי רייכע יידן, אָנרופנדיק דאָס ״כופר נפש״ און דאָס געגעבן די דייטשן. דער גירוש איז געוואָרן אָפּגעשטעלט און די יידן האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. א פרייד געמישט מיט טרויער, האָט באהערשט דאָס געטאָ. מ׳האָט זיך געפרייט וואָס מ׳איז געבליבן אין שטאָט און געטרויערט נאָך די ארויסגעשיקטע און אומגעקומענע. ס׳איז נישט געווען קיין משפחה, וואָס זאָל נישט האָבן פארלוירן די טייערסטע.

שבת, דעם 20סטן יוני 1941, גאנץ פרי, האבן הונדערטער לאסט-אויטאָס, טאנקן, הארמאטן און אנדערע מלחמה-כלים אָנגעהויבן דורכפאָרן די גאסן פון לובלין, אין דער ריכטונג פון דער באן-סטאציע. אויפן הימל האָבן זיך באוויזן עסקאדרעס עראָפּלענען, וועלכע זענען געפלויגן אין דער ריכטונג פון דער סאָוועטישער גרענעץ. לובלין האָט זיך כמעט אויסגעליידיקט פון דייטשן מיליטער. יידן און פאָלאקן האָבן געשמועסט, אז עס וועט אויסברעכן א מלחמה צווישן די צוויי גוטע פריינט — סאָוויעט-רוסלאנד און היטלער-דייטשלאנד, טראָץ די אָפּלייקענונגען פון דער דייטשער פּרעסע און פון ״טאַס״. אָבער מיר האָבן געגלויבט דעם עפּילעפּטיקער געבעלס, וואָס האָט אמאָל געשריבן: ״ברעכט אויס א קריג צווישן רוסלאנד און אונדז, וועלן נישט נאָר קריסטן בלוטיקן, נאָר די יידן וועלן אָפּגעווישט ווערן פון אייראָפּעישן קאָנטינענט״...

ליידער, האט זיך אונדזער טרויעריקער פאָרגעפיל באשטעטיקט.

(סוף קומט)



חלק מן הקהל באזכרה לקדושי לובלין ב־21.11.78 בתל־אביב,
א טייל פון לובלינער עולם אויפן יזכור־אָוונט אין תל־אביב, 21.11.78.



teatrnn.pl

# די ליקווידאציע פון יידישן יתומים – הויז אין לובלין

(פון דער דאָקומענטן־זאַמלונג „קינדער־מאַרטיראָלאָגיע״, צונויפגעשטעלט פון נ. גרים).

די דייטשן האָבן זיך אָפּגעגעבן א דין־וחשבון, אז זיי באַגייען פאַרברעכנס און דעריבער פאַרזיכטיק מאַסקירט זייערע מעשים.

די ציווילע באַפעלקערונג האָט זיך אָריענטירט אין דער וויכטיקייט פון דעם וואָס זיי זעען, און ריזיקירנדיק טיילמאָל מיטן לעבן, אָבסערווירט, פאָטאָגראַפירט, נאָטירט, כדי עדות זאָגן ווען עס וועט קומען די צייט. א דאנק די דאָזיקע מענטשן, זענען מיר ביכולת צו רעקאָנסטרואירן געוויסע בלעטלעך פון אונדזער גרויליקער געשיכטע.

די מיטאַרבעטערין פון דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לובלין, ב. לעווין, האָט באַזוכט דעם עדות מוליאַק און אויך געפירט שמועסן מיט אנדערע שכנים און אויפן סמך פון דעם אָנגעזאמלטן מאַטעריאַל, זיך איבערצייגט, אז מוליאַקס דערציילונג איז א ריכטיקע. אגב, א באַשטעטיקונג דערויף געפינען מיר אין א צווייטן פּראָטאָקאָל פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע, ווו עס ווערט איבערגעגעבן א דערציילונג פון דעם יידישן מיליציאַנט מושקאַטבליט, אז מען האָט קינדער באַגראָבן לעבעדיקערהייט און לייכט פאַרשאָטן מיט ערד — און „פון ווייטן האָט מען געזען, ווי הענטלעך באַוועגן זיך״...

## די דערציילונג פון מוליאַק

אויף דעם וואַרשעווער שליאַך אין הויז נומער 122 פון דערפל טאַמארי, וווינט אן אלטער מענטש, וואָס פירט א רואיק לעבן אויף זיין שטיקל באַלעבאַטישקייט, צוזאַמען מיט זיין משפחה. דער דאָזיקער פויער, קאַראָל מוליאַק, האָט דורך די שפּאַרונעס פון זיין שייער געהאַט א ברייטן אויסבליק אויף די ארומיקע פעלדער, פון דאַנען האָט ער געזען זאכן וואָס מען האָט געוואָלט פאַרהוילן פון מענטשלעכע אויגן — ער האָט געזען מאַסן־מאָרדן איבער קינדער, איבער עופה׳לעך. ער דערציילט:

פרילינג 1942. איך געדענק, אז די ערד איז נאָך געווען געפרוירן און א געוויסן שבת האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַרעסטאַנטן צו גראָבן גריבער. עס איז געווען אויפן פעלד פון מאַראָווסקין, א 50—100 מעטער פון מיר. דעם גאַנצן שבת און א האַלבן זונטיק, האָט מען געגראָבן אָן אָפּרו, מאַטערנדיק זיך ביים אַרויסנעמען די געפרוירענע ערד.

נישט געקוקט אויף אַלע פאַרבאָטן אין דער שמירה פון דער „זיכערהייטס־דינסט״ (ס.ד.), פלעג איך פון מיין שייער אָבסערווירן די סודותדיקע צוגרייטונגען. דער גרוב איז געווען פינף מעטער די לענג און ביז צוויי מעטער די טיף. נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט, זענען די אַרעסטאַנטן אַוועק.

א טויטע שטילקייט האָט זיך אַרומגעטראָגן איבער די פעלדער, אין דער לופט האָט זיך געשפּירט אן אָנקום פון עפּעס שרעקלעכעס, דער הימל האָט זיך באַדעקט מיט גרויע וואָלקנס.

כ׳האָב געוואַרט.

ארום 2 אזייגער קומט צו לויפן מיין טאָכטער און דערציילט מיר, אז די באַוועגונג אויפן שאָסיי איז אָפּגעשטעלט סיי פאַר פוסגייער, סיי פאַר פורן, אפילו מיליטערישע אויטאָס לאָזט מען נישט אדורך. עס דרייען זיך ארום געסטאַפּאָ־לייט אין הויכע היטלען, שילטן און שיסן, כדי אָפּצושרעקן די נייגעריקע. זיי לאָזן אויך נישט צו קיין דייטשע זעלנער פון ווערמאַכט, וואָס געפינען זיך אין שכנותדיקן שפּיטאָל. איינער פון דער געסטאַפּאָ געפינט זיך מיט א מאַשין־ביקס אויפן בערגל, כדי צו שיסן אויף די אַרבעטער פון דער גלאָז הוטע, אויב זיי וועלן זיך צופיל אינטערעסירן מיט דעם וואָס דאַרף דאָ פאָרקומען.

מיט אמאָל באַווייזט זיך א גרויסער לאַסט־אויטאָ, צוגעדעקט מיט א שוואַרצן ברעזענט און פאָרט אַרויף אויפן פעלד, ווו ס׳איז געווען דער גרוב — א 100 מעטער פון שאָסיי, אויף א זאַמדיקן באָדן. דער וואָגן פאָרט צו מיט דעם הינטערשטן טייל צום גרוב, מען הויבט אויף דעם ברעזענט און מען דערזעט א סך קינדער, ס׳רוב אין די וויקעלעך, צווישן זיי געפינען זיך אויך צוויי עלטערע יידן. די אוקראַינער לייגן אויס די קינדער אויפן זאַמד־בערגל, א געסטאַפּאָוויעץ שיסט צו זיי פון א מאַשין־ביקס, דערנאָך וואַרפט זיי איין ייד אַריין אין גרוב און דער צווייטער שטייט אונטן און לייגט זיי אויס, אַלץ אין די וויקעלעך – צאַפּלענדיקע, איינס איבער איינס אזוי, זיי זאָלן פאַרנעמען וואָס ווייניקער אָרט.

ביידע יידן האָבן הענט איינגעריכט אין בלוט, בלאָנקען זיך ארום אויפן פעלד, ווי נישט פון דער וועלט. און א צווייטער געסטאַפּאָוויעץ באַשיט די קינדער מיט א האָגל פון קוילן, וועלנדיק דערשטיקן די אימהדיקע קולות, וואָס דערטראָגן זיך פון די נישט דערשאָסענע עופהלעך. די קרעכצן ווערן שטילער, אָבער הערן נישט אויף אין גאַנצן, גלייך די ערד וואָלט אַליין אויפגעציטערט פון די קרעכצן.

די שוידערלעכע אַרבעט איז פאַרענדיקט. דער גרוב ווערט נישט פאַרשאָטן, מ׳וואַרט אויף ווייטערדיקע טראַנספּאָרטן.

עס דויערט נישט מער ווי א שעה און עס קומט אָן א גרופּע עלטערע קינדער, זיי גייען צום טויט צו פיר אין א ריי, האַלטנדיק זיך פאַר די הענטלעך. זיי בלייבן שטיין פאַרן גרוב, דער דייטש שיסט פון א רעוואָלווער. די גופימלעך פאַלן אַריין אין גרוב און עס חזרט זיך איבער די זעלבע פּראָצעדור וואָס פריער...

בקרוב יופיע

במעגל הזעם

של שלמה שטוקפיש

הספר תורגם מיידיש
ובו זכרונות בן־עירנו משתי־מלחמות העולם,
עם תמונות ופרק נוסף ״דרכי לא״י״.

# אין דער באַפרייטער לובלין

**שלמה גייזלער**

פראַגמענט פון א דערציילונג פון יידישן סאָלדאַט אין פּוילישן מיליטער, דערשינען אין דער צווייטער בענדיקער אויסגאַבע „מול האויב הנאצי" („אנטקעגן דעם נאַצישן שונא").

דעם 22 טן יולי 1944 זענען מיר אָנגעקומען קיין לובלין ווו עס זענען נאָך פּאַרגעקומען גאַסן־קאַמפּן. מיר האָבן נאָך באַוויזן אויסצוראַטן די לעצטע ווידערשטאַנד־נעסטן פון די דייטשן. ווען איך מיט נאָך א חבר האָבן פּאַטרולירט אויף די לובלינער גאַסן, איז צו אונדז צוגעשטאַנען א ייִנגל פון א יאָר 11 און זיך געוואַנדן צו מיר אין יידיש. אויף מיין פראַגע, פון וואַנען ווייסט ער אז מיר זענען יידן, האָט ער געענטפערט, אז ער האָט מיך געהערט ריידן מיטן חבר יידיש. ער האָט דערציילט, אז אין א געוויס הויז באַהאַלטן זיך אויס א 200 יידן, צווישן זיי — אויך פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען אַרויס פון די וועלדער און במשך א וואָך צייט ווי זיי זענען איזאָלירט און געבליבן אָן עסן. איך האָב אים געפרעגט, ווי אַזוי קומט אַזאַ קינד ווי ער צו די פּאַרטיזאַנער, האָט ער דערציילט, אז ער איז געווען דער העלד אין זיין אָפּטיילונג, ווייל ער איז אָנגעקומען אויף אַזעלכע ערטער, ווו א דערוואַקסענעם וואָלט עס קיינמאָל נישט געלונגען. ער האָט זיך אפילו איינגעגנבעט אין א דייטשן שטאַב און פון דאָרט אַרויסגעטראָגן וויכטיקע פּלענער, וועלכע די פּאַרטיזאַנער האָבן איבערגעפירט צו די רוסן.

מיר האָבן באַלד מאָבילוזירט עסן און אַוועקגעשיקט פאַר זיי. מ'דאַרף אונטערשטרייכן, אז דער באַפעל אויף די באַפרייטע געביטן אז פּאַרטיזאַנער זאָלן איבערגעבן ס'געווער איז נישט געווען גילטיק לגבי די יידישע פּאַרטיזאַנער, ווייל ס'האָבן דעמאָלט גראַסירט באַנדעס פון א. ק. און אַנדערע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געמאָרדעט די פאַרבליבענע יידן.

אין אָוונט זענען מיר אָנגעקומען אין



**הפגנת ה־1 במאי של הליגה למען א״י העובדת 1932.**

**1 טע מאי דעמאָנסטראַציע אין 1932 פון דער ליגע פאַרן ארבעטנדיקן ע״י אין לובלין.**

„ישיבת חכמי לובלין", וועלכע האָט בעת דער אָקופּאַציע געדינט אלס שטאַב פון דער געסטאַפּאָ. אין איין צימער האָבן מיר געטראָפן אָנגעוואָרפן איינע אויף די אַנדערע, עטלעכע ספר־תורה'ס און אַנדערע תשמישי קדושה. הגם כ'בין נישט קיין רעליגיעזער (כ'האָב געהערט צום „השומר הצעיר"), בין איך אין אָנבליק פון די געשענדעטע הייליקייטן, געוואָרן טיף אויפגעשוידערט. פון די צענדליקער טויזנטער לובלינער יידן, זענען געבליבן א זכר — די געשענדעטע ספר־תורהס... איך מיטן חבר האָבן גענומען איין ספר־תורה און זי איבערגעגעבן די פּאַרטיזאַנער, צווישן וועלכע ס'זענען אויך געווען רעליגיעזע יידן.

אין די געציילטע טעג וואָס מיר האָבן סטאַציאָנירט אין לובלין, האָבן מיר נאָך באַוויזן צו באַזוכן דעם היטלעריסטישן טויטן־לאַגער מיידאַנעק. ס'האָבן זיך דאָרטן נאָך געוואַלגערט די טויטע קערפּערס פון די וועלכע זענען געהרגעט געוואָרן ממש אין די לעצטע שעהן פאַר דער באַפרייאונג. כ'האָב דאָרט געזען ריזיקע שיך־לאַגערן, סאָרטירט לויט קינדער־שיך, יוגנט־שיך און שיך פון דערוואַקסענע. כ'האָב זיך פאַרגעשטעלט, אז אויך מיין ברודערס שיך, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן אין לובלין אין 1940, געפונען זיך צווישן זיי.

פון לובלין זענען מיר אַוועק קיין פּולאַוו, פאַרסירט די ווייסל צו גרייטן נאָך אַן אָנגריף צום נצחון איבערן היטלעריזם. ביים פאַרסירן דעם טייך, בין איך שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין פוס. נאָכן אָפּערירן מיך אין א פעלד־לאַזאַרעט, בין איך איבערגעפירט געוואָרן אין א רוסישן שפּיטאָל אין לובלין. די באַהאַנדלונג דאָרט איז געווען א גוטע. דאָך האָב איך זיך געפילט איינזאַם און שווער געטראָפן פון די אָפּטע, בייסיקע באַמערקונגען פון די פאַרוואונדעטע רוסישע סאָלדאַטן: „ווי אַזוי קומט א ייד אויפן פראָנט? זיי זענען דאָך אַלע אַנטלאָפן קיין טאַשקענט"...

איינמאָל האָבן זיי מיך אַזוי דערצערנט, אז כ'האָב אין א היסטערישן געשריי געפרעגט, ווי אַזוי איז מעגלעך, זיי זאָלן נישט וויסן, אז טויזנטער יידן קעמפן אויף די פראָנטן? פאַר וואָס אַזעלכע פּראָוואָקאַטיווע באַשולדיקונגען? — האָב איך געפרעגט דעם אַנטלויפנדיקן פאַליטרוק פון שפּיטאָל. א דאָקטערין האָט דערהערט מיינע געשרייען און זי האָט הויך אויפן קול דערקלערט די קראַנקע:

— איך אַליין בין א יידישע, דאָך באַהאַנדל איך גלייך אַלע פאַרוואונדעטע, אָן אונטערשיד פון זייער אָפּשטאַמונג.

מיין כעס־אויסברוך האָט געהאָלפן, די יידן־העצע האָט אויפגעהערט, די יידישע דאָקטוירים האָבן זיך צו מיר באַצויגן ווי צו א ברודער.

אין מערץ 1946 בין איך פון פּוילן, דורך איטאַליע, אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

**איבערזעצט פון עברית:**
**שלמה שטאָקפיש, חיפה**

## זוכט קרובים

**אסתר גראָסבאַרד פון לובלין, געבוירן 1914 אָדער 1915, פון זאַמויסקע גאַס. דער פאָטער געווען א בלעכער. ווער עס ווייסט עפּעס וועגן איר, ביטע צו וויסן געבן צו רבקה טאוב, רחוב קזן 9, רעננה. טעלעפאָן: 34836 (052).**

**יוסף ספּירא פון דרום פראַנקרייך זוכט צביה ראָזענבערג, וואָס האָט עולה געווען אין 1933. אירע עלטערן האָבן געהאַט א פאַבריק פון סאָדע־וואַסער אין בת־ים (אויך אין לובלין). אינפאָרמאַציעס איבערגעבן צו: סיני, טעלעפאָן: 765738 (03).**

**די נומערן 5 און 10 פון "קול לובלין" פעלן אונדז צום קאָמפּלעטירן פאַרן אַרכיוו.**

**מיר דאַנקען די לאַנדסלייט: דב ליבערמאַן, יוסף ראַכמאַן, אברהם וואַלדהאָלץ און משה וואַכמאַן פאַר די צוגעשיקטע ביז איצט עקזעמפּלאַרן.**

# יידן-מאָרד אין לובלין — אויך נאָך דער באפרייונג

שלמה שטאָקפיש / חיפה

אין חודש מערץ 1946, נאָכן דעמאָביליזירן מיך פון דער רויטער ארמיי, האָב איך זיך אומגעקערט קיין לובלין און געווען דאָרט נישט מער ווי עטלעכע טעג. דערנאָך בין איך אוועק קיין ווארשע און באשטימט געוואָרן אלס פארוואלטער פונעם גרויסן יידישן רעפאטריאנטן־הויז אין גראָכוּוו, ווו ס׳איז פאר דער מלחמה געווען דער הכשרה־קיבוץ פון ״החלוץ״.

א געוויסן פרימאָרגן האָט דער פאָרזיצער פון יידישן קאָמיטעט אין פראגע-ווארשע, צו וועמען ס׳האָט געהערט די דאזיקע אכסניה, מיך אריין גערופן צו זיך אין צימער און אָנווייזנדיק אויף א פוילישע פרוי, א שוואנגערע, אין די הויכע חדשים, בעט ער מיך צו נעמען זי אין די באראקן, געבן איר א באזונדערן צימער זי זאָל זיך בארויקן און אומגעשטערט קאָנען שלאָפן.

כ׳האָב אנגעקוקט די פרוי און גלייך אלץ פארשטאנען. איר שיין פנים איז געווען גרוי ווי אש, אירע ליפן האבן געציטערט פון איינגעהאלטענעם געוויין און פון שרעק האָט זי נישט געקענט א וואָרט אויסריידן. כ׳האָב זי אָנגענומען ביים אָרעם, פאָרזיכטיק אראָפגעפירט פון די טרעפ און מיט איר איינגעשטיגן אין טראמוויי, וואָס פאָרט קיין גראָכוּוו. אויפן וועג האָט זי מיט א שטיל, דערשראָקן קול, אומקוקנדיק זיך אין אלע זייטן, מיר דערציילט:

כ׳בין געווען פארהייראט פאר א יונגן, שיינעם פאָרוטשניק פון דער פוילישער ארמיי. מיר האָבן זיך שטארק ליב געהאט און א יאָר צייט געלעבט גליקלעך און צופרידן, אין א פארטער־דירה אין לובלין, נישט ווייט פון זאקסישן גאָרטן. נעכטן ביינאכט, ווען מיר האָבן געגעסן אָוונטברויט, האָט מען אָנגעקלאפט אין טיר. אין צימער האָבן זיך ארייגעריסן דריי באוואָפנטע פאלאקן און דערשאָסן מיין מאן אויפן אָרט. איך האָב אָנגעהויבן שרייען, האָבן זיי מיר געדראָט:

— שווייג! אָט דאָס האסטו פאר ווינען מיט א ייד. אויך דיר קומט טויטשטראף, נאָר א גליק וואָס ביסט שוואנגער — לאָזן מיר דיך לעבן. נאָר ווי צו דיר, אויב וועסט מעלדן דער מיליץ. איך האָב אפילו נישט פארשלאָסן די טיר, און נישט נעמענדיק מיט זיך גאָרנישט, בין איך אויפגעשטיגן אויף א דראָזשקע אוועק צום וואָקזאל און מיטן ביינאכטיקן צוג אָנגעקומען קיין ווארשע. גוטע מענשן האָבן מיר אָנגעוויזן דעם אדרעס פון יידישן קאָמיטעט — און איצט פאָר איך מיט דיר. זאָגט: בין איך כאָטש דאָ זיכער מיטן לעבן? וועל איך דאָ קענען אויסטראָגן אונדזער קינד?

כ׳האָב זי בארויקט, אריינגעפירט אין א צימער און זי געהייסן זיך לייגן. מיטאָגצייט איז פון דער או.בע. געקומען אן אָפיציר און זי צוגענומען. מער האָב איך זי נישט געזען...

# זיי האָבן געוואָלט דערגאנצן היטלערס מאָרד-מלאכה

אברהם וואלדהאָלץ / תל־אביב

אין יאָר 1946, נאָך דער קריג, האָב איך צוזאמען מיט מיין פרוי געוווינט אין לובלין, אויף לובארטאָווסקע 1 און געארבעט אין יידישן קאָמיטעט אויף קראקאָווסקע 60, אלס באאמטער אין דער קולטור־אָפטיילונג.

א געוויסן פרימאָרגן, גייענדיק צו דער ארבעט דורך דער שוויענטאָדוסקע גאס, האָב איך באמערקט ווי א גרופע פאָלאקן לייענט א פריש געקלעבטן אויפרוף, געשריבן מיט דער האנד. אויס נייגעריקייט, בין איך געבליבן שטיין און גענומען לייענען דעם יידן־העצערישן פלאקאט פון דער א.ק. (״אַרמיאַ קראַיאָוואַ״);

״נעמט נקמה פון די יידן! זיי זענען ווידער ארויס פון די מייזלעכער. מיר דארפן זיי אויסראָטן ווי די וואנצן! מיר דארפן זיי שלאָגן — ביזן לעצטן. פוילן מוז זיין יודנריין!״

כ׳בין געוואָרן שטארק אויפגערעגט און נישט רעכנדיק זיך מיט די פאָלגן, האָב איך אראָפגעריסן דעם אנטיסעמיטישן אויפרוף, אין קעגנווארט פון די פאלאקן. צום גליק, זענען זיי זיך צעגאנגען און נישט רעאגירט. איך בין ווייטער געגאנגען, מורא־געהאט זיך אומצוקוקן, מיינענדיק, אז מ׳וועט זיך מיט מיר אָפרעכענען. די שרעק איז געווען אן אומזיסטע, קיינער האָט מיך נישט אין זינען געהאט. אויף קראקאָווסקע איז מיר אנטקעגן געקומען א קאָמיטעט־באאמטער און גיזאָגט, אז מ׳האָט טעלעפאָנירט אין קאָמיטעט, אז אין גאס הענגט א יידן־העצערישער אויפרוף — און מ׳דארף זען עפעס צו טאָן. כ׳האָב אים דערציילט, אז איך האָב שוין דעם פלאקאט אראָפגעריסן.

די גאנצע וואָך האָב איך געלעבט אין שרעק פאר דער נקמה פון די אנטיסעמיטישע א.ק., קוים ווייסן זיי ווו איך וווין. דאָס איז געווען אין א צייט, ווען די א.ק. האָט זיך גענומען דערגאנצן די יידן־אויסראָטונג, וואָס היטלער האָט אָנגעהויבן. אויף קראקאָווסקע האָבן געוווינט צוויי לובלינער תבואה־סוחרים, וועלכע זענען ביינאכט דערשאָסן געוואָרן אין זייערע וווינונגען. אויף דער קאָלאָנטאַיאגאַס האָט געוווינט א יונגער יידישער לייטענאנט (פאָרוטשניק) פון געהיימען דינסט, (חיים פעלדמאן פון כעלעם). מיט זיין שוואנגערער פרוי, א קריסטין — און אויך אים האָט אומגעברענגט די קויל פון די א.ק.־באנדיטן.

דאָס זענען נישט געווען די ערשטע, און אויך נישט די לעצטע מאָרדן פון דער שארית הפליטה אין לובלין, וועלכע ס׳האָבן אזוי קאלטבלוטיק און אכזריותדיק אדורכגעפירט די פוילישע אנטיסעמיטן.



**הוועד היהודי המחוזי בלובלין לאחר המלחמה.**
**יידישער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט אין לובלין נאָך דער באפרייונג.**

# צוריק א היים

הרב מרדכי מלאכי / תל-אביב

אין שבעה עשר בתמוז, וואָס דערמאָנט דעם טאָג ווען דער שונא האָט באַזיגט די הייליקע שטאָט ירושלים און אַרויסגעטריבן די כּהנים פון בית-המקדש און אַלע יידישע שמחות פאַרוואַנדלט אין טרויער, וואָס איז געוואָרן דער אָנהייב פון גלות פאַרן יידישן פאָלק — אָט אין אַזאַ טאָג אין יאָר תשל״ט, אין תל-אביב, האָב איך צום ערשטן מאָל באַזוכט דאָס ״לובלינער ווינקל״ אויף דיזנגאָף גאַס 158.

די זון שיקט אירע ברענענדיקע שטראַלן, די היץ איז גרויס — נאָר אויף מיר וואַרטן שוין די בני-עיר, דוד שטאָקפיש און מתתיהו האַרן, וואָס קלערן מיר אויף די באַדייטונג פון די וויטראַזשן, בילדער און ספרים, מיט וועלכע ס׳איז אויסגעשטאַט דער צימער.

א ציטער גייט אַדורך אין מיין קערפּער, ווייל די דאָזיקע אויסשטעלונג דערמאָנט די אַלטע, פאַרשניטענע היים. הינטערן גלאָז, באַלויכטן מיט עלעקטריע, זע איך די מהרש״ל-שיל, די גראַדזקע-גאַס, דעם זאַמעק, די יידן-גאַס (שעראָקע) — מיטן הויז, וווּ איך און מיינע עלטערן האָבן געוווינט. די געדאַנקען פירן מיך אַוועק אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט און כ׳זע פאַר מיינע אויגן די אַלע גאַסן און געסלעך, דעם חדר און שול, דאָס בית-המדרש און די ישיבה, וווּ איך האָב געלערנט און מיינע יוגנט-יאָרן פאַרבראַכט, געוואָרן דאָרט דערצויגן און געטרוימט פון דער צוקונפט.

איך זע די יידישע לובלין מיט די הייזער אויף שעראָקע, יאַטעטשנע און שלאָס-באַרג, מיט זייערע געפּלאָגטע איינוווינערס, וואָס איילן זיך, גאַנץ באַגינען, צו ברענגען א שטיקל ברויט פאַר זייערע פרויען און קינדער.

אין מאָמענט דוכט זיך מיר, אַז דאָס אַלץ איז ווירקלעכקייט, אַז איך געפין זיך צוריק אין מיין היימשטאָט, שטיי פאַר מיין הויז און עפן דאָס מויל צו רופן: ״מאַמע, ברידער, שוועסטער, פריינד״!...

זייענדיק פאַרטיפט אין די געדאַנקען, דערפיל איך ווי טרערן נעמען פליסן פון מיינע אויגן און כ׳דערמאָן זיך אין די ווערטער פון נביא: ״ווער וועט געבן מיין קאָפּ וואַסער און מיינע אויגן א קוואַל פון טרערן, וועל איך טאָג און נאַכט וויינען אויף די געפאַלענע פון מיין פאָלק״...

גוטע, ערלעכע, טייערע לובלינער יידן זענען אומשולדיק געפאַלן. גרויזאַם און טראַגיש איז געוועזן זייער טויט. אויסגעהונגערטע, פאַרפייניקטע, דערנידעריקטע און געטרעטענע מיט די פיס פון בעסטיעס אין מענטשלעכן געשטאַלט, וואָס האָבן שטאָלצירט מיט זייער דייטשער קולטור — זענען אומגעקומען אונדזערע שוועסטער און ברידער פון די רוצחים, וועמען ס׳האָבן געהאָלפן די פּאָלאַקן און פאַרברעכער פון אַנדערע פעלקער.

נישטאָ קיין טרייסט. די יידן פון לובלין, אונדזערע נאָענטע און פריינט — זענען מער נישטאָ. פון די לובלינער יידישע גאַסן און הייזער — איז גאָרנישט געבליבן. אָבער דאָ, אין ״לובלינער ווינקל״ אין תל-אביב, איז א דאַנק די פריינד שטאָקפיש און האַרן און די אַנדערע קאָמיטעט-מיטגלידער, דאָך געבליבן א געדעכעניש, אַן אָנדענק. זיי היטן יעדער ספר און בילד וואָס דערמאָנט לובלין. דאָס איז א הייליקע אַרבעט, אין וועלכער זיי זעען א שליחות.

איך קער זיך צוריק מיט דער מחשבה צו דער תקופה פון אומקום. אַלץ זעט מיר נאָך אויס ווי א שרעקלעכער חלום. איז דאָס טאַקע פאַרגעקומען? איז מעגלעך עס זאָל אויפשטיין א משוגענער פאַרברעכער, וואָס זאָל אומברענגען מיליאָנען מענטשן — און די גאַנצע, קולטורעלע וועלט זאָל זיך צוקוקן גלייכגילטיק?

איז ריכטיק, אַז איך בין פון א מוטער געבוירן, געהאַט ברידער און שוועסטער — און צי בין איך נישט אומגעקומען צוזאַמען מיט זיי? מיט וואָס בין איך בעסער פון זיי?

איך קוק זיך ווידער איין אין די בילדער פון מיין שטאָט לובלין און זאָג צו מיינע פריינט: ״עם ישראל חי! דאָס יידישע פאָלק לעבט! נישטאָ דער כּוח אין דער וועלט, וואָס זאָל קאָנען אומברענגען אונדזער פאָלק. אין טאָג פון חורבן ירושלים, האָט געזאָגט דער נביא: די שטעט פון ישראל וועלן פול ווערן מיט גוטס. גאָט וועט טרייסטן ציון, אַלע אירע חרובע שטעט וועלן צוריק אויפגעבויט ווערן״...

★

לובלינער יידן, ברידער און שוועסטער!

לאָמיר אַלע צוזאַמען, מיט בשותּפותדיקע כּוחות, אויפשטעלן צוריק אונדזער שטאָט אויף דער ערד פון יידישן לאַנד. לאָמיר אויפבויען הייזער אין קרית לובלין אין ישראל, כּדי אויף די עלטערע יאָרן זיין צוריק שכנים, ווי אין די יוגנט-יאָרן. מיר וועלן זיצן צוזאַמען אין די גערטנער פון קרית לובלין, דערינערן די אַלטע היים און אונדזערע קינדער וועלן וויסן דעם אָפּשטאַם זייערן.

אויף די בערג פון ירושלים וועלן מיר פאַרייביקן אונדזער חרובע לובלין. און דערנאָך, אויב נאָר ס׳וועט זיין מעגלעך, וועלן מיר איבערפירן די ביינער פון אונדזערע עלטערן פון דער מיט בלוט דורכגעווייקטער גלות-ערד און זיי קובר זיין אַנטקעגן דער הייליקער שטאָט ירושלים, וווּ עס רוען אונדזערע הייליקע אבות.

דער נאַצישער אשמדאי האָט מיט דער הילף פון די פּאָלאַקן פאַרוואַנדלט די פּוילישע ערד אין א גהינום פאַר אונדזער פאָלק. לאָמיר הערן דעם רוף פון נביא: ״איך וועל אייך אַרויסנעמען פון די פעלקער און ברענגען אויף אייער ערד. מער וועט איר נישט טראָגן אויף זיך די שאַנדע פון די פעלקער״.

געקומען די צייט, איר זאָלט הערן דעם רוף פון די נביאים. קומט בויען אייער הויז, צוזאַמען מיט אונדז, אין קרית לובלין אין ישראל.

צוריק אַהיים...

150 ל״י — זה הסכום המינימלי שקבענו הפעם עבור חוברת „קול לובלין" מס׳ 14 ודמי־חבר לשנת 1979.

כל סכום נוסף נקבל ברצון ובתודה.

מצורפת המחאת בנק הדואר: 6־27638־4

ארגון יוצאי לובלין בישראל.

# א מעשה מיט צוויי ירושות

דוד שטאָקפיש

★ ★ ★

מיט א צייט צוריק רופט מיר אָן אין טעלעפאָן א ייד וואָס שטעלט זיך פאָר אלס אדוואָקאט. ער פרעגט, צי ער רעדט מיטן פּאָרזיצער פון אירגון יוצאי לובלין און צי איז די לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל רעגיסטרירט אין אינערן-מיניסטעריום ווי אן אנערקענטע, לעגאליזירטע געזעלשאפט?

איך ענטפער מיט א "יאָ" אויףביידע פראגן און דערלאנג אים אויך צוויי שאלות:

— מיט וועמען רייד איך און וואָס עפּעס אינטערעסירט אייך אונדזער לאנדסמאנשאפט?

דעם אדוואָקאט׳ס תשובה איז אזא:

— מיין נאָמען וועל איך נישט אויסזאָגן. אייער לאנדסמאנשאפט אינטערעסירט מיך דערפאר, ווייל ביי מיר זיצט איצט א ייד פון לובלין וואָס שרייבט זיין צוואה. ער האָט בדעה איבערצולאָזן א סומע געלט פאר אייער אָרגאניזאציע. ווי א יוריסט, האָב איך דעם ייד אויפגעקלערט, אז אויב דער אירגון יוצאי לובלין איז נישט קיין אנערקענטע און רעגיסטרירטע געזעלשאפט, וועלן זיי האָבן שוועריקייטן ביים אָפּנעמען דאָס געלט

— ווי הייסט דער ייד? — פרעג איך. — אפשר איז מעגלעך צו כאפּן מיט אים א קורצן שמועס?

— ניין, בשום אופן נישט. ער וויל נישט אויסזאָגן זיין נאָמען... איך דאנק אייך פאר דער אינפאָרמאציע, שלום!

— און ער לייגט אוועק דאָס טרייבל.

★ ★ ★

מילא, טראכט איך, נישט יעדער ייד פון לובלין מוז מיר דערלאנגען זיין וויזיט-קארטע, אפילו דורכן טעלעפאָן. נאָר יענעם לאנדסמאן דעם צוואה-שרייבער, וואָס איז געזעסן ביים אדוואָקאט, האָב איך געוואָלט עפּעס פרעגן און אויפקלערן:

אויב איר האָט שוין יאָ באשלאָסן צו שטיצן די לובלינער אין ישראל — טאָ פאר וואָס אָפּלייגן ביז נאָך די הונדערט-און-צוואנציק?! אויך היינט-צו-טאָג זענען אונדזערע אקטועלע באדערפענישן אזוי גרויס, אז יעטוועדע סומע אין יאָר 1979 וועלכע איר שפּענדעט ביים לעבן, וועט שטארק צונוץ קומען. דערביי וועט איר האָבן א מעגלעכקייט צו זען און הערן פאר וועלכן צוועק דאָס געלט איז באשטימט. קלאָר, אז איר גופא וועט קאָנען דעצידירן וועגן כאראקטער און ציל פון דער שפּענדונג און דערביי הערן א ביסל, לגמרי פארדינטע, שבחים אויפן אדרעס פון אייער ברייטהארציקייט און פארשטענדעניש פאר די נויטן און באדערפענישן פון די לאנדסלייט. טאָ צו וואָס מאכן א סוד פון אייער נאָמען און פון דער איבערגעלאָזטער ירושה לטובת די לובלינער?

אויף אזוי פיל — די מעשה מיט דער ירושה נומער איינס. איצט הערט א געשיכטע מיט א ירושה נומער צוויי:

מיט א חודש צוריק דערהאלטן מיר א בריוו פון א פּראָקוראָר אין איינער פון די אמעריקאנער שטעט, אז דעם און דעם טאָג וועט מען אין געריכט (פון יענער שטאָט) עפענען די צוואה פון א פארשטאָרבענעם לובלינער ייד, וואָס האָט איבערגעלאָזט זיין פארמעגן פאר 12 פארשידענע קרובים און געוויסע אינסטיטוציעס, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך אונדזער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל.

מיר האָבן געשטוינט פון דעם בריוו, צוליב עטלעכע סיבות: ערשטנס, איז דער פארשטאָרבענער געווען באקאנט מיט זיין קמצנות כלפּי די לובלינער, ווען ער האָט געלעבט; צווייטנס, ווי אזוי וועלן צו אונדז דערגרייכן די דאָזיקע ירושה-געלטער? דער געאָגראפישער מרחק איז זייער ווייט און אויב ס׳איז אָן ענין פאר א פּראָקוראָר און א געריכט — דארף מען דערצו האָבן אן אדוואָקאט, וואָס דארף קאָסטן געלט, א סך געלט, און מיר ווייסן נישט אפילו די סומע וועלכע מ׳האָט פאר אונדז געלאָזן. צו ירושה׳ס אין אמעריקע, איז אויך א שותף די רעגירונג און דער שטאָט. לוינט זיך צו אנגאזשירן אין דעם עסק? אפשר איז עס גאָר א דעפיציטע אונטערנעמונג, ווייל דער אדוואָקאט אין די פאר. שטאָטן וועט אונדז קאָסטן מערער, וויפל דער ייד האָט איבערגעלאָזן?

★ ★ ★

די צוויי געשיכטעס מיט צוואות פאר אונדזער לאנדסמאנשאפט, האָב איך געברענגט נישט נאָר פאר דעם בן-עיר, וואָס וויל נישט אָנגעבן זיין נאָמען, נאָר פאר יענע לובלינער יידן, וואָס האָבן בדעה אונדז צו שטיצן און העלפן אין די באמת פארצווייגטע טעטיקייטן פון אירגון יוצאי לובלין.

לייגט נישט אָפּ אויף מאָרגן, וואָס איר קאָנט שוין היינט טאָן. שרייבן א צוואה — איז נישט נאָר וויכטיק, נאָר אויך נויטווענדיק, כדי אויסצומיידן קאָמפּליקאציעס, אָרומרייסענישן און געריכטן צווישן די יורשים. נאָר וואָס שייך א צוואה פאר די לובלינער אין ישראל, איז דען נישט גלייכער צו פארוואנדלען זיי אין א לעבנס־לעגאטע? צו וואָס וואַרטן ביז די 120, ווען מ׳וועט אייך רופן אויף יענער וועלט, אז אייער שפּענדונג איצט, ביים לעבן, און דירעקט צו אונדז, אָן אדוואָקאטן, וועט אונדז באפרייען פון אומגעבעטענע שותפים, אומנייטיקע אויסגאבן און איבעריקער טירחה?

פאראן ביי יידן א ווערטל, אז לאָזן א צוואה — איז א סגולה צו א לאנג לעבן. ווינטשן מיר די לובלינער יידן אריכת ימים, ווי אויך א גוטן זכרון וואָס שייך די באדערפענישן פון אונדזערע לאנדסלייט אין דער יידישער מדינה. ווי זאָגט דאָס פאָלקסווערטל:

"אז גאָט האָט פרנסה געבען, / זאָל מען אויך אנדערע לאָזן לעבן"...

# מהי הדרך להפעיל את הנוער לפעולות הנצחה?

מתתיהו הורן / מזכיר ארגון יוצאי לובלין בישראל

אחת הבעיות הכאובות שאנו מתלבטים בכל הארועים והפעולות שאנו מקיימים, קשורה בהנצחת יקירנו, שנספו בתקופת השואה: איך ליצור המשך בהנצחה זו, שאנו, השארית הפליטה, התחלנו בה?

הפעולות של אימוץ בתי־ספר ע״י ה״לנדסמנשפטים״, שהנוער משתתף באזכרות (ע״י הצגות, דיקלומים וזמרה), או הוצאת חוברות ודפי־הנצחה — מהוות פעולות חשובות ומבורכות. אבל, לדאבוננו אין בהן שום הבטחת המשכיות.

שלושים ושבע שנים אחרי השואה, ניתן לסכם: הקימונו מדינה יהודית עצמאית ובה יותר משלושה מיליון יהודים, עם חקלאות מפותחת למופת, תעשיה וצבא לתפארת, תרבות עברית מתפתחת. ועם ישראל הרבה תמיד לחקור את עברו, כמו שכתוב: ״זכר ימות העולם, בינו שנות דור ודור, שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך״. (דברים ל״ג ז׳).

אמנם, לא תמיד אוהבים תלמידנו את לימוד ההיסטוריה של עמנו בגולה. אבל לאנשי חינוך צריך להיות ברור, שבלי ידיעה מעמיקה על תולדות עמנו, אין כל אפשרות להבין את תקומת עם ישראל בארצו ומשמעות של השואה. לכן, על המורים והמחנכים להסביר ולהחדיר זאת לתלמידים.

בתקופת השואה אבדו לנו כמעט כל הכוחות הרוחניים, שהיו טמונים ביהדות פולין וביהדות אירופה כולה: גדולי התורה והמדע, אנשי כלכלה ואמנות. עד היום אנו סובלים מאבדן יהדות זו.

תולדותיה של יהדות לובלין ידוע מאוד. חכמי לובלין היו בעלי שם בכל העולם היהודי, מן ר׳ משה איסרלס שהשלים את שולחן ערוך של ר׳ יוסף קארו בשביל יהדות אשכנז, עד הרב מאיר שפירא זצ״ל, מאחרוני רבני לובלין, שהגה את לימוד הדף היומי. כל ההיסטוריה המפוארת הזאת, מהווה את הרקע לתולדות עיר לובלין. ברור, שאין אפשרות (וגם לא היה רצוי) לדון עם התלמידים על תקופת השואה בדרך רגילה של ״העברת שעורים בלבד״, מבלי לחייבם להיבחן. לדעתי, יש לפנות לכל הגורמים, כמו שר החינוך והתרבות או לכנסת ע״מ לחוקק חוק מיוחד, כדי לחייב את התלמידים להיבחן בזמן קבלת תעודת בגרות במסגרת לימודי היסטוריה ותולדות עמנו בדורות אחרונים, בתוספת תקופת השואה. יש לשים את הדגש על הזיקה של הנוער שלנו לעבר עמנו. האם מרגיש הוא את הקשר שבין מדינתנו ובין פזורי היהודים ברחבי תבל? האם מודע הוא לממדי השואה שפקדה אותנו במלחמת־העולם השניה?

לכאורה, נדמה לנו שכל זה לא ישפיע על הנוער לשנות את יחסו לפעולות הנצחה, שאנו המבוגרים מבצעים — ומי יודע, עוד כמה זמן. לכן יש ליצור קשר עם תנועות הנוער, עם תלמידי בתי־ספר ולקיים שיחות ופעולות משותפות. כמו כן יש לחייב גם את בני עירנו להזמין את בניהם לכל האירועים ולהסביר להם את חשיבות המשך ההנצחה.

# טרויעריקע געדאנקען וועגן דער צוקונפט פון די לאנדסמאנשאפטן

אפרים איינשטיין / תל־אביב

אין דער צייטונג ״מעריב״ איז פאָריקן יאָר דערשינען א קאָרעספאנדענץ פון אמעריקע, אונטער א סענסאציאנעלן קאָפּ: ״די לאנדסמאנשאפטן האָבן א פראבלעם — 30 מיליאן דאָלאר אָן א פארוועגדונג״. און אינעם אונטערקאָפּ: ״פאראן לאנדסמאנשאפטן, וואָס זייערע מיטגלידער צעטיילן זיך מיטן פארמעגן, וואָס באשטייט פון באָדן פון א הויכן ווערט״. דער קאָרעספאָנדענט גיט נאָך צו, פארופנדיק זיך אויף אן עסקן וואָס שטייט נאָענט צו די ענינים: ״יאָר־יערלעך פארגרעסערט זיך די צאָל לאנדסמאנשאפטן, וואָס זייערע מיטגלידער צעטיילן זיך מיטן פארמעגן, ווייל ס׳איז פשוט נישטאָ ווער עס זאָל זיך מיט דעם פארנעמען, עס איז אויך נישטאָ קיין געזעלשאפטלעכע קאָנטראָל איבער די פארמעגנס — און דאָס איז א סקאנדאל״.

די דאָזיקע קאָרעספאָנדענץ האָט מיך אָנגערעגט צו שרייבן אויף דער טעמע, וואָס אויך ביי אונדז הויבט זי אָן צו ווערן פראָבלעמאטיש און אן ענין פאר דיסקוסיעס צווישן עסקנים. און עס עגבערט די שאלה: וואָס ברענגט אונדז דער מאָרגן — און פאר וועמען ארבעטן מיר?

אין אונדזער תקופה האָט זיך שטארק פארקירצט דער וועג צווישן אמעריקע און ישראל. א מענטש קען עסן פרישטיק אין תל־אביב און דעם זעלבן טאָג עסן אוונטברויט מיט זיין משפחה אין ניו־יאָרק. אָבער ביזן צעטיילן געזעלשאפטלעכע פארמעגנס צווישן די עסקנים — פון דעם זענען מיר נאָך ווייט, און מיר וועלן צו דעם אויך נישט דערגיין. נישט דערפאר, ווייל די לאנדסמאנשאפטן אין ישראל זענען צופרידן צו ענדיקן זייער בודזשעט־יאָר אָן דעפיציטן און אויך נישט דערפאר ווייל ״אין קאסרילעווקע איז נאָך קיין מיליאָנער נישט געשטאָרבן״, נאָר צוליב דעם וועזנטלעכן אונטערשייד צווישן די צוויי סאָרטן לאנדסמאנשאפטן אין אמעריקע און ישראל, און דער אונטערשייד אין דער תקופה פון זייער אויפקום און איינפלוס ווי א געזעלשאפטלעכער פאקטאָר.

די מאסן־עמיגראציע אין דער נייער וועלט, דער עיקר קיין צפון־אמעריקע, האָט זיך אָנגעהויבן ביים סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט, זיך געצויגן ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און באנייט געוואָרן גלייך נאָך דער מלחמה. הונדערטער טויזנטער יידן האָבן געזוכט וועגן ווי אזוי צו פארלאָזן זייערע פון דורות אייגנעזעסענע לענדער אין מזרח־אייראָפע, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער אבסאָלוטער הערשאפט פון דער גרויסער צארישער אימפעריע, ווו זיי האָבן געלעבט אין אן אטמאָספער פון פאָגראָמען, בלוט־בלבול, דיסקרימינאציע, אָן יעטוועדער מעגלעכקייט פון מינימאלער עקזיסטענץ. אז די דאָזיקע הונדערטער טויזנטער יידן, וועלכע זענען געלאָפן פון צארישן תחום המושב, זענען נאָך לאנגע מאטערנישן וואָס האָבן זיך געצויגן חדשים און אפילו יאָרן, אָנגעקומען אין ״גאלדענעם לאנד״, האָבן זיי נישט אָפגעוואַרט באאמטע פון דער סוכנות, ווי אין אונדזערע צייטן, נאָר באאמטע פון אמעריקאנער עמיגראציע־דעפארטאמענט אויף דעם בארימטן ״עליס איילאנד״, וואָס איז פאראייביקט געווארן אין דער יידישער ליטעראטור ווי אַ ״טרערן אינדזל״ — א ריזיקער קאראנטין־לאגער, וועלכן אלע עמיגראנטן האָבן געמוזט אדורכגיין. פיל פון

אָט די "גליקלעכע" האָט מען צוריק געשיקט אין זייערע היים־לענדער. דער עיקר — צוליב געזונטהייט־סיבות. און די גליקלעכע וואָס האָבן זוכה געווען צו פאַרלאָזן דאָס טרערן־אינדזל, זענען געווען אָנגעוויזן אויף זייער אייגענעם גורל. איז געווען נאַטירלעך, אַז זייערע ערשטע טריט זענען געווען — אויפזוכן פריינד און באַקאַנטע פון דער היים, וואָס זענען געקומען פאַר זיי און זיך געפילט אין דער נייער היים ווי אָנגעזעענע תושבים.

אַזוי זענען אַנטשטאַנען און זיך אָרגאַניזירט די לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע אָנהויב היינטיקן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען אַן אומפאַרמיידלעכע, רעאַלע נויטווענדיקייט פון דער ניי־געשאַפענער סיטואַציע.

דער יידישער עמיגראַנט האָט נישט געפינען אין דער נייער וועלט קיין שום ענלעכקייט צום לעבנס־שטייגער וועלכן ער האָט געפירט אין דער אַלטער היים. דאַקעגן אין דער לאַנדסמאַנשאַפט האָט ער אויסער דערמוטיקונג, באַקומען ממשותדיקע און מאָראַלישע הילף, וואָס האָט אים פאַרלייכטערט די אַקלימאַטיזירונג אין אַ פרעמדער וועלט, ווו דער גורל האָט אים פאַרטריבן.

## די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע

די ערשטע סאָסיעטע פון לובלינער יידן אין די פאַר. שטאַטן איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1909 אונטערן נאָמען "לובלינער ערליך ברענטש 392". צווישן זיינע גרינדערס — פיליפּ גראָסמאַן, אַברהם פליישער און ד"ר חיים דיאַמאַנט (דער לעצטער איז געווען אַ בעלעוועער, נאָר ער האָט זיך איבערגעגעבן מיט לייב־און־לעבן און געווען אַקטיוו אין דערמאָנטן ברענטש, וואָס האָט געהערט צום "אַרבעטער־רינג"). אין אָנהויב פון די זעכציקער יאָרן, האָבן זיי באַזוכט ישראל. זייענדיק אין אַמעריקע אין יאָר 1973, האָב איך נאָך געפונען פיליפּ גראָסמאַן ביים לעבן, אַ ייד אין די שטאַרקע נײַנציקער, דאָך האָט ער געוואָלט וויסן וואָס הערט זיך ביי די לובלינער אין ישראל און זיך נאָכגעפרעגט אויף איניקע יידן, וואָס ער האָט געדענקט פון זיין באַזוך אין לאַנד. דאָס איז דער כוח פון געמיינזאַמען שטאַם!

אַזוי זענען אַנטשטאַנען, זיך אַנטוויקלט און צעבליט די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע אין משך פון 60 יאָר. זיי, די גרינדער, זייערע קינדער און קינדס־קינדער, זענען היינט דאָס גרויסע און איינפלוסרייכע אַמעריקאַנער יידנטום, דער גרעסטער פּאָליטישער און מאַטעריעלער אָנשפּאַר פון מדינת ישראל.

אין זייער בלי־פּעריאָד איז אין אַמעריקע געווען איבער 2 טויזנט סאָסייעטיס. ערשט מיט 25-20 יאָר צוריק האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה. היינט־צו־טאָג זענען געבליבן ווייניקער ווי אַ העלפט. ווו זענען זיי פאַרשוווּנדן? האָבן זיי פאַרמאַכט די "ביזנעס", זיך צעטיילט מיטן געלט און אַוועקגעפאָרן אויף אורלויב, ווי עס גיט אונדז דייטלעך אָנצוגעהערן דער מחבר פון דער דערמאָנטער קאָרעספּאָנדענץ? איך צווייפל אין דער באַגלויבטקייט פון די פאַקטן. די תשובה דאַרף מען זוכן אויף אַן אַנדערע פלעכע. דאָס איז אַ נאָרמאַלער פּראָצעס פון צייט און נאַטור, צוויי פאַקטאָרן וואָס הערשן טאָטאַל אין דער מענטשלעכער געשיכטע — פון כלל, ווי פון פרט.

די לאַגע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן האָט געקענט זיין פיל ערגער, ווען נישט די גרויסע כוואַליע פון די לאַגערן, בונקערס און פאַרשיקונגען, וועלכע זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע נאָך דער מלחמה און אַריינגעשפּריצט פרישע בלוט, אויפגעלעבט די מידע אַלטע סאָסייעטיס. זייענדיק דער אַקטיווסטער טייל, איז ממילא אויך די פירערשאַפט אַריבער אין זייערע הענט, אָבער אויך זיי, די "יונגע" (פון פופציקער און זעכציקער יאָרן) זענען אַלט געוואָרן. און זיקנה האָט אומפאַרמיידלעכע באַגלייט־דערשיינונגען, ווי: אַפּאַטיע, גלייכגילטיקייט, מידקייט און עגאָצענטריזם. און איך זע נישט מיט וועלכע מיטלען און רעצעפּטן מ'קאָן האַמעווען דעם דאָזיקן נאַטירלעכן פּראָצעס וואָס פירט צו אונטערגאַנג און ליקווידאַציע פון אַ טייל סאָסייעטיס.

גאָר אַנדערש איז די לאַגע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל — אין דער צייט פון זייער אויפקום, אין כאַראַקטער, אין זייערע באַדערפענישן און צילן — אָבער נישט אַנדערש בנוגע זייער המשך און ווייטערן קיום.

די לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל זענען יונגער פון זייערע "קאָלעגן" אין אַמעריקע מיט אומגעפער 40 יאָר. פון דער גרויסער מאַסן־עמיגראַציע וואָס האָט געשטראָמט קיין אַמעריקע, זענען קיין ארץ־ישראל געקומען פון יענער צייט קליינע גרופּן. דאָס זענען געווען יונגע בחורים און מיידלעך, אידעאַליסטן, וואָס זענען געווען ווייט פון אָרגאַניזירן זיך אין די ראַמען פון בני־עיר. די לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל האָבן זיך אָרגאַניזירט אין ישראל אין די ערשטע מלחמה־יאָרן — 43-42, ווען ס'האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען די איוב־בשורות פון די אָקופּירטע לענדער אין אייראָפּע. די לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל — צווישן זיי אויך די לובלינער — האָבן אָרגאַניזירט הילף מיט קליידונג, שיך און קאָנסערוון פאַר די פּליטים, וואָס זענען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. דער פאַרנעם פון אומקום איז אין יענער צייט נאָך נישט געווען באַקאַנט דער ברייטער עפנטלעכקייט, אויך נישט די מנהיגים. דער גרויזאַמער פאַרנעם פון דעם טאָטאַלן אומקום איז ערשט דערגאַנגען צו דער עפנטלעכקייט נאָענט פאַרן סוף פון קריג.

די ערשטע גראַטעוועטע פון דער שואה, האָבן אָנגעהויבן קומען אין לאַנד, ווען דער ענגלישער מאַנדאַטאָר איז נאָך פעסט געזעסן אין זאָטל. מיט דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל, האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־עליה פון דער שארית הפליטה — שאָטנס, צעבראָכענע בגוף ובנפש, וואָס האָבן דערהערט די בשורה פון גאולה, פון דער ניי־אויפגעשטאַנענער מדינת ישראל; אַ חלום פון דורות, וואָס איז מקוים געוואָרן, ווייל אַלע וועגן האָבן געפירט צו די ברעגן פון מדינת ישראל.

אין יענער צייט (און אויך שפּעטער) האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל. די ניי־געקומענע זענען אויפגענומען געוואָרן מיט האַרציקייט, וואַרעמקייט און אויך מיט מאַטעריעלער שטיצע, וואָס האָט דערמוטיקט די עולים, זיי געהאָלפן זיך שאַפן אַ מעמד אין לאַנד און זיך אַקלימאַטיזירן אין די ניי געשאַפענע באַדינגונגען, נישט דורך דעם דרוק פון צייט און סביבה, ווי דאָס איז געשען אין אַמעריקע. און דאָ קומען מיר צו דעם בולטסטן אונטערשייד צווישן דעם מהות פון סטרוקטור צווישן די צוויי סאָרטן לאַנדסמאַנשאַפטן — אין אַמעריקע און אין ישראל. דאָרט זענען אויף די עמיגראַנטן־אָרגאַניזאַציעס געלעגן פיל אויפגאַבן: זאָרגן, אין דער ערשטער צייט, פאַר אַרבעטס־פּלעצער, וווינונגען, לערנען די לאַנד־שפּראַך. אין ישראל דאַקעגן ליגן די אַלע אויפגאַבן אויף די מלוכהשע אינסטיטוציעס. דאָרט, אין אַמעריקע, איז דאָס באַנוצן זיך מיט יידיש זייער באַגרענעצט — נאָר צווישן פריינד און אין דער סאָסייעטי. אויסער די שטחים, איז ער געווען ווי אַ שטומער, אָן אַ שפּראַך. דעריבער זענען אויך זיינע קולטור־רעלע באַדערפענישן געליפערט געוואָרן דורך דער לאַנדסמאַנשאַפט.

גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע אין ישראל: דאָ איז זיין מאַמע־לשון—סיי יידיש און אַן אַנדערע שפּראַך, ווייטער אין גאַנג, נוצלעך אומעטום — אין אויטאָבוס, אין גאַס, אין קראָם און אויך אין אַ מלוכהשן אָדער געזעלשאַפטלעכן אַמט. דאָ געפינט ער אויך אַ צייטונג אין זיין מאַמע־לשון, טעאַטער־פאָרשטעלונגען און קולטור־אימפּרעזעס. אויך דער ראַדיאָ ליפערט אים די לויפנדיקע

נייעס אין זיין שפראך. דאָס אלץ פארשאפט דעם ניי-געקומענעם א נחת רוח, א גוט געפיל, אז אין דעם נייעם לאנד איז ער נישט אינגאנצן אפגעריסן פון זיין היים-שטאם און פון זיין שטייגער לעבן. מעגלעך, אז דאָס האמעוועט און פארלאנגזאמט אין א געוויסער מאָס זיין אקלימאטיזירונג, אָבער בעסער אזוי, ווי דער אכזריותדיקער טעמפּא אין אמעריקע, וואָס ברענגט דעם אימיגראנט צו פארביטערונג און יאוש.

איצט בעט זיך די פראגע: וואָס וועט זיין דער גורל פון די לאנדסמאנשאפטן אין די נאָענטסטע 10 יאָר? איך וויל נישט זיין קיין פעסימיסט, אָבער לאמיר זיין א ביסל ניכטער און זען דאָס פראָבלעם נישט בלויז דורך ראָזע ברילן, נאָר אויך פון א רעאלן קוק-ווינקל.

די לובלינער סאָסיעטע אין ישראל, וואָס איז אָנגעשלאָסן אין פארבאנד פון די פוילישע יידן, רעכנט זיך לויט איר צאָל חברים און אקטיווער טעטיקייט, ווי א גרויסע לאנדסמאנשאפט. אין ישראל געפינען זיך ביי 2,500 לובלינער. 70 פראָצענט פון זיי זענען געקומען נאָך דער מלחמה. נאָך מיט 12-10 יאָר צוריק, האָבן אין די יזכור-אָוונט זיך באטייליקט איבער 800 לובלינער. היינט-צו-טאָג קומען נישט קיין פולע 300 צום יזכור-אָוונט — און דאָס איז דער עיקרדיקער צוזאמענטרעף פון די שטעטישע. אזוי גייט און ווערט די צאָל קלענער פון יאָר צו יאָר. דאָס איז א רעאליטעט, נישט נאָר פון די פטירות וואָס מאכן שיטער די רייען, נאָר אויך די עלטער וואָס האָט זיך אירע נעגאטיווע באגלייט-דערשיינונגען (ווי דערמאָנט פריער).

ווען איך קום צו א צוזאמענטרעף, סיי אויף א יזכור-אָוונט, סיי אויף א געסט-אויפנאמע, אָדער וועלכע ס'איז באגעגעניש וואָס די צייט איז גורם, זע איך פאר זיך שטענדיק א ים פון גרויע קעפּ און די עלטער הויבט זיך אָן פון 60 און העכער. אין אנבליק פון אָט דעם אלעמען, קען מען קיין דערמונטערדיקן ענטפער נישט געבן וועגן דער "צוקונפט פון די לאנדסמאנשאפטן". עסקנים וועלכע שטייען נאָענט צו די פראבלעמען — בעלי-אמונה, וואָס גלויבן מיטן גאנצן הארצן (כל הכבוד!), אז מען קען די ירושה איבערפירן צום יונגן דור, איז הייליקע תמימות, געבויט אויף אייגענע הארץ-ווונטשן.

## דער יונגער דור איז נישט ממשיך

די עולים-אָרגאניזאציעס אין אלע לענדער זענען געבויט און ציען זייער חיונה פון נאָסטאלגיע, פון געמיינזאמען שטעטלישן שטאם, פון שולבאנק, פון חדר, פון פארטיי-קלוב, פון גזעלשאפטלעכע אידענטיפיקאציע און פון נאָך א סך עלעמענטן, וואָס זענען איינגעוויקלט אין אפשטאם. דער יונגער דור, דער וועוועלער פאָטענציעלער יורש, געהערט צום "דור אשר לא ידע את יוסף". אָדער טאטע-מאמע האָבן אים געברענגט אלס קינד, און דאָס אויך נישט דירעקט פון שטעטל, אָדער (און דאס איז די מערהייט) זיי זענען שוין געבוירן אין די לענדער, ווו זיי לעבן איצט און די אלע נאסטאלגישע עלעמענטן וואס זענען אזוי טייער ביי טאטע-מאמע, רירט זיי איבערהויפט ניט אָן. איך בין אין גרויסן ספק, אויב ווער פון דעם יונגן דור עפנט אמאָל א יזכור-בוך, וואָס איז אזוי פארהייליקט ביי טאטע-מאמע, שוין אָפגערעדט פון באזוכן א יזכור-צוזאמענטרעף צוזאמען מיט די עלטערן.

די גרעסטע פראָפעסאָרן און דערציער ברעכן זיך די קעפּ און זוכן וועגן ווי אזוי אריינצודרינגען אין די מוחות פון דעם יונגן דור די באדייטונג פון דער שואה, דעם נאציאנאלן אומקום אין דעם צווייטן וועלט-קריג און די אויספירונגען וואָס מען דארף פון דעם מאכן. ס'איז זייער טרויעריק, אבער עס איז א פאקט, אז די שואה איז נישט פּאָפּולער ביים יונגן דור, וואָס דערווייטערט זיך פון דער דאָזיקער טעמע. ער האָט זיך זיין מאָטיוואציע פאר דעם דאָזיקן אומווילן און עס איז נישט קיין ספק, אז זיי זענען נישט גרייט איבערצונעמען די לאנדסמאנשאפטן-ירושה.

מיר דארפן דעריבער זיין איינגעשטעלט אויף דעם, אז אין דער נישט ווייטער צוקונפט, וועט אויך ביי אונדז, ווי אין אנדערע לענדער, זיך אנהויבן די ליקווידאציע פון די קליינע ארגאניזאציעס, ווייל עס וועט נישט זיין קיין מנין... מען דארף נישט באהאלטן דעם קאָפּ אין זאמד, נאָר זען דעם נאטירלעכן פּראָצעס, אז אויך די ריי פון די גרויסע וועט קומען.

וואָס לאָזט זיך דאָך מאכן, כדי פארלענגערן דאָס לעבן פון די לאנדסמאנשאפטן? די צענטראלע אָרגאניזאציעס פון די פוילישע יידן אין ישראל און אין די תפוצות דארפן שוין איצט ארויפברענגען דאָס פראָבלעם אויף זייער טאָג-אָרדענונג אלס ערשטע וויכטיקייט און געפינען א לעזונג צו פארלענגערן זייער קיום. לויט מיר, דארף מען געפינען נייע אָרגאניזאציע-ראמען, אנשטאט די צעשפליטערטע אָרגאניזירונג און הונדערטער שטעט און שטעטלעך, ווו יעדער איינע ראנגלט זיך מיט איר קיום — און דער ציל איז דאָך אידענטיש פאר אלעמען — "פאראייביקן, געדענקען און נישט פארגעסן". מען דארף איבערגיין צו קרייז-, ראַיאָן- אָדער לאנד-ארגאניזאציעס. די שיטה האָט שוין גוטע ביישפּילן אין ישראל: וואָלין, וואָס האָט אויף איר שטח דריי גרויסע שטעט: ראָוונע, דובנע, לוצק און צענדליקער קליינע שטעטלעך, האָבן אויפגעשטעלט דעם ארגון יוצאי וואָלין און א דאנק די פאראייניקטע כוחות האָבן זיי אויפגעבויט דעם מאָנומענטאלן "היכל וואָלין". נאָך א גוטער ביישפּיל איז די פעדעראציע פון די ליטווישע יידן. פאר וואָס קענען מיר נישט גיין אויף דעם זעלבן וועג, וואָס וועט ראטעווען די קליינע סאָסייעטיס פון שנעלער ליקווידאציע און פארלענגערן דאס לעבן פון די גרויסע לאנדסמאנשאפטן מיט היפשער אריכת ימים. איך בין זיכער, אז די ספּעציפישקייט, די נשמהדיקייט פון יעדן שטאט און שטעטל, וועט אין דער אלגעמיינער קאמפּאקטער ארגאניזירונג נישט פארטושט ווערן.

דאָס איז, פארשטענדלעך, נישט קיין רעצעפּט צום אייביקן לעבן, צו חיי נצח. נאָר אויב דאס קען ברענגען די רפואה אויף די נאָענטסטע 20-15 יאָר — דיינו.

# פּאָטאָ-ארכיוו פון דער יידישער לובלין

2 וואָכן פאר זיין פּטירה, האָט אדוו׳ מאקס הערץ-לענקעוויטש פאָרגעלייגט צונויפזאמלען ביי לובלינער יידן בילדער און פאָטאָגראַפיעס פון געזעלשאפטלעכן כאראקטער, כדי שאפן א פּאָטאָ-ארכיוו ביי דער לאנדסמאנשאפט.

איז ווער גרייט צו פארנעמען זיך מיט דער וויכטיקער ארבעט ?

# פערטע קאָנפערענץ פון דער וועלט-פעדעראַציע פון פוילישע יידן

אין די טעג פון 7—12 פעברואַר 1979, איז אין ישראל פאַרגעקומען די פערטע קאָנפערענץ פון דער וועלט-פעדעראַציע פון פוילישע יידן, מיטן אנטייל פון 125 דעלעגאַטן פון 13 לענדער.

צו דער קאָנפערענץ איז דערשינען א געדרוקטער טעטיקייט-באַריכט פון דער וועלט-פעדעראַציע, אין די יאָרן 1974—1978, וואָס דערציילט וועגן א ריי וויכטיקע אויפטועו, ווי:

קולטור-געזעלשאַפטלעכע און פאַרלעגערישע טעטיקייט ● „היינט"-מאָנאָגראַפיע ● אלבום ● ביבליאָגראַפיע פון פראָפ' מאיר באַלאַבאַן ● געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע טעטיקייט ● אקציע קעגן רדיפות אויף פוילישע יידן ● אנטייל אין דער דערעפענונג פונעם יידישן פּאַווילאָן אין אוישוויץ ● ליטעראַטור-פרייזן ● צוזאַמענאַרבעט מיטן תל-אביבער אוניווערסיטעט ● אנגאַזשירונג אין צענטראַלע ישראל-פּראָבלעמען און יידישע וועלט-פּראָבלעמען.

די דעבאַטן אַרום דעם באַריכט און ווייטערדיקע אויפגאַבן פון דער וועלט-פעדעראַציע, זענען פאַרגעקומען אויף די פּלענאַרע זיצונגען און אין די קאָמיסיעס. די אַנגענומענע באַשלוסן פאַרפליכטן אויך די לאַנדסמאַנשאַפטן-אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער.

אויף דער קאָנפערענץ איז געוויילט געוואָרן דער וועלטראַט, צענטראַל-קאָמיטעט און פּרעזידיום. אינעם צ.ק. פון דער וועלט-פעדעראַציע, זענען אויסגעקליבן געוואָרן דריי פאָרשטייער פון די לובלינער יידן אין לאַנד און אין אויסלאַנד: שלמה זינשטיין (ניו-יאָרק), מרדכי לערמאַן (פּאַריז) און דוד שטאָקפיש (ישראל).

● פון די וויכטיקסטע באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ: באַגריסונג צו מדינת ישראל ● באַגריסונג צו אינזש' אנשל רייס, פאָרזיצער פון פּרעזידיום פון דער וועלט-פעדעראַציע ● פּראָטעסט קעגן פאַרעלטערונג-געזעץ לגבי מלחמה-פאַרברעכער ● פאָדערונגען צו דער רעגירונג פון פוילן ● פייערן דעם הונדערטסטן געבוירנטאָג פון יצחק גרינבוים ז"ל ● באַשטעטיקט דעם פינאַנסיעלן און טעטיקייט-באַריכט.

מיר ווינטשן די ניי-געוויילטע אינסטאַנצן פון דער וועלט-פעדעראַציע פון פוילישע יידן א פּרוכטבאַרע טעטיקייט.



שמחות ביי לובלינער יידן — זאָל זיין מיט מזל און ברכה!
אויפן בילד אויבן: אויף דער חתונה פון דער טאָכטער פון עווא און אלתר ווירצער אין תל-אביב. זיצן פון רעכטס: דבורה האָרן, רבקה'לע שטאָקפיש, טובה און יעקב לאַנגער. עס שטייען פון לינקס: יעקב האָרוויץ, דוד שטאָקפיש, מתתיהו האָרן, די מאַמע פון חתן, דאָס יונגע פּאָרל, די מחותנתטע עווא ווירצער, חנה האָרוויץ, דער מחותן אלתר ווירצער.



אויף דער בר-מצווה פון יוסף שנור'ס איינקל אין לאָס-אַנזשעלעס. פון רעכטס: יוסף שנור, בעלא שערמאַן מיטן מאַן, בעלא ראָזענסאָן מיטן מאַן, בעלע און לייזער אָבער, די פאָרפעלקער: זאַיאָן, עהרענבערג, אייזענבערג, גאָלדשער, קאַרגען.





אויפנאַמע פאַר פאַלע און סוכער פאַבטשאַש אין מאָנטרעאַל (אויפן בילד רעכטס) און אין טאָראָנטאָ

# לובלינער גרוסן פון פּאַריז /משה זאַלצמאַן

## די יערלעכע אזכרה

לובלינער יידן זענען צאָלרייך געקומען צו דער אזכרה אָפּצוצייכענען די טרויעריקע דאַטע פון אומקום און פאַרפייניקונג די עטלעכע פערציק טויזנט לובלינער יידן דורך די נאַצים מיט זייערע מיטהעלפערס.

נאָכן אויסרופן פון דער פּאָרזיצערין שרהלע גאָלדאדלער אָנצוצינדן די זעקס סימבאָלישע ליכט, ריכט אָפּ דער חזן פליישער די געהעריקע תפילות, אָבער ווען ער מאַכט מיט אַ סך געפיל און עמאָציע דעם "אל מלא רחמים", גייט אַדורך אַ ציטער איבערן גאַנצן זאַל.

די געוועזענע ווידערשטענדלערין און דעפּאָר־טירטע, טעשקע קאָרמאַן־פאָרשטעטער, וואָס האָט דעם קאָשמאַרן פעריאָד פון אומקום געפילט אויף זיך זעלבסט טאָג־טעגלעך, דערקלערט, דערמאָנט, אז דער יזכור פון די לובלינער יידן פאַלט זיך צונויף מיט דער יאָרצייט פון דער טרויעריק באַרימטער, שרעקלעכער קרישטאַל־נאַכט, ווען 189 שולן און בתי־מדרשים זענען פאַרברענט געוואָרן, יידיש האָב־און־גוטס איז צעראַבירט געוואָרן, 35 טויזנט יידן זענען אַרעסטירט געוואָרן. צענדליקער דערהרגעטע און הונדערטער צעקאַליעטשעטע.

40 יאָר נאָך דעם "גענאָסיד" פּרוּוון די נעאָ־נאַציס רעהאַביליטירן די מערדער און האָבן נאָך די פאַרשייטע חוצפה צו פּרוּוון פאַרלייקענען דאָס גרויסע, אומבאַגרייפלעכע פאַרברעכן.

מיר דערמאָנען מיט כבוד אונדזערע אויסגעמאָר־דעטע טאַטעס און האַרציקע מאַמעס, שוועסטער, ברידער און די טייערע קינדערלעך; מיר דערמאָנען די וואָס האָבן געקעמפט מיט געווער אין האַנט ביי די פּאַרטיזאַנער און די אַרמייען פון ראַטנפאַרבאַנד, פּוילן און אין דעם פראַנצויזישן ווידערשטאַנד; זאָלן די אלע קדושים נישט בלויז זיין איינגעקריצט אין אונדזערע הערצער, נאָר אויך מיטווירקן, אַז די נייע דורות זאָלן דאַס אַלץ זיין באַקאַנט; זיי זאָלן געדענקען און אויך נישט פאַרגעבן.

מרדכי לערמאַן, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע פון די ידישע געזעלשאַפטן, דערמאָנט אין זיין אַרויסטרעטונג די יידיש־יידישסטע שטאָט לובלין, וואָס האָט מיט אַ פאַרביסענע עקשנות געקעמפט, געבלוטיקט פאַר אַ מענטשלעכע יידישע ווירדע. אין לויף פון יאָרהונדערטער האָבן זיי אויסגעבויט אַ נאַציאָנאַלע, אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם פאַר דער אייגנאַרטיקער יידישער קולטור. און אָט אין דער הייליקער **קהילה**, זענען מיר געבוירן געוואָרן, באַוויזן אַריינצוזאַפּן אין זיך דעם גלויבן מיט וואָס די גאַנצע יידישע סביבה איז געווען אָנגעפילט. גלויבן אין ערלעכקייט, מענטשלעכקייט און פעלקער־פאַרברידערונג; אַלע זענען געווען מיט זאָרג פאַר דער יידישער פאָלקס־צוקונפט. היינט איז די שטאָט, ווו אונזערע וויגעלעך זענען געשטאַנען, נישט מער ווי אַ סימבאָל. ס'איז שוין געשיכטע, און מיר, אָפּשטאַמיקע פון דער שטאָט, זענען אַ משפחה וואָס אונדז פאַראייניקט אָט די פאָרגאַנגענהייט.

יידן־האַס היינט מיינט שוין נישט דאָס אַרויסשטופן יידן פון האַנדל, **פרייע פּראָפעסיעס**, פון, אוניווערסיטעטן; היינט מיינט דאָס פּראָסט פשוט טויט, טרעבלינקאַ, מיידאַנעק, **אַאוז"וו.** און ווי טרויעריק איז, וואָס דער אַוואַנגאַרד פון דער וויסטער אַנטיסעמיטישער העץ־קאַמפּאַניע שטייט די גרויסע רוסישע אימפּעריע מיט אַלע אירע סאַטעליטן; צוזאַמען מיט דעם מאָדערנסטן געווער, וואָס מען פאַרקויפט די אַראַבישע **לענדער**, באַזאָרגט מען זיי אויך מיט די העסלעך אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן.

זאָלן מיר האָפן, אַז דער וועג צו שלום וואָס ווערט איצט אַזוי אינטענסיוו אונטערגעהאַנדלט מיט עגיפּטן, וועט געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג און וועט זיך אויסברייטערן אויף אַלע אַראַבישע שכנים פון ישראל.

גיטעלע עדעלשטיין רעציטירט מיט אַ סך געפיל און האַרציקייט עטלעכע אויסצוגן פון יצחק קאַצענעלסאָנס "דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק".

מיטן פּאַרטיזאַנער ליד "זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג", איז פאַרענדיקט געוואָרן דער איינדרוקספולער יזכור פון די לובלינער יידן אין פּאַריז.

## דער טראַדיציאָנעלער באַנקעט

דער טראַדיציאָנעלער יערלעכער באַנקעט אין איר געענדערטער צייט (בייטאָג אַנשטאָט ביינאַכט) ווערט פון יאָר צו יאָר אַלץ שווערער צו אָרגאַניזירן. די אונטערנעמונג מוז מען מיט אַ 8-6 חדשים פריער פּלאַנירן און זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אָנטיילנעמען פון אַן אָנגעגעבענע צאָל, וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ פינאַנציעלע ריזיקע און שאַפט נישט ווייניק שרעק און זאָרג פאַרן דערפאָלג. טראָץ דעם טאָר מען נישט גיין אויפן לייכטן וועג און קעמפן פאַרן איינהאַלטן די טראַדיציע פון יום־טוב **צוזאַמען**.

דער פּאָרזיצער פון דער אונטערנעמונגס־קאָמיסיע, משהלע ראָזנבלום, באַגריסט דעם שיינעם עולם און גאָר באַזונדערס די איבערגעגעבענע מיטגלידער וואָס האָבן לעצטנס אַדורכגעמאַכט אַ שווערע צייט אין זייער געזונט־צושטאַנד און האָבן דאָך געמאַכט די אָנשטרענגונג בייצוווינען די שמחה, ווי עס איז דער סעקרעטאָר פון די "קינדער פון לובלין" גאָלדרינג און דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישע קולטור, יידל קאָרמאַן. ער דערמאָנט דעם גרויסן פאַרלוסט וואָס דאָס ישראל־פאָלק און די יידן אויף דער וועלט האָבן געהאַט מיטן טויט פון דער געוועזענער פרעמיער־מיניסטאָרין פון דער ישראל־רעגירונג, גאָלדע מאיר, די מוטיקע בויערין און פּאַרטיידיקע־רין פון דער ישראל־מדינה. דער עולם באַערט זי מיט אַ מינוט שטילשווייגן.

ער באַגריסט דעם נאָבעל־פּרייז טרעגער, דעם גרויסן יידישן שרייבער יצחק באַשעוויס־זינגער, וואָס ווערט אין זעלבן טאָג פייערלעך אויפגענומען פון דער יידיש־פראַנצויזישער עפנטלעכקייט אין דער סאָרבאָן. ער שיקט איבער אַ גרוס אונדזערע קראַנקע מיטגלידער און גאָר באַזונדערס דעם גרינדער און ערן־פּאָרזיצער פון דער לובלינער געזעלשאַפט, זשאַק גאָלדבוים.

אין דעם שיינעם סאַלאָן פון סאָוויליאָן דאָפין אין בולאָנער וואַלד, עסט דער עולם אַ געשמאַק מיטאָג, וואָס ווערט באַגלייט מיט מוזיק און געזאַנג פון יידישע, העברעישע לידער און מאָטיוון פון דער פעיקער זינגערין ראָסיטאַ מיט איר אָרקעסטער. אין דער יומטובדיקער אַטמאָספערע און שטימונג, פאַרגעסט מען די עלטער און מען טאַנצט מיט ברען. ביים איבערייס, האָט דער פּאָרזיצער שמואל שפּיראָ אין אַ קורצע אינהאַלטסרייכע אַרויסטרע־טונג אין 31סטן יאָר פון מדינת ישראל, זענען מיר עדות וועגן פונאַנדערוווקס און אויפלעבן פון אַנטיסעמיטיזם און נאַציזם אויף דער וועלט. דאָס גיט אונדז אַ סך נאָכצוטראַכטן, אַז טראָץ דעם וואָס ישראל איז אַ קליינע און באַזיצט גאַנץ באַשרענקטע מיטלען אויסצווירקן אויף דער וועלט־פּאָליטיק, אָבער דאָך ווען זי וואָלט געווען עקזיסטירט פאַר דעם גרויסן נאַצישן חורבן אויפן יידישן פאָלק, וואָלט ער נישט געקענט אָנגעמען אַזאַ שרעקלעכן פאַרנעם. די גאַנצע פרייע וועלט, אָבער באַזונדערס מיר יידן, דאַרפן טאָג־טעגלעך זאָרגן פאַר איר עקזיסטענץ און פונאַנדערוווקס. לײדער, מוז דער גרעסטער טייל פון איר בודזשעט **גיין אויף פאַרטיידיקונג**. טראָץ דעם וואָס מען איז אין דער האָפענונג אויף דער שוועל פון אַ שלום מיטן גרעסטן אַראַבישן לאַנד עגיפּטן און וואָס דער שלום איז אויך פאַרבונדן מיט ריזיקע סומעס פון פינאַנציעלע אויסגאַבן. די יידן אויף דער וועלט, און מיר צווישן זיי, טאָרן קיינמאָל נישט מיד ווערן פון מיטהעלפן סיי פּאָליטיש און דער עיקר פינאַנציעל. מיט דעם יערלעכן באַנקעט פאַרענדיקן מיר די מגבית־אַקציע פאַרן יאָר 1978.

אויפן אָרט איז אַדורכגעפירט געוואָרן אַ צוגאָב־אַקציע וואָס האָט אַריינגעבראַכט דריי מיליאָן אַלטע פראַנק. א יישר כוח די ביישטייערער און די זאַמלער פייגעלע זאָבערמאַן, דינהלע ראָטשטיין, טעשקע קאָרמאָן, שמואל שפּיראָ און שרהלע גאָלדאַדלער.

דער עולם זעצט פאָר דאָס טאַנצן און מיטזינגען מיטן אָרקעסטער. צום שלוס ווענדעט זיך טעשקע קאָרמאַן מיט אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער מיט הייסע ווונטשן אַז מען זאָל זיין געזונט און זיך ווייטער טרעפן אויף די קומענדיקע יום טובים. מיטן ווונטש

פון שלום אין ישראל און מיטן געזאַנג פון דער התקוה איז פאַרענדיקט געוואָרן דער גוט איינגעגעבענער איינדרוקספולער יום טוב

## דער זומער־יום־טוב אין ווערבערי

די לובלינער לאנדסמאנשאפט איז געווען די איינציקע אין פאריז צו פארענדיקן דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן סעזאָן פאר די וואקאנסן, מיט אן אויספלוג אונטער דער שטאָט. די לאנג־יאָריקע טראדיציע איז באמת געווען א שיינע, עס שמעקט מיט יונגקייט און עס וואָלט זיך געוואָלט אונטערהאלטן. אָבער פון יאָר צו יאָר ווערט אלץ שווערער, דערצו איז אזא אונטערנעמונג פארבינדן מיט נאַטור־קאפריזן. אז ס׳איז היי־יאָר געקומען א פארהעלטניסמעסיק גרויסע צאָל, האָבן די איניציאטאָרן פון דער קאפריזנער אונטערנעמונג געהאַט א סאַטיספאקציע. אָנקומענדיק אין דעם שיינעם פארק פון שאַטאָ אין ווערבערי, האָט די אונטערנעמונגס־קאָמיסיע אין באשטאַנד פון: משהלע און ראַשעל ראָזענבלום און דינה׳לע ראָטשטיין געהאט צוגעגרייט א בופעט אונטערן פרייען הימל, מיט כל־טוב, נישט פארגעסנדיק אפילו די טראַדיציאָנעלע לובלינער געבעקסן.

ביים מיטאָג האָט דער עולם אויסגעפילט דעם גרויסן זאל. פריינט ראָזענבלום עפנט דעם אָפיציעלן טייל, באַגריסנדיק די אָנוועזנדיקע.

שמואל שפּיראָ שטרייכט אונטער אין א קורצער ארויסטרעטונג, אז מיר האָבן היינט א דרייפאכיקן יום־טוב: 31 יאָר מְדינת ישראל, יום ירושלים, און דאָס אונטערשרייבן דעם שלום מיטן גרעסטן אראבישן לאנד, עגיפטן. ער קלערט אויף, אז די היי־יאָריקע אקציע פארן „פאָנד סאָציאל אוניפיע" איז א ספעציעלע צוגאָב־זאמלונג, וואָס גייט אויסשליסלעך פאר ישראל צו ליקווידירן די אָרעמע קווארטאלן, אז יעדער ישראל־אינוווינער זאָל קאָנען האָבן א מענטשלעכע וווינונג. לויטן פלאן פון דער פאָלקס־אקציע, דארפן די לובלינער זיך באַשטייערן מיט ניין מיליאָן אכט הונדערט טויזנט און פאר דער ספעציעלער אקציע — מיט ניין הונדערט טויזנט אלטע פראנק.

א פריידיקן סיורפריז האָבן מיר געהאט: דער ישראלדיקער מנהיג חיים פינקעלשטיין האָט זיך פונקט געפונען אין ווערבערי און ער האָט אונז מהנה געווען מיט א קורצן, אינהאלטסרייכן שיין־געבויטן שמועס.

בלויז עטלעכע אויסצוגן: דער צונויפקום פון יידן איז שוין אן און פאר זיך א יום־טוב. ס׳איז א גליק צו האָבן א פונק פון דעם יידישן לובלין. א ייד וואָס איז נישט פארבונדן מיט ישראל, איז פונקט ווי נישט האָבן קיין באָדן הינטער זיך און א הימל איבער זיך. דאָס בויען דאָס לאנד איז זייער שווער, אָבער נאָך שווערער איז צו בויען א פאָלק. און אָט ביי דעם בויען דאָס פאָלק, האָבן מיר סאָציאלע פּראָבלעמען. אָבער לאָמיר נישט ארייּנפאלן אין קיין פאלשער מיינונג, אז בלויז איצט האָט מען אנטדעקט אז עס זענען דאָ אָרעמע קווארטאַלן מיט שווערע וווינונגס־באדינגונגען. אלע יאָרן איז דאָס לאנד אין רושטאָוואַניעס און מען בויט פאר די ערשטע 29 יאָר פון דער מדינה. טראָץ אלע בלוטיקע מלחמות, האָט מען אויפגעבויט א מיליאָן וווינונגען, פון דעם 600,000 אין די ראמען פון געזעלשאַפטלעכער בויאונג.

פון אָנהויב פון די זיבעציקער יאָרן זענען עולה געווען 120 טויזנט רוסישע יידן און אלע האָבן באקומען א דאך איבערן קאָפּ. מיר האָבן צענדליקער טויזנטער יונגע פּאָרלעך וואָס זענען באַרעכטיקט צו קריגן וווינונגען. דאָס איז א כסדרדיקער פּראָצעס פון בויען דאָס לאנד און בויען דאָס פאָלק. און עס דארף זיין א כבוד פאר יעדן ייד צו זיין א מיטשותף צו די גרויסע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

שאפּיראָ מיט דער מיטהילף פון פייגעלע זאָבערמאן און דינה׳לע ראטשטיין, טרעטן צו פּראקטיש אדורכצופירן די זאמל־אקציע. צוזאמען מיט דער זאמלונג אויף דער פריערדיקער פארזאמלונג האָט דאָס אריינגעברענגט קנאפּע פינף מיליאָן אלטע פראנק.

דאָס פיינע מיטאָג־עסן ווערט באגלייט מיט אן ארטיסטישן פּראָגראם פון טאַלאַנטפולן זינגער פּאָל סטאַראָשוויעצקי, וואָס ווערט באדאנקט מיט אפּלאָדיסמענטן.

א באזונדערע הייטערקייט און לעבעדיקייט ברענגט אריין גיטעלע עדעלשטיין און א יוגנט־גרופּע פון דרור. אין א געמיטלעכע, פריילעכע שטימונג, מיט כסדרדיקע געזאנגען פון גאנצן עולם, האָט מען פארברענגט א שיינעם יום־טובדיקן נאָכמיטאָג וואָס איז געווען אינהאלטסרייך.

## קבלת־פנים פאר רבקהלע און דוד שטאָקפּיש

מיטוואָך, דעם 21סטן פעברואר, האָבן מיר איינגעאָרדנט א קבלת־פנים פאר דעם פּאָרזיצער פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל, דוד שטאָקפיש און זיין **פרוי** רבקהלע. וואָס האָבן געוויילט א קורצע צייט אין פראנקרייך און אין בעלגיע.

נאָך דעם דערעפענונג־וואָרט פון שרה׳לע גאָלדאדלער, האָבן באגריסט די געסט: טעשקע קאָרמאַן־פּאָרשטעטער, שמואל שפּירא, און משה זאלצמאן. דער גאסט פון ישראל, האָט אין אן אויספירלעכן רעפעראט ארומגערעדט די אויפגאבן פון די לאנדסמאנשאפטן בכלל, און פון די לובלינער — בפרט. דערנאָך האָט ח׳ דוד באריּרט די אקטועלע פּראָבלעמען פון ישראל, איר פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאגע, ווי אויך געענטפערט אויף א ריי פראגן פון די פארזאמלטע לאנדסלייט.

ס׳איז געווען אן אינטערעסאנטער, באלערנדיקער און וויכטיקער צוזאמענטרעף.

**משה זאַלצמאַן**






אויף דער יערלעכער אזכרה אין לאָס־אנזשעלעס.

עס זיצן אין דער ערשטער ריי פון לינקס: די אלמנה פון משה׳לה אייזענבערג ע״ה, זייער טאָכטער גינא עהרענבערג, באלטשע אייזענבערג און יוסף שנור.אויפן בילד אויבן: עס רערט פּראָפ׳ זיגעלבוים.

# באריכטן פון ארגענטינע

## דער יזכור־אקט

דעם 9טן נאָוועמבער 1942 האָט די דייטשע געסטאַפּאָ צוזאמען מיט זייערע פּוילישע און אוקראַינישע משרתים, אַרומגערינגלט דעם לעצטן לובלינער געטאָ אין מיידאן־טאטארסקי, באפוילן די איבערגעבליבענע יידן זיר פארזאמלען אויף אן עפנטלעכן פלאץ. ווער עס האָט זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן, געוואָלט ראטעווען דאָס לעבן, איז געשלאָגן געוואָרן פון די רוצחים אָדער דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. מער ווי דריי און א האַלבן צענדליק יאָר זענען אוועק זינט יענער טראגישער צייט, ווי די לעצטע פון לובלינער געטאָ זענען געטריבן געוואָרן אין פארניכטונג־לאגער מאיידאנעק. מיט דעם רויך פון די גאז־אויוונס האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות אונדזערע עלטערן, שוועסטער און ברידער, די נאָענטע און טייערע.

יאָר־יערלעך צינדן מיר ליכט אין דעם דערמאָנונג־טאָג נאָך די וואָס זענען צו קבר ישראל נישט געקומען. זייער אש איז צעפלויגן אויף די פעלדער ארום לובלין.

דער היי־יאָריקער אזכרה־אקט נאָך די קדושי לובלין, איז פאָרגעקומען אין דער שיל יסוד התורה אין בוענאָס־איירעס. דער וויצע־פארזיצער יעקב גראדעל האָט דערמאָנט די וויכטיקייט פון יידישן ישוב אין לובלין במשך פון דורות און זיין טראגישער אומקום בעת דער ממשלה פון היטלעריזם. דער חזן אליעזר סאלמאן האָט געזאָגט עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים. דער סעקרעטאַר קאָפּל מיזשעריצקי איז מזכיר די קדושים פון לובלין, ברענגט ארויס די געשיכטע פון יידישן לובלין, מיט זיינע גדולים און רבנים, ווי דער "חוזה פון לובלין", דער מהרש"ל און מהר"ם, די ישיבת חכמי לובלין, אירע וועלטלעכע און געזעלשאפטלעכע טוער. ווי אויך די שרייבער און פּאָעטן ווי יעקב גלאטשטיין, משה שולשטיין און י. גראנאטשטיין, וואָס האָבן צוגעטראָגן זייער חלק צו דער יידישער ליטעראטור און פּאָעזיע. ער דערמאָנט אויך די טעטיקייט פון דעם "החלוץ" און ציוניסטישע פארטייען, וואָס האָבן ארויסגעגעבן פּיאָנערן און בויער פאר מדינת ישראל. דאָס אלץ איז געוואָרן אָפּגעמעקט און פארטיליקט. געבליבן אין לובלין זענען נאָר געציילטע יידן, אָבער קיין יידישער ישוב איז מער נישטאָ.

מיט אַ קאָלעקטיוון קדיש האָט זיך דער איינדרוקספולער יזכור־אקט געשלאָסן.

## זיצונגען און צוזאמענטרעפן

די וועכנטלעכע זיצונג אין הויז פון ה׳ צדוק פעלד, וועלכער האָט אויפגענומען די פארוואלטונג מיט א כיבוד ביי פיין געדעקטע טישן, האָט זיך באשעפטיקט מיט איינִיקע פראגן פון אונדזער טעטיקייט.

דער פאָרזיצער דניאל קלאווער האָט באַגריסט די פאמיליע פעלד צו זייער צוריק קומען פון ישראל, ווו זיי האָבן פארבראכט אנדערהאַלבן מאָנאַט. ה׳ פעלד דערציילט וועגן דער גוטער שטימונג פון דער ישראל באַפעלקערונג וואָס דערווארט, אין קורצן זאָל ווערן אונטערגעשריבן דעם שלום מיט עגיפטן. ער גיט אויך איבער א גרוס פון ארגון יוצאי לובלין. ער האָט זיך געטראָפן מיט דעם פאָרזיצער דוד שטאָקפיש און די קאָמיטעט־מיטגלידער מ. האָרן און א. איינשטיין. דער סעקרעטאָריאט געפינט זיך אין דעם הויז. פון פוילישן יידנטום, וואָס איז באַצירט מיט בילדער פון דער געוועזענער יידישער לובלין.

די מיטגלידער פון דער פארוואלטונג האָבן זיך באשטייערט מיט 100 דאָלאר פאר דעם זשורנאַל "קול לובלין", וואָס ווערט ארויסגעגעבן אין ישראל. יעקב גראדעל האָט באַדאַנקט דער פאמיליע פעלד פאר דער שיינער אויפנאַמע.

אויף אן אנדערער זיצונג אונטערן פאָרזיץ פון פרעזידענט דניאל קלאַווער, האָט יעקב גראדעל באַריכטעט, אַז ער האָט איבערגעגעבן אונדזער באַשטייערונג פאַר דער ליגע קעגן טובערקולאָז. קאָפּל מיזשעריצקי גיט איבער, אַז עס איז אָנגעקומען אַן עקזעמפּליאַר פון "קול לובלין" דרך לופּספּאָסט און אַ גרעסערע צאָל וועט אָנקומען דורך דער געוויינלעכער פּאָסט פאַר די לאַנדסלייט. אויסנוצנדיק די געלעגנהייט וואָס דער איידעם פון אונדזער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד, יוסף וויינער, פאָרט קיין ישראל, ווערט מיט אים מיטגעשיקט א גרעסערע סומע פאַר "קול לובלין" און מיט דער זעלבער געלעגנהייט שיקט איבער אונדזער לאַנדסמאַן לעאָן מיטעלמאַן זיין פערזענלעכע באַשטייערונג פאַרן דאָזיקן צוועק. מיטן פאַרענדיקן די טעטיקייטן פון הייִנטיקס יאָר ווערט דיזיצונג געשלאסן.

אַ זיצונג לכבוד דעם יידישן ניי־יאָר איז פאָרגעקומען אין הויז פון קאַסיר ישראל טעמפּעלדינער. עס איז געגרייט געוואָרן אַ שיינער כיבוד און די לאנדסלייט האָבן פריידיק פאַרבראַכט. נאָך דעם ווי עס איז באַדאַנקט געוואָרן די פאַמיליע טעמפּעלדינער פאַר דער שיינער אויפנאַמע, האָבן זיך די פאַרוואַלטונגס מיטגלידער באַשטייערט פאַר דער פאַריינס־קאַסע. דער סעקרעטאַר קאָפּל מיזשעריצקי לייענט אַ צירקולאַר און קאָרעספּאָנדענץ פון ארגון יוצאי לובלין בישראל. נאָכדעם פאַרבינדט זיך אַ געמיטלעכער שמועס, ווי אַזוי מיטצוהעלפן דאָס דערשיינען פון דער אויסגאַבע "קול לובלין" אין ישראל, מיטן אנטייל פון יעקב גראדל, דניאל קלאַווער, ישראל טעמפּעלדינער און עס זילבער. סיוועט באַשלאָסן בייצושטייער פאַר דעם צוועק.

קאָפּל מיזשעריצקי

★★

## אונדזער בן-עיר שלמה זינשטיין מיטגליד פון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פאַר באַערן די קדושים

שלמה זינשטיין, פרעזידענט פון דער פעדעראַציע פון אידישע קעמפער, קאַצעטלער און קרבנות פון נאַציזם; פאָרזיצער פון "מסדה" צווייג, פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד און פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, האָט באַקומען אַ וויכטיקע נאָמינירונג פונעם ווייסן הויז. ער איז באַשטימט געוואָרן דורך פרעזידענט קאַרטער ווי אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיסיע, וואָס דאַרף רעקאָמענדירן דעם אופן ווי אַזוי צו פאַראייביקן דעם זכרון פון די 6 מיליאָן, וואָס זענען אומגעקומען דורך די נאַצים.

מיר באַגריסן ח׳ זינשטיין צו דער נאָמינירונג, וואָס איז אַ גרויסער כבוד און פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אין די טעג, ווען עס איז אומעטום אויף אַ ווירדיקן אופן אָפּגעצייכנט געוואָרן די טרויעריקע דאַטע פון 40סטן יאָרטאָג זינט דער טראַגישער "קרישטאַל־נאַכט" אין היטלער־דייטשלאַנד, האָט די יידישע טעלעגראַפן־אַגענטור געבראַכט אַ נייעס פון וואַשינגטאָן, וואָס איז פון וויכטיקער היסטאָרישער באַדייטונג.

אַז פרעזידענט קאַרטער האָט באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון 24 פערזאָן, וועלכע זאָלן אויסאַרבעטן אַ פּלאַן און רעקאָמענדירן ווי אַזוי אַמעריקע זאָל באַערן דעם אָנדענק פון די זעקס מיליאָן יידישע קרבנות, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן פון די נאָצים.

די דאָזיקע קאָמיסיע, צוזאַמען מיט אַנדערע, וועט אויך דאַרפן אויסאַרבעטן א געהעריקן פּלאַן וועגן אַ פּאַסיקן מאָנומענט פאַר די נאַצי־קרבנות. די זעלבע קאָמיסיע וועט אויך רעקאָמענדירן, ווי אַזוי אַמעריקע זאָל יעדעס יאָר באַערן דעם אָנדענק פון די אומגעבראַכטע יידישע קרבנות.

# לובלינער יידן שרייבן

## דער אומפאַרגעסלעכער וועלט-צוזאַמענטרעף

שלמה זינשטיין / ניו-יאָרק

די צייט פון דער לעצטער וועלט-קאָנפערענץ פון אונדזערע לובלינער, פאַרגעקומען אין ישראל צום 30סטן יום העצמאות — איז שוין א היפש ביסל דערוווייטערט. אָבער אין זכרון און אין געמיט וועט זי, דאַכט זיך, תמיד בלייבן פריש. די איינדרוקן וועלן אויף א לאַנגע צייט בלייבן, הגם אונדזער לובלינער צוזאַמענטרעף איז געווען נישט מער ווי עטלעכע אָפּגעריסענע בלעטלעך פון קאַלענדאַר, וואָס זענען פאַרגאַנגען מיט די טעג, אָבער... דאָ קומט דער אָבער! ווייל אזא צוזאַמענטרעף איז גאָר עפּעס אַנדערש, ווייל ער איז ספּעציפיש, אייגנאַרטיק, און פּאַסט זיך גאָר נישט אריין אינעם סטאַנדאַרט פון אַלע אַנדערע קאָנפערענצן.

איך פּערזענלעך האָב געהאַט צוויי אויסוואַלן: אָדער פליען אלס דעלעגאַט צום ציוניסטישן קאָנגרעס, מיט באַצאָלטע שפּעיזן, אָדער פליען צום לובלינער צוזאַמענטרעף. וואָס איך האָב דעצידירט — ווייסטו דאָך. ווייל פאַר מיר איז נאָך אַלץ ווייכטיק דאָס טרעפן זיך מיט לובלינער פון דער וועלט אין דער יידישער מדינה, ווידער דורכלעבן די וווּנדערלעכע יוגנט-זכרונות, זיצן צוזאַמען מיט אייגענע, היימישע יידן, איבערגעגעבענע מיט דער גאָלדענער נאָסטאַלגיע און דערמאָנען די טויזנטער ניסים וואָס האָבן מיט יעדן איינעם פּאַסירט אין צייט פון חורבן, די אויסטערלישע געשיכטעס פון לעבן געבליבענע.

אומפאַרגעסלעך איז דער אָוונט פון זיצן צוזאַמען און קוקן אויף די ליכט-בילדער פון דער אַמאָליקער לובלין, דערמאָנען זיך אין די פּילפאַרביקע פּערזענלעכקייטן פון אַלערליי פּאַרטייען און שאַטירונגען. דאָס אַלץ איז נישט ווייניקער ווערט ווי גרויסע, פּאָליטישע קאָנפערענצן.

דער פּיקניק אין שבתדיקן טאָג, דאָס פאָרן צוזאַמען אין אויטאָ, אָפּשטעלן זיך אין א וואַלד, צוזאַמען עסן, דערנאָך פאַרברענגען אין קיבוץ עין שמר, מיט אַזעלכע טייערע חברים, ווי: קורט הערץ און יעקב קאַזשימערסקי, וואָס סימבאָליזירן די אייגנאַרטיקע אינ־טעליגענץ פון דעם אַמאָליקן לובלינער חלוצים. ס'איז נאָר א שאָד, וואָס נישט אַלע לובלינער האָבן געהאַט די זעלטענע געלעגנהייט דאָס אַלץ דו־רכצולעבן. (איך האָב געהערט, אז די ערשטע צוויי טעג, איידער מיר, די ניו-יאָרקער, זענען אָנגעקומען, זענען פאָרגעקומען פייערלעכע, היימישע אויפנאַמען פאַר אויסלענדישע געסט אין פּריוואַטע היימען ביי לאַנדסלייט און אין עפנטלעכע זאַלן).

די אָפיציעלע דערעפענונג פון צוזאַמענטרעף, וואָס איז אַזוי זאָרגפעלטיק צוגעגרייט געוואָרן, איז געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך. ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויסדריקן א הארציקן יישר כח די אַלע, וואָס האָבן צוגעלייגט א האַנט צו דעם דערפאָלג פון אזא אומפאַרגעסלעכער אונטערנעמונג.

דער באַזוך ביים מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק און די אַרויסטערעטונגען דאָרט — האָבן איבערגעלאָזט א טיפן איינדרוק. און די יזכור-אַקאַדעמיע אין טאָג פון דער שואה און גבורה אין "היכל התרבות", ווו אונדזערע לובלינער האָבן זיך באַטייליקט — איז אויך א שטאַרקע איבערלעבעניש.

די יום העצמאות פייערונגען גופא, אין וועלכע מיר האָבן זיך באַטייליקט, זענען דאָך בכלל מאָמענטן פון הויכן עקסטאַז, פון פרייד פון א פאָלק, וואָס האָט צוויי טויזנט יאָר געטראָגן אין זיך די בענקשאַפט נאָך זעלבשטענדיקייט און פרייהייט. א פרייד וואָס שפּאַרט אַרויס פון די הערצער ווי א לאַווע און לאָזט זיך נישט צוימען. א סענסעטיווער טוריסט דערפילט עס גלייך — און לעבט דאָס מיט.

דער פינאַל פון דעם צוזאַמענטרעף — איז דאָך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, דער פיין צוגעגרייטער באַל, וואָס איז א קאָפּיע פון די אַמעריקאַנער באַנקעטן: פרייילעך, לעבעדיג, גוטע מאכלים, פיינע מוזיק, באַגריסונגען, ליכט צינדן — און דער עיקר: א פּראַכטפולע לובלינער אַטמאָספער, מיט ציפורה שפּייזמאַנס געלונגענע צערעמאָניע-מייסטערשאַפט. ס'איז טאַקע געווען א נאַכט צום געדענקען!

איך וויל פאַרענדיקן מיינע איינדרוקן מיט א דאַנק פאַר רבקה'לע און דוד'ן פאַר דער אויפנאַמע ביי זיי אין הויז, ווי מיר זענען פּונקט לובלינער געוועזן זייערע געסט און אויפגענומען געוואָרן אויף א גאַר פיינעם אופן. די געציילטע שעהן וואָס מיר האָבן דאָרט פאַרברענגט, זענען באמת געווען לעצטע בלימעלעך, וועלכע האָבן דערגאַנצט דעם שיינעם בוקעט וואָס הייסט — לובלינער צוזאַמענטרעף.

★

זעליג וואַסערשטרום, ניו-יאָרק:

**...איך דאַנק הארציק פאַרן צושיקן דעם "קול לובלין" נומער 13. איך שטרעב מיטן האַרץ און נשמה נאָך איינמאָל צו באַזוכן ישראל און דאָרט זאָגן "שלום, אונדזער לאַנד"!. צוליב געזונטהייט-סיבות קאָן איך נישט פּאַרלויפיק זיין מיט אייך, נאָר מיין מחשבה איז תמיד מיט דער מדינה און מיט אונדזערע לובלינער יידן דאָרט.**

**איך שיק אייך א טשעק פון 40 דאָלאַר. א טייל — פאַרן זשורנאַל און דאָס איבעריקע, פאַרטיילט לויט אייער איינזען. איך דענק, אז ווען הונדערט לובלינער יידן אין דער וועלט שיקן אייך כאָטש אזא סומע, וואָלט איר מיט נאָך מער דערפאָלג געקענט אָנגיין מיט דער געבענטשטער ארבעט לטובת אונדזערע לאַנדסלייט. א גרוס פאַר אַלע.**

★

קאַראָל יאַוואָרסקי-געצמאַן- דייטשלאַנד:

**...איך וויל האָפן, אז ווי נאָר עס וועט דערשיינען דער נאָענטסטער נומער "קול לובלין", וועט איר צושיקן אן עקזעמפּלאַר. איינמאָל אין יאָר איז דער זשורנאַל פאַר מיר (און איך גלויב, אז אויך פאַר אַנדערע), אן אָפּפרישונג און דערמאָנונג פון דער פאַרגאַ־נגענהייט, וואָס ווערט פאַרגעסן. איך שיק הונדערט מאַרק פאַר דער אויסגאַבע מיט אן אַפּעל צו די לובלינער יידן אין דער וועלט, צו שאַפן א ספּעציעלן פאָנד פאַר דער צייטונג, וואָס דאַרף דורך אַלעמען געשטיצט ווערן מיט פּרייוויליקע באַשטייערונגען. ס'וואָלט געווען אן אומפאַרגעבלעכער פעלער, ווען "קול לובלין" הערט אויף, חלילה, צו דערשיינען. דאָס איז דאָך די איינציקע בריק וועלכע פאַרייניקט אַלעמען. אפשר איז כדאי צו שיקן בריוו צו די לאַנדסלייט אין אַמעריקע, אַרגענטינע, פראַנקרייך און אַנדערע לענדער, זיי זאָלן זיך באַשטייערן מיט א ברייטער האַנט פאַר דער צייטונג.**

# באערט דעם אָנדענק פון די קדושים פון לובלין — אין דער 36סטער יאָרצייט

דעם 21סטן נאָוועמבער 1978 איז אין בית העמלין אין תל-אביב פאָרגעקומען דער יזכור-אָוונט צום 36סטן יאָרטאָג פון אומברענגען דורך די נאצי-מערדער די איבער פערציק טויזנט קדושים פון לובלין.

א 300 לאנדסלייט זענען געקומען זיך מתייחד זיין מיטן אָנדענק פון זייערע נאָענטסטע און טייערסטע, די קרבנות פון די דייטשישע רציחות. צום אָנצינדן די זעקס ליכט לזכר די זעקס מיליאָן קדושים, זענען דורכן פאָרזיצער פון אָוונט, דוד שטאָקפיש, פארבעטן געוואָרן: ישעיהו ווייסבראָט-האָרוויץ, קינע מאַרגענשטערן, פייטשע אפעל, אניע באָרענשטיין־גליקמאן, תיאודור הערצל קאנטאָר און לאה קוריס. דער חזן יעקב סאמעק האָט גערידט דעם עולם ביז טרערן מיט זיין "אל מלא רחמים" און קאפיטלעך תהילים.

א שטארקן איינדרוק האָט געמאכט דער אויפטריט פון שילערס פון 11 קלאס פון דער מלוכהשער גימנאזיע אין חיפה א"נ פון ד"ר לעאָ בעק, וואָס האָט אדאפטירט די לובלינער קהילה. די לערערין רות ליפע האָט צוגעגרייט אן אנטשפרעכיקן פראָגראם פון דעקלאמאציעס, געזאנג, מוזיק און קינסטלערישן וואָרט.

נאָכן אויפטריט פון די קינדער, ווערט דערקלערט א קורצער איבערייס. שפעטער פארנעמען דעם פרעזידיום-טיש די מיטגלידער פון קאָמיטעט פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל (זע דאָס בילד). דער סעקרעטאר מתתיהו האָרן איז מספיד די לובלינער יידן פון לאנד און פון אויסלאנד, וואָס זענען אין לעצטן יאָר אוועק אויפן עולם האמת און אויסגעדריקט מיטגעפיל און מיטבאטייליקונג אין טרויער פון די פאר'אבל'טע משפחות אין נאָמען פון אלע לובלינער יידן אין ישראל און אין די תפוצות. צפורה דעסקאלאָ-וויסלפיש לייענט א רירנדיק ליד פון אונדזער בן עיר צבי זילבערמאן און דערנאָך האָט דוד שטאָקפיש, אין א לענגערן באריכט, דערציילט וועגן די אויפטוען, דורכפאלן, ראנגלענישן און אויפגאבן פאר וועלכע עס שטייט איצט דער אירגון יוצאי לובלין.

מיטן געזאנג פון דער "התקוה" איז געשלאָסן געוואָרן דער איינדרוקספולער יזכור-אָוונט. ביז דער שפעטער שעה זענען נאָך געבליבן בני-עיר אין זאל, כדי זיך אויסשמועסן וועגן אקטועלע פראגן און אויך זיך דערמאָנען פארשידענע עפיזאָדן פון דער אלטער היים.

# די לובלינער לאנדסמאנשאפט-אָרגאניזאציע אין ישראל

אין דער ספעציעלער אויסגאבע "לאנדסמאנשאפטן פון פוילישע יידן אין ישראל", דערשינען צום 4טן וועלט-צוזאמענפאָר פון דער פעדעראציע פון פוילישע יידן, איז געווען אָפגעדרוקט דער ווייטערדיקער באריכט פון ארגון יוצאי לובלין אין ישראל, וועלכן מיר ברענגען אָן ענדערונגען.

די לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל עקזיסטירט פון יאָר 1944. אין די ערשטע יאָרן איז געשאפן געוואָרן א גמילות-חסדים קאסע און מ'האָט אויך געשיקט שפייז-פעקלעך אין דער באפרייטער לובלין, געהאָלפן איינאָרדענען נייע עולים, דורכ-געפירט די יערלעכע אזכרות, געהאָלפן ארויסגעבן צוויי יזכור־ביכער: "דאָס בוך פון לובלין", אין יידיש, פאריז 1953; "לובלין", אין עברית, ירושלים-תל-אביב, 1957.

אין די לעצטע יאָרן איז די טעטיקייט פון דער לאנדסמאנשאפט אויסגעברייטערט געוואָרן אויף אנדערע געביטן.

פארייביקונג:

א מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאנעק אויפן בית הקברות אין נחלת יצחק. אונטער דער מצבה איז פארגראָבן א קעסטעלע אש, געברענגט פון מיידאנעק אין יאָר 1972. איין מאָל אין יאָר ווערט ביי דעם מאָנומענט אדורכגעפירט א יזכור-אקט.

א "לובלינער ווינקל" איז טעטיק אויף דיזנגאָף 158 אין תל-אביב, אויסגעשטאט מיט צוויי וויטראזשן, בילדער און א ביכער-אויסשטעלונג פון ספרים וועגן לובלין, פון לובלינער מחברים און ספרי-קודש וועלכע מ'האָט געדרוקט אין לובלין, ווי אויך די אויסגאבן פון די לאנדסמאנשאפטן אין ישראל און אין די תפוצות. אויסער דער מוזעאלער באדייטונג פונעם "ווינקל", קומען דאָרט פאָר זיצונגען, פארזאמלונגען און קאָנפערענצן;

די גימנאזיע אין חיפה א.נ. פון לעאָ בעק און די פאָלקס-שול אין רמת השרון האָבן אַדאפטירט די לובלינער יידישע קהילה. די קינדער פון די העכערע קלאסן טרעטן אויף אויף יעדער אזכרה, מיט אן אנטשפרעכיקן פראָגראם. די שילערס פון דער גימנאזיע אין חיפה האָבן מיט 3 יאָר צוריק אָפגעדרוקט א ספעציעלע אויסגאבע מיט ארבעטן פון די קינדער וועגן לובלין;

3 מאָל זענען פארטיילט געוואָרן 5 ליטעראטור-פרייזן א.נ. פון די קדושי לובלין פאר אָנגעזעענע פען-מענטשן אין לאנד און אויסלאנד;

מיר באטייליקן זיך אויך אינעם סטיפענ־דיע-פאָנד פון די היסטאָריע-פאקולטעטן פון ירושלימער און תל-אביבער אוניוור־ערסיטעטן, א.נ. פון בעלא מאנדעלסבערג-־שילדקרויט;

צו יעדער אזכרה דערשיינט די יערלעכע אויסגאבע "קול לובלין", פון 48 ביז 64 ז"ז, מיט א רייכן אינהאלט און בילדער. דער טיראזש — 1,200 קאָפיעס.

קעגנזייטיקע הילף:

יעדן ערב פסח און ערב ראש-השנה ווערן פארטיילט געלט-שטיצעס פאר 20 נויטבא־דערפטיקע משפחות און איינזאמע לאנדסלייט, אויסער דרינגענדיקע הילף אין באזונדערע פאלן. מיר זענען אָנגעשלאָסן אין דער ליי-קאסע פון פארבאנד פון פוילישע יידן, פון וואנען די בני-עיר באקומען הלוואות. פאראן אויך א ספעציעלער קולטור-פאָנד צו שטיצן שרייבערס אויף ארויסצוגעבן זייערע ביכער.

געזעלשאפטלעכע טעטיקייט.

יעדן יום העצמאות אָרדענען מיר איין דעם טראדיציאָנעלן באל. אויסער דעם קומען פאָר פון צייט צו צייט מסיבות לכבוד חנוכה, פורים און אנדערע געלעגנהייטן. טוריסטן-לאנדסלייט זענען תמיד זוכה צו א קבלת-פנים אין "לובלינער ווינקל".

פארבינדונגען מיט די תפוצות:

מיט אונדזערע לאנדסמאנשאפטן און יחידים אין 10 לענדער און 19 שטעט, זענען מיר אין כסדרדיקער פארבינדונג. זיי באקומען אונדזער זשורנאל, בריוו און צירקולארן — און ענטפערן מיט הילף, וועלכע דערמעגלעכט צו פירן די טעטיקייט. א גרויסן דערפאלג האָבן געהאט די צוויי וועלט-צוזאמענטרעפן פון די לובלינער לכבוד דעם 25סטן און 30סט יום העצמאות פון מדינת ישראל. מיר שטאָלצירן דערמיט, וואָס די לאנדסמאנשאפט "לובלינער און אומגעגענט אין טאָראָנטאָ", האָט געשאָנקען אן אַמבולאַנס פארן "מגן דוד אדום" און אויסגעשטאַט די אמבולאטאָריע פון קופת חולים אין עקרון, ביי רחובות.

✶

מיר האָבן זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע צוציען קינדער פון אונדזערע לאנדסלייט צו די אקטיוויטעטן פון דער לובלינער אָרגאניזאציע.



"ביז 120" האָט מען געווינטשן משה קאָרן צו זיין 60 סטן געבוירנטאָג. עס זיצן פון לינקס: לאה קוריס, דוד שטאָקפיש, משה קאָרן, לובה קאָרן, פרוי וואקסמאן, עס שטייען: חיה און מארעק אָרטמאן.

## מסיבה לכבוד משה קאָרנ׳ס 60סטן געבוירנטאָג

ווי מיר האָבן געמאָלדן אין פאָריקן נומער "קול לובלין", איז אין בית סאָקאָלאָוו אין תל-אביב פאָרגעקומען אן אינטימע מסיבה צו די "ערשטע זעכציק" פון אונדזער בן-עיר און נדבן משה קאָרן (טאשעמקא). דעם בעל-היובל האָבן באגריסט: דוד שטאָקפיש, מתתיהו האָרן, עובדיה פעלד, אפרים איינשטיין. אלע האָבן אונטערגעשטראָכן די ברייטהארציקייט, פאָלקסטימלעכקייט און נאָענטקייט פון משה קאָרן צו זיינע לאנדסלייט, די יידן פון לובלין און די



פון לינקס: לובא קאָרן, יצחק ארצי (וויצע־בירגערמייסטער פון תל־אביב), משה קאָרן, לייבל מאנדעלבוים.

כסדרדיקע הילף — פינאנסיעלע, מאָראלישע און געזעלשאפטלעכע, וועלכע ער ווייזט ״גרויס נישט נאָר דעם ארגון יוצאי לובלון, נאָר דער מדינה בכלל, דער תל-אביבער שטאָט-פארוואלטונג בפרט און אחרון אחרון — דעם "טאטע" פון די פארוואונדעטע צה"ל-זעלנער און מלחמה־אינוואלידן, שמחה האָלצבערג, וואָס ווייסט צו דערציילן וועגן משה קאָרנ׳ס אָפן הארץ און אָפענע קעשענע פאר די באדערפענישן פון די אויבנדערמאָנטע אינסטיטוציעס און פערזאָנען. דער פאָרזיצער האָט געווינטשן משה׳ן מיט זיין לעבנס-באגלייטערין לובא, זיי זאָלן אין נחת און אין פרייד אויך איבערקומען די "צווייטע העלפט", ביז די הונדערט-און-צוואנציק, ווייל תמיד איז ער מקיים דער פסוק: עניי עירך ועניי עיר אחרת — עניי עירך קודמין... און האלט שטארק פונעם פאָלקסווערטל: "אז גאָט האָט פרנסה געגעבן, זאָל מען אויך אנדערע לאָזן לעבן".

משה קאָרן האָט געדאנקט פאר דעם צוזאמענטרעף מיט לובלינער יידן, און דערקלערט וועגן זיין שפענדונג פון 20 טויזנט ל"י צו פארטיילן די 20 נויטבא־דערפטיקע לובלינער משפחות אין ישראל. ער האָט געזאָגט, אז יעטוועדע באגעגעניש מיט יידן פון זיין היימשטאָט, פארשאפט אים תמיד א סך פארגעניגן.

אין דער מסיבה האָט זיך אויך באטייליקט די פרוי דזשודי דזשאָזעפס (די טאָכטער פון חנא פינקעלשטיין פון לובלין) מיט איר מאן רובין דזשאָזעפס פון ניו-יאָרק.

## א מתנה פון משה און לובא קאָרן פאר דער שטאָטישער ביבלי־אָטעק אין תל-אביב

די אָפטיילונג פאר קולטור, יוגנט און ספאָרט ביי דער תל-אביבער שטאָט-פאר־



די סקולפטור — משה און לובא קאָרנס מתנה פאר דער ביבליאָטעק.

# א דאנק און בקשה פון א לובלינער פרוי אין קרית-ביאליק

געערטער קאָמיטעט פון אירגון יוצאי לובלין בישראל — שלום רב!

איך דאנק אייך פאר דער בראָשור "קול לובלין", וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט. כ'האָב זייער געוואָלט זיין אנוועזנד אויף דער אזכרה, נאָר לײדער, דערלויבט מיר נישט מיין געזונט-צושטאנד ארומצופאָרן. איך שיק אייך 100 ל"י פאר דער צייטונג. ווען כ'זאָל קענען, וואָלט איך געשיקט מערער. איך לעב פון א באשיידענער פענסיע.

עס קומט אייך, חברים פון לובלינער קאָמיטעט, א גרויסן דאנק פאר איינאָרדענען די וועלט-צוזאמענטרעפן פון אונדזערע לאנדסלייט, אויף וועלכע מען באגעגנט לובלינער, וועלכע מ'האָט נישט געזען א סך יאָרן און אפילו נישט געוווסט, צי זיי זענען געבליבן לעבן נאָכן גרויסן חורבן.

איך ווייס נישט דעם גורל פון מיין שוואָגער וואָלף גאָלדהאַר, זיין ווייב (מיין שוועסטער) חנה פון דער היים שאָקמאן, מיט זייערע 2 טעכטערלעך: טאָבטשע און עסטושא גאָלדהאַר. געוווינט אויף לובארטאָווסקע 29, אנטקעגן דעם פאָליציי-קאָמיסאריאַט. זיי האָבן געהאַט א שפייז-געוועלב אויף דער רוסקע-גאַס. אפשר איז ווער פון זיי געבליבן לעבן?

איך בין אוועק פון לובלין אין יאָר 1922 און דעם לעצטן בריוו פון זיי דערהאַלטן אין בוענאָס-איירעס, אין 1942. די גאנצע צייט האָב איך זיי געוואָלט אראָפּנעמען צו זיך, קיין ארגענטינע, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט קומען, צוליב זייער פרומקייט.

איין קוזין מיט זיין פאמיליע איז מיר געלונגען צו ראטעווען פון זאלצבורג, שרייבט ער מיר, איך זאָל זען צו זוכן קרובים. ווו זאָל איך זוכן? כ'האָב געשריבן אין "לעצטע נייעס", אין דער רובריק "זוכט קרובים" — אָבער אָן דערפאָלג. פיליכט ווייסט דער לובלינער, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט דער טאָכטער פון ר' שלמה'לע ע"ה.

כ'בין אַן אַלטע פרוי און ווער ס'וועט מיר דערפרייען דאס הארץ מיט א גוטער בשורה, וועט זיך פשוט קויפן עולם-הבא.

ביטע שרייבן.

רחל שאָקמאן דע טאובער, בן-גוריון 63/10, סאביניה, קרית ביאליק, חיפה, ישראל.

---

וואלטונג, האָט אויף מאָנטיק דעם 20.8.79 פארבעטן דעם קאָמיטעט פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל צו באטייליקן זיך אין אן אויפנאמע אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק "שערי ציון" — "בית אריאלה" לכבוד לובה און משה קאָרן פאר זייער שפענדן א סטאַטוע דער דערמאָנטער אינסטיטוציע.

י. שפירא, דירעקטאָר פון דער ביבליאָטעק האָט ביי דער געלעגנהייט ארומגעפירט דעם פארזאמלטן עולם איבער די הערלעכע ביבליאָטעק-זאַלן און דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון דער וויכטיקער קולטור-אינסטיטוציע. יצחק ארצי, וויצע-בירגערמייסטער פון תל-אביב, האָט באגריסט און געדאנקט משה קאָרן מיט זיין פרוי פאר זייער שטיצן מיט א ברייטער האנט געוויסע אונטערנעמונגען פון דער שטאָט. דוד שטאָקפיש האָט אונטער-געשטראָכן משה'ס צוגעבונדנקייט צו דער אַלטער היים און צו זיינע לאנדסלייט.

משה קאָרן האָט געדאנקט די געסט, די באַגריסערס און דעם סקולפּטאָר אלי אילן פאר דער קינסטלערישער סקולפּטור.



באטייליקטע אין דער אויפנאמע אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק (פון לינקס): ה' שאפירא (דירעקטאָר פון דער ביבליאָטעק), מ. הוד, ע. פעלד, א. ווירצער, ע. ווירצער, ר. שטאָקפיש, ס. פאכצאש, מ. האָרן, ח. הוד, א. איינשטיין, פרוי האָלצבערג, לובא קאָרן, משה קאָרן, א. לאסקאָווסקי, א. האָרוויץ, מ. זאלצמאן, א. לאסקאָווסקי, זיסמאן, י. ראכמאן, ד. שטוקפיש, ח. אָרטמאן, פ. האָכבוים, ע. ווינדערבאום, מ. אָרטמאן.

## קבלת פנים פאר געסט פון אויסלאנד און פארטיילונג פון דער ליטעראטור־פרעמיע א.נ. פון אלתר זאָבערמאַן ז״ל

זונטיק דעם 15טן אפריל 1979 (דריטער טאָג חול המועד פסח) איז אין גרויסן זאל פון פארבאנד פון פוילישע יידן אין תל-אביב, דיזנגאָף 158, פאָרגעקומען דער טראדי־ציאָנעלער קבלת-פנים פאר די געסט פון אויסלאנד, וואָס איז היי-יאָר געווען פארבונדן אויך מיטן פארטיילן דעם ליטע־ראַטור-פרייז א. נ. פון אלתר זאָבערמאַן ז״ל פון פאָריז, וואָס איז עטאַבלירט געוואַרן דורך זיין אלמנה פרוי פייגעלע זאָבערמאַן ביים וועלטראַט פאָר יידיש און יידישער קולטור, דעם דיכטער מאָטל סאַקציער פאַר זיינע צוויי זאמלונגען לידער: ״מיט פאר-באָטענעם בלייער״ (1977) און ״דער שייטער ביים וועג״.

די זשורי איז באשטאנען פון די שרייבערס פייוול זיגעלבוים, יצחק יאנאסאָוויטש און דעם פאָרשטייער פון די לובלינער לאנדסלייט, מאיר שילדקרויט.

דער פאָרזיצער פון אָוונט, דוד שטאָקפיש, האָט איןווארעמע ווערטער באגריסט די לאנדסלייט-טוריסטן, וואָס זענען געקומען פארברענגען אין דער יידישער מדינה דעם יום-טוב פסח און דעם יום העצמאות:

פייגעלע זאָבערמאַן מיט איר טאָכטער זשעני, מארי און יוסף זאָבערמאַן, גניע און שמואל שפּיראָ, ראשעל און משה ראָזנבלום, פנינה און שלמה מושקאט — פון פאריז; גינא און איזאַק עהרענבערג — פון לאָס-אנזשעלעס; די ברידער יעקב און אריה גראדעל — פון בועּנאָס-איירעס.

אויך די חשובע געסט האָבן גענומען א וואָרט און אויסגעדריקט זייער צופרידנקייט וואָס זיי איז געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט א 150 בני-עיר פון ישראל.

י. קָטאָלאַרסקי האָט פארבעטן אויף דער טריבונע די חברים פון דער זשורי און די פרוי פייגעלע זאָבערמאַן פון פאַריז, די עטאַבלירערין פון פאָנד. דער שרייבער יצחק יאַנאַסאָוויטש האָט געלייענט די מאָטיוון, וואָס זאָגן צווישן אַנדערס:

... מאָטל סאַקציער געהערט צו די דיכטער וואָס אין זייער ליד געפינט זיך ביאָגראַפיע פון דעם דיכטער. אין די לידער פון כמעט אַלע יידישע פאָעטן פון אונדזער דור קומט צום אויסדרוק דאָס וואָס זיי האָבן איבער־געלעבט אין די דרייסיקער, פערציקער און פופציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט און ביי מאָטל סאָקציער קומען די דאָזיקע איבערלעבונגען אַרויס מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט און בולטקייט. — — —

אין זיינע צווי ביכער וואָס מאָטל סאַקציער האָט אַרויסגעגעבן במשך דער צייט וואָס ער איז געקומען ווי אַן עולה קיין ישראל, ברענגט ער אונדז נישט בלויז די דיכטערישע רעמיניסצענצן פון זיין פאַרגאַ־נגענהייט, נאָר ער ברענגט אונדז אויך די פאָעטישע כראָניק פון זיינע ווייטיקלעכע איבערלעבונגען — —

אין די לידער פון מאָטל סַאקציער, זעען מיר אַז וואָס טיפער אַ דיכטער נורטעוועט אין זיך, אַלץ מער ברענגט ער צום אויסדרוק די וועלט אַרום זיך און וואָס מער ער ברענגט אַרויס זיין יחידישע וועלט, אַלץ מער דערזעט זיך אין אים, דערפילט זיך אין אים דער קאָלעקטיוו, דאָס פאָלק פאַר וועלכן ער שרייבט, פאַר וועלכן ער זינגט און שאַפט״.

וועגן פארשטאָרבענעם אלתר זאָבערמאן, וועמענס נאָמען עס טראגט די ליטעראטור־פרעמיע, האָט גערעדט דער געזעלשאפ־טלעכער טוער פון פאריז, שמואל שפּיראָ. מיר ברענגען גרעסערע אויסצוגן פון דער רעדע:

יעטוועדער יידישער ישוב האָט תמיד געהאט א געשטאלט, וואָס האָט אים באשיינט. דער נאָמען איז אָפּטמאָל געווען דער סימבאָל פון די מידות טובות, אָן וועלכע דאָס לעבן וואָלט נישט געהאט קיין אינהאלט. מיט אזא נאָמען איז מיט א יאָר צוריק אוועק אין דער אייביקייט אלתר זאָבערמאן ז״ל, אין דעם פארהעלטניס־מעסיק יונגן עלטער פון 66 יאָר. ווי איינער פון די אקטיווסטע אינעם פאריזער יידיש־געזעלשאפטלעכן לעבן, זענען אים אָנפּא־רטרויט געוואָרן וויכטיקע פונקציעס אין א גאנצער ריי אָרגאניזאציעס: פרעזידענט פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט, סעקרעטאריאטס־מיטגליד און גזבר פון דער פעדעראציע פון יידישע געזעלשאפטן, גענעראל סעקרעטאר פון דער געזעלשאפט ״פריינט פון, אונדזער וואָרט״, ביוראָ־מיטגליד פון דער ״עבודה״־פארטיי און עקזעקוטיוו־מיטגליד פון דער פאָלקס־אקציע פאר ישראל. זיינע אקטיוויטעטן האָט אלתר נישט אָנגעהויבן ערשט אין פאריז, נאָר אין די גאָר יונגע יאָרן, איידער ר׳איז געוואָרן בר־מצוות, ווייל צו 12 יאָר געהערט ער שוין צו דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאציע ״השומר הצעיר״ און באטיי־ליקט זיך אין א הכשרה־קאָלאָניע פון דער חלוצישער באוועגונג אין פוילן.

געבוירן אין לובלין ביי חסידיש־יחוסדיקע עלטערן. זיין פאָטער נח איז געווען א תבואה־סוחר, א למדן, א וואלד־סוחר, א רעליגיעז־נאציאָנאלער עסקן, איינער פון די פני ביי די ראדזינער חסידים. זיי האָבן אין אים איינגעפלאנצט אהבת אדם, אהבת ציון און אהבת ישראל. די ירושה האט ער מיטגענומען אין זיין וואנדער־וועג נאָך רוסלאנד, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער מעלדעט זיך פרייוויליק אין דער רויטער ארמיי, קעמפט העלדיש קעגן היטלערס ארמייען און דערגייט ביז צו דער ראנגע פון קאפיטאן. נאָך דער באפרייונג קערט ער זיך צוריק קיין פוילן, און שפעטער — קיין פאריז. ער איז קיינמאָל ניט געקומען מיט קיין תרעומות אויף מענשן. ווי א גוטער ייד אן עניו, האָט ער אלץ אויפגענומען באהבה. צו יעדער איינעם זיך באצויגן מיט כבוד, אָבער גלייכצייטיק געקעמפט פאר זיינע אידעאלן.

דער ברייטער קרייז פון זיינע פריינט און באקאנטע, און קודם כל — זיינע משפחה־מיטגלידער, האָבן גענאָסן פון זיין גוטסקייט און ליבשאפט. אלע געדענקען זיינע נאָבעלע טאטן. ער האָט ניט געהאלטן, אז געלט און רייכטום איז א רעפערענץ. דערפאר איז זיין פארמעגלעכע פאָזיציע נישט פעדוואנדלט געוואָרן ביי אים, ווי ביי פיל מענשן, אין א שפיגל ווו מען זעט נאָר זיך. ביי אים איז געלט געווען בלויז א מיטל צו קענען זיך טיילן מיט דער וועלט, ברייט עפענען זיין טייסטער און זיין הויז, צו העלפן אלעמען. ער האָט ליב געהאט צו טון טובות, אָבער אויף א צניעותדיקן אופן. דערפאר האָט ער אוועקגעגעבן א סך צייט און געלט פאר דעם יידישן ישוב אין פראנקרייך, געשטיצט די




הכניסה לחורשה ע״ש אלתר זוברמן ז״ל ביער בן שמן.

אריינגאנג אין וועלדל א״נ פון אלתר זאָבערמאן ז״ל אין יער בין שמן

שרייבער און קינסטלער־משפחה, און איבערהויפט — די קרוין פון יידישן פאָלק: מדינת ישראל.

זאָל דעריבער געבענטשט זיין דער אויפטו פון דער אלמנה פייגאלע און די קינדער, וואָס האָבן עטאבלירט לכבוד זיין אָנדענק א יערלעכן ליטעראטור־פרייז ביים וועלטראט פאר יידיש אין ישראל און העלפן אזוי ארום שטארקן די מערכה פון יידיש־לשון.

## געפלאנצט א וועלדל א״נ פון אלתר זאָבערמאן ז״ל

אין יער בן שמן הינטער לוד איז דעם 16טן אפריל ה.י. פאָרגעקומען די פייערונג פון פלאנצן א וועלדל פון 2 טויזנט ביימער — א דאנק דער באשטייערונג פון די לובלינער אין פאריז און פון דער ציוניסטישער ארבעטער-באוועגונג אין פראנקרייך — צו פארייביקן דעם אָנדענק פון אלתר זאָבערמאן, לאנגיאָריקער פאָרזיצער פון דער געזעלשאפט "פאריייניקטע לובלינער" און אקטיווער טוער אין דער ציוניסטישער באוועגונג און אין דעם קאָמיטעט פאר "אונדזער וואָרט".

צוליב אן אויטאָ-פאָרפאל פון קרן קיימת פאָרשטייער, וואָס האָט באדארפט אוועקפירן דעם עולם צום אָרט פון אנטהילן די מעטאל-שילד, איז די פייערונג פאָרגעקומען אין אמפיטעאטער פון יער בן שמן, לויטן אָנגעצייכנטן פראָגראם, אויסער דער אנטהילונג, און פארפלאנצונג פון 5 ביימלעך, וועלכע מיר וועלן אדורכפירן, לויטן צוזאָג פון קרן קיימת, אין אפריל 1980.

נאָך דער דערעפענונג פון דוד שטאָקפיש, האָבן וועגן אלתר זאָבערמאן דעם מענטש, עסקן און ווארעמען לובלינער ייד, גערעדט ישראל הערץ און פייוול גראנאטשטיין. לאה קוריס האָט איבערגעגעבן משהלע ראָזנבלום פון פאריז דעם אטעסטאט פון קרן קיימת וועגן פלאנצן די 2 טויזנט ביימער אויף אלתר׳ס נאָמען. די פינף ביימער האָבן באדארפט פארפלאנצן (לויטן פראָגראם): פייגעלע און זשעני זאָבערמאן; מארי און יוסף זאָבערמאן, מענדל געווערץ; געניע און שמואל שפיראָ, לובא און משה קאָרן.

## צוזאמענטרעף מיט טוריסטן

דעם 16טן מאי 1979 איז אין "לובלינער ווינקל" אין תל-אביב פאָרגעקומען א צוזאמענטרעף פון לובלינער קאָמיטעט אין ישראל מיט טוריסטן, יידן פון לובלין, וואָס זענען פון פארשידענע לענדער געקומען באזוכן ישראל.

אינעם צוזאמענטרעף האָבן זיך באטייליקט: מענדעלסאָן טובה און לעאָן, און עקהאוז בראָניע און מישא — פון מעלבורן; באלטשע און ישראל אייזענבערג, גינא און איזאק עהרענבערג — פון לאָס אנזשעלעס; גאָלדמאן — פון דענעמארק; צבי מאנדעלטראוב — פון שטאָקהאָלם. באגריסט די חשובע געסט האָט ד. שטאָקפיש. געענטפערט אויף די באגריסונגען האָבן: ישראל אייזענבערג, בראָניע עקהאוז, צבי מאנדעלטראוב און איזאק עהרענבערג.



חלק מן הקהל באזכרה לקדושי לובלין ב־21.11.78 בתל־אביב.
א טייל פון לובלינער עולם אויפן יזכור־אָוונט אין תל־אביב, 21.11.78.

# ״געוועזן א מאָל א יידיש לובלין״ פון דוד איידלמאן

עובדיה פעלד

דוד איידלמאן, וועלכער האָט זיך יאָרן־לאנג אויסגעצייכנט מיט זיינע באשרייבונגען פון געריכט, ראבינאט און גאסן־בילדלעך אויף די שפאלטן פון דער צייטונג ״לעצטע נייעס״, האָט איצט פארעפנטלעכט א בוך פון 260 זייטן וועגן זיין היימאטשטאָט לובלין, וואָס נעמט ארום די צייט פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה און די שואה־תקופה.

דוד איידלמאן האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט א טיף דורכדרינגלעך אויג און אויסגעצייכנטן זכרון, און דאָס קומט אויך צום אויסדרוק אויף א בולטן אופן אין זיין נייעם בוך.

אויך איך האָב פארבראכט אין לובלין העכער 20 יאָר, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. איך מוז אָבער מודה זיין, אז דוד איידלמאן האַט אנטפלעקט א פענאָמענאלן זכרון, באשרייבנדיק די גאסן און געסלעך פון דעם יידישן לובלין, פונקט ווי ער וואָלט היינט ארומשפאצירט מיט א פאָטאָאפאראט אין דער האנט און דאס אלץ שפעטער איבערגעטראָגן אין זיינע זכרונות.

ווער עס לייענט דאָס דאָזיקע בוך, זעט פאר זיך א לעבעדיק יידיש לובלין, וואָס איז חרוב געוואָרן — די גאסן: שעראקא, יאטעטשנא, רוסקא, גראדזקא און צענדליקער געסלעך, ווו עס האט געלעבט די יידישע ארעמקייט אין אומבאשרייבלעכער דחקות און נויט. דוד איידלמאן איז געוועזן איינער פון די דאזיקע פאלקס־מענטשן און דעריבער שווימט ער פריי אין דעם ים פון יידישער ארעמקייט, גייסטיקער אריסטאקראטיע און אויך פון דער אונטערוועלט, וואס איז געוועזן א טייל פון דעם יידישן ציבור.

דוד איידלמאן איז דער ערשטער מחבר, וואָס שילדערט צאָלרייכע לובלינער פאָלקסטיפן, וועלכע זענען פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה געוועזן, וואָלט אין געזאָגט, אן אינטעגראלער טייל פון דער ״יידישער לאנדשאפט״ אין לובלין. און ביים באשרייבן די דאזיקע טיפן ווי דעם בעל־עגלה אברהם הויזשעבאָוו, שמאי אלפאָנס דעם, פלאקאטן־קלעפער לייבל מאסקע, לייבעלע פאָעט און אנדערע — העט זיך דער מחבר דערהויבן צו א הויכער קינסטלערישער מדרגה. דאָס קאפיטל ״דער שטארקסטער צווישן די שטארקסטע״ אין וועלכן ער מאָלט דעם אלעמען באקאנטן בעל־עגלה אברהם (מיטן צונאָמען הויזשעבאָוו), וועלכן מען האט פארגליכן מיטן בארימטן גבור זישע ברייטבארט, צייכנט זיך אויס מיט א נישט־דורכשניטלעכן שרייבערישן טאלאנט, טיפער קענטעניש פון דער פסיכאָלאָגיע פון די דאָזיקע פאָלקס־מענטשן.

דוד איידלמאן איז נישט דורכגעגאנגען דאָס געטאָ, די פארניכטונג־לאגערן און נישט געוועזן אין די וועלדער, נאָר פארבראכט די מלחמה־יאַרן אין ראטנפארבאנד, צוזאמען מיט פוילישע יידן און לובלינער יידן. פון דעסטוועגן שילדערט ער אונדז געטריי און מיט אן אויסערגעוויינלעכער טיפער ארייננדרינגונג דאס לעבן אין געטא מיט אלע זיינע שוידערלעכע מאמענטן, די בהדרגהדיקע ליקווידאציע פון די לובלינער יידן אין די דערבייאיקע וועלדער, אין מאידאנעק און אנדערע פארניכטונגס־לאגערן. ער אנטפלעקט פאר אונדז אויך העלדן־טאטן פון לובלינער יידן, וועלכע האבן זיך פארן טויט נוקם געוועזן אין די נאצישע רוצחים.

דוד איידלמאנס בוך איז נישט קיין ווויסנשאפטלעכע פאָרשונג־ארבעט, דעריבער מוז נישט דער מחבר בלייבן טריי אלע פאקטן און פרטים. אין א פרייער, בעלעטריסטישער שילדערונג קאָן מען אָפּוייכן פון פרטים און דאטעס. אָבער די שילדערונג פון דער לאגע איז א דערשיטערנדיקע, טיף עמאָציאָנעלע און דערוועקט ביים לייענער דאס געפיל, ווי ער אליין וואָלט דאָס אלץ איבערגעלעבט.

איידלמאנס בוך אנטהאלט אויך א קורצן היסטאָרישן איבערבליק פון יידישן לובלין אין פארלויף פון הונדערטער יאָרן. איך וואָלט ארויסגעלאָזט דאָס דאָזיקע קאפיטל. איידלמאן איז נישט קיין היסטאָריקער און ער קאן גאָרנישט מחדש זיין אויף דעם געביט, וואָס איז שוין באארבעט געוואָרן דורך אייניקע גרויסע היסטאריקער.

דאקעגן דער עפילאָג, וואָס שילדערט די נאָך־מלחמה־תקופה ביז זיין עליה קיין ישראל, רייסט אונדז א ביסל אָפּ פון די טרויעריקע חורבן־יאָרן און פירט אונדז אריין אין דער גרויסער ווידעראויפלעבונג־תקופה מיט דער אנטשטייאונג פון מדינת־ישראל.

**אל יוצאי לובלין בישראל!**

אם אינך מעוניין לקבל את „קול לובלין״, מכתבים וחוזרים מטעם ארגוננו — אנא, אל תתבייש ותודיע לנו על רצונך לא להופיע בכרטסת שלנו.

הגלויה שלך או שיחת־טלפון תעלה פחות מן ההוצאות המיותרות שלנו בהדפסת חוברות ודמי־משלוח, המכבידים על התקציב של ארגון יוצאי לובלין בישראל ומונעים מאתנו להקדיש את הכסף למטרות קונסטרוקטיביות.

נקבל גם בתודה כל תרומה עבור הגליונות „קול לובלין״ שנשלחו אליך עד־כה.

״חדר לובלין״
ברחוב דיזנגוף 158 בת״א יהיה פתוח
כל יום שלישי, בשעות 17.00 — 19.00

## טיילווייזע רשימה פון שפענדונגען פאַר דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל (אין די לעצטע 9 חדשים: יאנואר — סעפטעמבער 1979).

אין אויסלענדישער וואלוטע

צו 500 דאָלאר: לובלינער און אומגעגנט אין טאָראָנטא.

210 דאָלאר: פון איזאק עהרענבערג, באשטייערונג פון 5 בענק אין לאָס-אנזשעלעס.

175 דאָלאר: לובלינער לאנדסמאנשאפט אין מאָנטרעאל.

צו 100 דאָלאר: לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ארגענטינע; לעאָ מיטעלמאן, בוענאַס-איירעס.

65 דאָלאר: לובלינער אין מעלבורן, געזאמלט פון קרעכמאן און זילבערשער.

צו 50 דאָלאר: פאָלע מארגוליס-דרייבלאט, ניו-יאָרק; בראָניע מעקלער, באָגאָטאַ; בראָניע עקהאוז-וואסערמאן, מעלבורן; יעקב ערליך, מאָנטרעאל; ישראל אייזענבערג (באשטייערונג פון א באנק אין לאָס-אנזשעלעס).

40 דאָלאר: זעליג וואסערשטרום, ניו-יאָרק.

35 דאָלאר: לובלינער אין ניו-יאָרק, געזאמלט פון לעאַ פלוג.

30 דאָלאר: נ. זימעלשטערן, סעם ברייטער, מאָנטרעאל.

צו 25 דאָלאר: שפייזמאן, מ. גארטענקר־אוט — ניו־יאָרק; יוסף שנור, ל. אַנזשעלעס

צו 20 דאָלאר: זאיאָן, לאָס-אנזשעלעס; מ. זילבערבערג, דייטאָן; ה. קאָטלאר, ל. אנזשעלעס.

13 דאָלאר: משה זאלצמאן, פאריז.

צו 10 דאָלאר: ראָזענזאָן, אָבער, שערמאן — פון לאָס-אנזשעלעס; יהודית גאָלדשער, פאר. שטאטן; חיים צימערמאן, קאנאדע.

1,000 בעלגישע פראנק: ד״ר מרדכי ליכטפעלד, קאַרניאָ.

צו 600 פראנצויזישע פראנק: ״די קינדער פון לובלין״; ״פאראייניקטע לובלינער און אומגעגנט״ אין פאריז.

200 פראנצ. פראנק: יואל מאנהיים, ליאָן.

100 פראנצ. פראנק: טעשקע קאָרמאן-פאָרשטעטער.

אין ישראלדיקע פונטן

20,000 ל״י — משה און לובא קאָרן.

10,000 ל״י — מאָטל גארטענקראוט, ניו־יאָרק

7,500 ל״י — פייגעלע זאָבערמאן, פאריז.

5,000 ל״י — בעלא שטיצער-פינקערט, תל-אביב (צו פארייביקן דעם אָנדענק פון לייבל פינקערט ז״ל).

3,600 ל״י — יוסף זאָבערמאן, פאריז.

2,000 ל״י — שיע און רות גאָלדבערג, חולון (א ראטע פון די 5 טויזנט ל״י).

2,000 ל״י — שלמה פייערייזן, תל-אביב.

1,500 ל״י — ברוך פינקעלמאן, דייטשלאנד.

צו 500 ל״י — פישל ראָזענבוש, גבעתיים; שמואל שפּיראָ, פאריז; א. וואלדהאָלץ (פון פארקויפטע ביכער).

200 ל״י — ד״ר בן-טובים.

מיר דאַנקען די קאָמיטעטן פון די לאנדסמאנשאפטן, ווי אויך אונדזערע בני-עיר אין ישראל און אין די תפוצות פאר זייערע שפענדונגען, וועלכע דערמעגלעכן פאָרטצוזעצן די טעטיקייט לטובת די לובלינער יידן אין דער וועלט און אין מדינת ישראל.

א דאנק קומט אויך די הונדערטער יידן אין ישראל וואָס האָבן דורך דער פאָסט און אויף דער יערלעכער אזכרה אריינגעטראָגן דעם מיטגליד-אָפּצאָל און באשטייערונגען און אזוי ארום דערפילט זייער חוב פאר אונדזער אָרגאניזאציע.

און נאָענטסטן נומער ״קול לובלין״ וועלן מיר פארעפנטלעכן א ווייטערדיקע רשימה פון שפענדערס, ווי אויך דעם בילאַנס פון ארגון יוצאי לובלין.

## א ספעציעלן דאנק

האָט זיך פארדינט אונדזער בן-עיר אין לאָס-אנזשעלעס- איזאק עהרענבערג מיט זיין פרוי גינא פארן דערליידיקן מיט אייניקע בענק מיט וועלכע זיי שטייען אין האנדלס-ב־אציונגען, א רייַ באשטייערונגען פון די דאָזיקע בענק לטובת דעם אירגון יוצאי לובלין אין ישראל.

א יישר-כוח דער משפחה עהרענבערג, א דאנק די דירעקטאָרן פון 4 בענק אין לאָס-אנזשעלעס און — א ווענדונג צו אונדזערע לאנדסלייט נאָכצוטאָן דעם פיינעם ביישפיל פון איזאק עהרענבערג.

קאָמיטעט פון ארגון יוצאי לובלין

★

אין אויסדרוק פון פרייד צו דער חתונה פון אונדזער זון מענדל מיט שרון כהן, פאָרגעקומען דעם 16טן סעפטעמבער 1979 אין מאָנטרעאל — שענקען מיר 50 דאָלאר פאר דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל.

מאניע און יעקב ערליך, מאָנטרעאל

## דאנק-בריוו פון נויטבאדערפטיקע משפחות פאר דער שטיצע פון לובלינער קאָמיטעט

צו דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל,

איך בין געבליבן אן אלמנה נאָך מיין פארשטאָרבענעם מאן. ווען ער האָט געלעבט און געארבעט, האָבן מיר געהאט פרנסה. נאָך זיין טויט, איז מיין לאגע זייער א שלעכטע און איר, מיט אייער שטיצע יעדן ערב פסח און ערב ראש השנה, דערהאלט מיך פשוט ביים לעבן. ס׳איז נישט נאָר די מאטעריעלע שטיצע, ווייל אויך מאָראליש פילט מען זיך גאָר אנדערש, ווען דו ווייסט, אז ס׳איז פאראן לאנדסלייט וואָס געדענקען אין דיר, ווען מ׳איז אין א נויט.

עס קומט אייך א יישר כוח!

ב.ר., תל-אביב

★

חשובער קאָמיטעט פון די לובלינער,

דערהאלטן ערב פסח אייער טשעק אויף טויזנט ל״י מיט בריוו, אז די שטיצע פאר מיר איז געווען מעגלעך א דאנק דער שפענדונג פון משה קאָרן פאר נויטבאדערפטיקע לובלינער משפחות אין ישראל. איך וויל דורך אייער פארמיטלונג אויסדריקן א הארציקן דאנק פאר זיין גוט הארץ און אייך — פאר דער זאָרג וועלכע איר ווייזט ארויס די בני-עיר.

א סך געזונט ווינטשט אייך —

ד.ה., לוד

★

צום אירגון יוצאי לובלין,

די שטיצע וועלכע איר האָט צוגעשיקט פאר מיר און מיין קראנקן זון איז שטארק צונוץ געקומען. איך האָב נישט קיין ווערטער אויסצודריקן מיין טיפן דאנק און ברכות פארן אינטערעסירן זיך מיטן גורל פון אזעלכע אָרעמע, איינזאמע מענטשן ווי איך. אזוי דארף זיין! א לאנדסמאנשאפט דארף זיך נישט פארנעמען בלויז מיט יזכור-אָוונטן, נאָר אויך געדענקען אין די לעבעדיקע מענטשן פון איין שטאָט, וואָס זענען אין א נויט און קוקן אויס הילף פון שטעטישע יידן.

מיין אנערקענונג די קאָמיטעט-מיטגלידער און דעם בן-עיר משה קאָרן.

ז.ח., חיפה

**יישר כוח ותודה** רבה
לבן עירנו היקר, מנהל חשבונות מדופלם,

**מר אלכסנדר גרינפלד**

עבור ניהול הקופה והפנקסנות של ארגון יוצאי לובלין בישראל וכ״ב הכנות מאזנים שנתיים של ארגוננו.
העבודה למעננו מר גרינפלד עושה במסירות, אחריות ומקצוענות — ולא על מנת לקבל פרס או איזה תשלום. אנו מודים לו מקרב לב —

**ועד ארגון יוצאי לובלין בישראל**

teatrnn.pl

## יעזשי אָפּענהיים ז״ל

געבוירן אין לובלין אין יאָר 1910, ביי פאַרמעגלעכע, אסימילירטע עלטערן. ווי א סטודענט, געווען אקטיוו אין דעם יידישן אקאַדעמישן ספאָרט־פארבאנד (זש. א. ק. ס.). שטודירט יורי און באקומען דעם טיטול מאַגיסטער. נאָכן צוריק קומען קיין לובלין, איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אלס פרעזעס פונם ספאָרט־קלוב „הכוח־מכבי" און געוואָרן דער פאָרשטייער פון זיין קלוב אין לובלינער קרייז־פוטבאָל־פארבאנד (ל.א.ז.פ.נ.), וו ר'איז געווען באליבט אפילו ביי די פוילישע ספאָרטלערס, א דאנק זיין איבערגעגעבענער, פריייוויליקער אין פראקטישער ספאָרט־טעטיקייט, ווי אויך ביי די לובלינער יידישע ספאָרט־קלובן הגם אלע זענען געווען פארטייאישע. ער האָט מוטיק געקעמפט אינערהאלב דעם אנטיסעמיטישן פארבאנד און מיט ברען פארטיידיט די אינטערעסן פון יידישן ספאָרט אין לובלין. א דאנק זיין יורידישער בילדונג, האָט ער פיל געהאָלפן דעם לובלינער פוטבאָל־פארבאנד, יעדעס מאָל ווען ס'איז אויסגעבראָכן



א קאָנפליקט מיטן וואַרשעווער צענטראַל־פארבאנד, אָדער מיטן פארבאנד פון אַנדערע שטעט. ווען דער לובלינער פארבאנד האָט באשלאָסן נישט דערלאָזן קיין יידישע פאָרשטייער אין דער פארוואלטונג, אויסער אים, יעזשי אָפּענהיים, האָט ער אלס פּראָטעסט דעמיסיאָנירט. וואַרשע האָט די וואלן נישט אקצעפּטירט. בעת די באנייטע וואלן, זענען שוין אויסגעקליבן געוואָרן צוויי יידישע פאָרשטייער: יעזשי אָפּענהיים און שלמה מיטעלמאַן (פון „גוויאזדא־שטערן").

נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט לובלין, האָבן די פוילישע חברים אים געהאָלפן אריבער צו פאָרן קיין לאָנדאָן. נאָכן טויט פון זיין פרוי, איז ער פארבליבן איינזאַם, ארומגערייזט איבער דער וועלט, געווען אויך אין ישראל.

אין יאַנואַר 1978, איז ער געשטאָרבן אין לאָנדאָן, אין עלטער פון 68 יאָר. אין זיין לוויה האָט זיך באטייליקט נאָר זיין ברודער, וואָס איז ספּעציעל געקומען פון פוילן.

כבוד זיין אָנדענק!

**יצחק רייכענשטיין**

★



## שרהלע גאָלדאדלער ז״ל

פון פאריז איז אָנגעקומען די דערשיטערנדיקע ידיעה וועגן פּלוצלימדיקן טויט פון דער לאַנגיאָריקער פרעזידענטין פון דער געזעלשאַפט "קינדער פון לובלין", די גוטהאַרציקע פרוי, אקטיווע טוערין און "די מאַמע פון די לובלינער" (ווי עס שרייבט טעשקע פאָרשטעטער אין איר בריוו צו מיר) — שרהלע גאָלדאדלער.

אין די לעצטע 8 יאָר איז מיר אויסגעקומען צו קאָרעספּאָנדירן מיט דער דאָזיקער ווילער פרוי — און כמעט אין יעדן בריוו האָט ווי א לייטמאָטיוו זיך איבערגעחזרט איר זאָרג וועגן די לובלינער אין ישראל און אין דער וועלט, אז זי באטראַכט זיי ווי אירע שוועסטער און ברידער. ביי שרהלען זענען דאָס נישט געווען קיין פראזן, צי מליצהדיקע רייד, נאָר אזוי האָט זי געגלויבט און טאַקע אזוי זיך באַצויגן צו אירע לאַנדסלייט. די דאָזיקע אייגנאַרטיקע פרוי האָט דיך ממש אָנגעשטעקט מיט ליבשאַפט, מוט און זאָרג פאַר דעם וואָס הייסט "לובלינער אינטערעסן". זי איז געקומען קיין פאריז אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן, אָבער פאַרן חורבן, בעת דער אָקופּאַציע און באזונדערס נאָך דער באפרייונג, באזאַמען מיט איר גאָטזעליקן מאַן, געווען איבערגעגעבן, בלב ובנפש, די "קינדער פון לובלין". דער פאַקט וואָס זי איז א סך יאָרן געווען פרעזידענטין פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט אפשר אַמבעסטן באַוויזן די באַציונג פון די לאַנדסלייט צו שרהלען.

א גרעסערע אָפּשאַצונג וועגן איר פערזענלעכקייט, וועלן מיר אָפּדרוקן אין נומער 15 "קול לובלין". די לובלינער משפּחה אין ישראל דריקט אויס איר טיפן צער איבערן טויט פון דער אומפאַרגעסלעכער שרהלען און באַטייליקט זיך אינעם טרויער פון דער פאַריתומטער פאַמיליע און פון די פאַריתומטע לובלינער יידן אין פאריז.

**דוד שטאָקפיש**

★

## יצחק גאָלדרינג ז״ל

מיר איז זייער שווער אויפן הארצן, וואָס גראָד אויף מיר איז אויסגעפאַלן דער גורל מספּיד צו זיין מיין טייערן חבר און פריינד און אונדזער אלעמענס באַליבטער סעקרעטאַר פון דער "געזעלשאַפט קינדער פון לובלין" אין פראַנקרייך, יצחק גאָלדרינג, וואָס איז נאָך א לאַנגדויערנדיקער, אויסמאַטערנדיקער קראַנקייט, אַוועק אין דער אייביקייט.

א לובלינער נאָר פון דער פרויס זייט, איז ער געקומען אין אונדזער סאָסיעטי ווי א באשיידענער מיטגליד און גאָר שנעל זיך דערוואָרבן פריינדשאַפט און פאַרשטענדעניש ביי אלעמען. ער איז אויך געווען באַקאַנט ווי א פּרעלעגענט און לאַנגיאָריקער טוער אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. האָבנדיק א רייכע דערפאַרונג פון פּראַקטישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער ארבעט, האָט ער זי אויך איינגעפירט אין דער לובלינער געזעלשאַפט און געוואָרן איר איבערגעגעבענער סעקרעטאַר. אלע אָן אויסנאַם מיטגלידער, אָן אונטערשייד פון זייערע פּאָליטישע אנשויונגען, האָבן אים ארויסגעוויזן אנערקענונג און דאַנקבאַרקייט.

יצחק איז געווען א גרויסער ליבהאָבער פון יידישן בוך און אויף קולטור־אונטערנעמונגען געלייענט מיט געפיל און טאַלאַנט די פּערלדיקע שאַפונגען פון דער יידישער ליטעראַטור. אין יאָר 1972 האָט ער זיך באַפרייט פון זיין באַשעפטיקונג, כדי געניסן פון אָפּרו נאָך א סך יאָרן שווערע ארבעט און קאַמף. ליידער, איז ער געוואָרן קראַנק, אָבער נישט אויפגעהערט נאָכפאָלגן נאָך אונדזער טעטיקייט און באַמיט זיך צו באַטייליקן אין אונדזערע באַנקעטן און אויספלוגן. ער האָט אויך געשריבן בריוו צו די חברים פון אָפּרו־הויז און לעצטנס זיך באַקלאָגט, אז ר'איז שוין נישט מסוגל איבערצולייענען א בוך. אין א בריוו פון 22.1.79 שרייבט ער: "געווען א צייט, ווען איך בין געווען נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט — היינט בין איך אפילו נישט נוצלעך פאַר זיך אליין"...

יצחק איז געווען א גוטער, טרייער מאַן צו זיין פרוי און א האַרציקער פאָטער צו זיינע קינדער, וועלכע ער האָט דערצויגן אין פּראָגרעסיוון גייסט.

ער איז געווען מלא שמחה, ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן דער קאָאָרדינער־קאָמיטעט פוןביידע לובלינער געזעלשאַפטן.

מיר וועלן מיט גרויס כבוד אָפּהיטן דיין הייליקן אָנדענק!

**לעאָ דאַנערשטיין**

(פונעם הספד אויפן פרישן קבר)

★

## וולאַדעק גאַרטענקראַוט ז״ל

געבוירן דעם 8טן דעצעמבער 1908, אין לובלין. די יוגנט־יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין וואַרשע ווי א פּשוטער ארבעטער אין פאַרשידענע אונטערנעמונגען.

אין יאָר 1939, איז ער ווי טויזנטער אַנדערע יידן אַנטלאָפן קיין ראַטן־פאַרבאַנד און איז דאָרט פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. אין 1944 איז ער באַפרייט געוואָרן א דאַנק דער א.ג. „שיקאָרסקי־אַמנעסטיע" און צוזאַמען מיט אַנדערע חברים זיך באַזעצט אין אוזבעקיסטאַן.

אין יאָר 1945 האָבן מיר זיך באַקאַנט, חתונה געהאַט און מיט אַנדערע רעפּאַטריאַנטן זיך אומגעקערט קיין פוילן, וווּ מיר האָבן געוווינט 12 יאָר און געאַרבעט אויף פאַרשידענע פּאָסטנס. אין יאָר 1957 האָבן מיר צוזאַמען מיט אונדזערע צוויי קינדער, מיכאל און פרידעריקאַ, אויסגעוואַנדערט קיין בראַזיל.

אָן געלט, נישט קענענדיק די שפּראַך, איז אין די ערשטע יאָרן אויסגעקומען שווער צו אַרבעטן. דאָך איז אונדז געלונגען צו דער־



ציען און אויסבילדן די קינדער: דער זון מיכאל — אינזשיניער־דאָקטאָר פאַר עקאָנאָמיע; די טאָכטער פרידעריקאַ — אינזשיניער־כימיע.

וולאַדעק וואָלט געווען גליקלעך, ווען ער וואָלט קענען פאַרווירקלעכן זיין טרוים עולה צו זיין קיין ישראל. ער האָט אָבער נישט דערלעבט. נפטר געוואָרן אין סאַן־פּאַולאָ דעם 15טן נאָוועמבער 1978.

כבוד זיין אָנדענק.

די אין טיפן טרויער פאַרבליבענע אלמנה:

**עווא גאַרטענקראַוט / סאַן־פּאַולאָ**

★

## שלום גאַרען ז״ל

פון לובלין איז דערהאַלטן געוואָרן די טרויעריקע ידיעה, אז דאָרט איז נפטר געוואָרן שלום גאַרען, איינער פון די "לעצטע מאָהיקאַנער" פון דער יידישער לובלין נאָכן גרויסן חורבן. א געבוירענער אין קראַשניק, וווּ ער איז ביזן אויסברוך פון דער מלחמה געווען טעטיק אין דער לינקער ארבעטער־באַוועגונג, האָט ער נאָך דער באַפרייונג זיך באַזעצט אין לובלין, וווּ ער איז געווען פאָרזיצער פון דער אָרטיקער, קליינער קהילה. אין די לעצטע 10 יאָר האָט שלום גאַרען אָנגעהאַלטן מיט אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל א לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ, געהאָלפן אונדז ברענגען אש פון מיידאַנעק, וועלכן מיר האָבן קובר געווען אונטער דעם מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין אין מיידאַנעק אויפן בית עלמין אין נחלת יצחק.

ער האָט יעדן יאָר געזאָרגט דערפאַר, אז אין איצטיקן פוילן זאָל דערשיינען א יידישער לוח, טיילווייז אויך — אין דער פוילישער שפּראַך, אַרויסגעגעבן פון ועד הקהילות הקדושות בפולין, וואַרשע, טוואַרדע 6. צווישן די 19 אַדרעסן פון פאַרבליבענע יידישע קאָנגרעגאַציעס אין פוילן, אויסגערעכנט אין דערמאָנטן לוח, איז אויך פאַראַן א לובלינער אַדרעס: סלאַוויניסקיעגאָ 3 — די פּריוואַטע וווינונג פון פאַרשטאָרבענעם.

**ד.ש.**

# מאָטל גאָלדמאַן ז״ל

פסח הי״א־יאָר איז אין בוענאָס־איירעס געשטאָרבן אונדזער לאַנדסמאַן מאָטל גאָלדמאַן. געבוירן אין לובלין אין 1910, ביי די עלטערן נחמיה און מאלי גאָלדמאַן. געוווינט אויף קראַוויעצקאַ 24. געלערנט אין חדר און שפּעטער אין פאָלקס־שול, אָבער א סך וויסן דערגרייכט פון זעלבסט־בילדונג. ווי א באַוווסטזיניקער ארבעטער האָט ער אין האָלץ־פאַריין, און דער בערשטער־סעקציע, פאַרנומען אַן אָנפירנדיקן אמט און אויסגעוויילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג, ווו ער האָט מיט אייפער געקעמפט פאַר זיינע קאָמוניסטישע איבערצייגונגען.



אין יאָר 1929 ווערט ער ארעסטירט, נאָך זיין שנעלע באַפרייונג רופט ארויס פאַרדאַכט קעגן אים מצד זיינע פאַרטיי־חברים. ער פאַרלאָזט לובלין און באַזעצט זיך אין אַרגענטינע, ווו ער האָט געלעבט ביז זיין טויט. ער האָט איבערגעלאָזט א פרוי און איינציקע טאָכטער, אַן אייגנטימערין פון אַן אַפּטייק אין בוענאָס־איירעס.

זאָל אים די ערד גרינג זיין.

★

# מיכאל (מקס) הרץ־לנקביץ

שלושים יום עברו מאז הלך מאתנו. רבים, ומחוגים שונים, באו ללוותו בדרכו האחרונה ועוד רבים יותר כתבו ועדיין מביעים את צערם למשפחה המיותמת. רק שלוש עשרה שנים בארץ וכה רבים ידידיו, מכריו ודורשי שלומו! ולא בכדי.

מיכאל היה איש ציבור במלוא מובן המלה. בצעירותו — פעיל בגימנסיה ההומניסטית היהודית בלובלין, מארגן חוגי הרצליה בקרב הנוער הציוני האינטלקטואלי שחיפש דרכו הייחודית ולאחר מכן, באוניברסיטת וארשה, מראשי הנוער השמאלני שהצטרף ברבות הימים למפלגה הקומוניסטית הפולנית במחתרת. לאחר המלחמה — פעיל במוסדותיה של מפלגה זו, בעיקר בקרב המשפטנים, כסגן יושב ראש האיגוד הארצי של ארגון עורכי הדין הדמוקרטים. בשליחות ארגון זה, ובמסגרת מדיניות אוהדת של ממשלת פולין אחרי מהפך גומולקה, מגיע עם משפחתו לביקור בארץ בקיץ 1956, וכאן "נפגע". ספקותיו הרבים, שהתעוררו עוד בימי פעילותו הנועזת להצלת יהודים מגיטו וארשה ובצד הארי עת נתקל בגילויי האנטישמיות גם במחנה שלו, הפכו לוודאות ושוכנע כי רק כאן יכול יהודי למצוא את דרכו ולהגשים את מאוויו.

עם שובו לפולין הוא נצמד בכל ליבו לשארית הפליטה ונרתם לכל מפעל שיקום יהודי שתרם לתחייתה. הוא מתייצב בעוז מול גילויי אנטישמיות בכל צורותיה ולא נרתע מלהתמודד עם חוגיה המרכזיים של המפלגה השלטת, אשר גילויי שנאת



יהודים נדבקו לה בצורות שונות. ההתנגשות אינה מאחרת לבוא. הוא מגלה פתאום שגם חברים לנשק של אתמול נגועים בשנאת יהודים, ודבר זה משכנע אותו סופית כי דרכו האידיאית הכזיבה. למרות אפשרויות קוסמות של שיקום בחו״ל הוא עולה ארצה ומתחיל את דרכו החדשה בגיל מבוגר.

כישוריו ורצונו החזק עמדו לו גם הפעם. הוא לומד עברית במרץ ונאבק עם כל החומר הרב הנלמד באוניברסיטה כדי לזכות בתואר של עורך־דין ישראלי. כניסתו לעבודה בקרן הגימלאות פתחה בפניו תקופה חדשה, מאושרת, בקאריירה שלו. כאן, בשירות לציבור הפנסיונרים ולקרן, הוא תורם את מלוא מרצו ונסיונו העשיר. כאן רכש לו ידידים, קהל אוהדים ומעריכי פעלו, וסיפוק מעמלו השקדני והמסור. אופיו הפעלתני הביא אותו לפעילות בקרב אירגון יוצאי לובלין, לחוגי בני ברית, ליעוץ משפטי לכל מי שפנה אליו בעת צרה.

בעיצומה של מחלתו ביקש שיביאו לו לבית החולים את התיקים כדי שיוכל לטפל בהם, ולו גם חלקית, ולהקל על הזקוקים לעזרתו... כזה היה אחי מיכאל — וכזה יזכרו אותו רעייתו ושני בניו. יהיה זיכרו ברוך!

י.ה.

**מקס הרץ, ז״ל**

**כהלם נפלה עלינו הידיעה, שהלכת מאתנו לעולמים כה מהר. שמענו שנכנסת לבית־החולים לבדיקות עקב מחלתך, ציפינו שתחזור אלינו בהקדם לחיים תקינים, אבל חיכינו לשווא...**

**נולדת בעיר לובלין למשפחה ידועה. אביך היה קצין גבוה בצבא הפולני בפולין האנטישמית דאז. השפה הפולנית היתה שגורה בפיכם, אידיש כמעט לא ידעתם — בכל זאת על מסורת יהודית שמרתם. בבית אביך ספגת את התרבות האוניברסלית וערכים אנושיים, והם שליוו אותך והיו חלק ממך לאורך כל חייך. היית חבר בתנועה ציונית "התחיה". אחרי שגמרת את התיכון וקבלת את תעודת הבגרות, עברת בשנות השלושים לגור בוורשה, כדי ללמוד באוניברסיטה משפטים. לאחר שגמרת את לימודך, עברת לגור בעיר לבוב. כאן תפסה אותך תקופת השואה. הצלחת להשיג תעודות נוצריות וכך ניצלת מציפורני הנאצים.**

**למרות שסכנת את חייך, סידרת תעודות „אריות" להרבה יהודים, אשר הוצאתם מהגיטו. הם ניצלו והצליחו להגיע ארצה.**

**בשנת 1968 עלית ארצה. פה התחלת ללמוד מחדש ובמשך שנה אחת עברת שמונה מבחנים ונתמנית כעורך־דין. חבלי הקליטה עברו עליך בצורה לא קלה.**

**בבואך ארצה, הצטרפת לארגון יוצא לובלין ונבחרת כחבר הועד. השתתפת בכל האירועים בצורה פעילה. רק לפני 10 ימים הצעת לאסוף את התמונות מלובלין היהודית ולהוציא אלבום, שינציח את יקירינו.**

**בארגוננו הייתה האפשרות להכירך מקרוב. דמות אצילה ומקסימה נסתלקה מנוף חיינו. מקס, המחייך**

(המשך בעמ' 47)

# מרדכי הוניגספלד ז״ל

26.11.1911 — 29.3.1979

אבא שלי!

מעולם לא שערתי, כי אספוד לו כה מוקדם, אולי משום שכה אהבתיו, שכה יקר היה לי. אף שהיה חולה מספר שנים, שלעתים היו קשות מנשוא, נמלטתי תמיד מפני אימת הכרעה. חשבתי שאחזיקו בכח אהבתי... וגם הוא, אבא שלי, לא נכנע. נלחם מלחמה עזה וקשה — עד שלא עמד לו עוד ליבו והוא עוד כה תאב חיים...

אבי נולד ב-1911. בשנות נערותו נכנס לתנועת "החלוץ" והיה בין הדמויות הבולטות והפעילות בתנועה. ב-1929 עלה ארצה והוא עול ימים. כבר אז, בגיל זה, בלט באופיו — נחוש החלטה, אמיץ ויודע בבהירות לכלכל צעדיו.



ראשית דרכו עשה בקיבוץ כפר גלעדי ולאחר מכן בקיבוץ רמת-הכובש. לאחר תקופה לשהותו בארץ נכנס לחברת "חריש" והיה בין מיסדיה. איש עבודה ועמל היה, פעיל, נמרץ, ישר דרך ומסור. בחברת "חריש" נשא בתפקידים בכירים, החל בהנהלת עבודה וכלה בחברות בועדות שונות. בכל עת היה נכון להושיט יד לזולתו ולעתים מזומנות נשא על כתפיו כאבם ומצוקותיהם של אחרים. בשל תכונותיו אלו היה אהוב על מיודעיו. לא פעם נפל בחלקו לשמוע שבחיו שלא בפניו.

בשנתיים האחרונות פעל רבות בחברת "חריש". נשא בעול תפקידים קשים וחשובים. אף שכבר היה חולה מזה זמן לא נכנע, נסה להתעלם ממחלתו, עבד ללא לאות במסירות אין קץ. בדברי הוקרה שכתב עליו מנהל חברת חריש נאמר: "...לווה במרצו בנאמנותו ובמסירותו את 'חריש' בכל התפתחותה בעתות שפל ובעתות גאות. תמיד נענה לכל קריאה. זכיתי לפעול יחד אתו עד לתקופה האחרונה, עת נתן יד בהקמת בית חריש בו אנו שוכנים כיום. מרדכי הטביע חותמו על התפתחות 'חריש' כחבר פעיל במוסדותיה וכל זאת תמיד במסירות נפש ושמירה על טוהר המידות..."

אדם מוכשר היה אבא שלי ובעל ידי זהב שלעולם לא נלאה ועיף. ניחן בחוש הומור, אוהב חברה ועליז שידע לתבל תפוריו בבדיחות ובאמרות.

קשה להעלות על גבי הכתוב מכלול פעולותיו והשגיו ויקצר המצע מלהשתרע לתאר ולו אך במעט מעשיו ויפי נפשו. וכשלוינו אותו בדרכו האחרונה נישא הספד מרגש לזכרו ואף ביום השלשים ספד לו מר הורן מתתיהו וציין מעלותיו שהיו בין השאר ידיד נאמן ומסור לו ומשפחתו, איש עבודה חרוץ ורב פעלים.

הוא היה עבורי אבא, אבא נפלא ומסור מאין כמוהו. חבר טוב נאמן וחכם שאפשר היה להשען עליו בכל עת. לא היה דבר אשר הכביד עליו, לא היתה משאלה אשר עלתה על דל שפתי והוא לא שש למלאה כהרף עין. טוב ומיטיב היה — ולעולם לא חפש גמול.

והאבידה כה גדולה, בלתי נשכחת לעולמים...

**גלילה הוניגספלד**

★



# יהושע וכולדר ז״ל

**יהושע וכולדר היה מותיקי הארץ, בן 20 היה בהגיעו לארץ ישראל, בן למשפחת סוחרים מכובדת בלובלין. אביו, ראובן וכלדר ז״ל, משכיל ובן תורה, היה סוחר אמיד ויצואן בסחר הפשתן. בנו בכורו יהושע בחר בדרך חיים אחרת ובהיותו חדור רוח ציונית, מיהר להגשים את כיסופי נפשו הלכה למעשה. וכך עשה ובניגוד לרצון אביו, שרצה להכניסו לעולם המסחר, הוא קיבץ סביבו קבוצת חלוצים ויצאו לדרך ואחרי תלאות רבות הגיע בראשית שנות העשרים, דרך וינה, לארץ ישראל כעולה בלתי-לגלי.**

**בהגיעו ארצה הועסק בכל מיני עבודות כיבוש ובהיותו אדם בריא ומלא מרץ, לא נרתע משום עבודה קשה ובחר במקצוע סלילת כבישים. יש לזכור, שבימים ההם כל שלבי עבודה בסלילת כבישים כגון: ישור קרקע, הכנת תוי, סלילה, זיפות וכל היתר, בוצעו ברובם בעבודה ידנית, ללא האמצעים הטכנו־מכניים של ימינו. הודות לשקידתו ומרצו, נעשה תוך זמן קצר מומחה במקצוע, שבו עסק כל עוד כוחותיו עמו.**

**בשנת 1925 בא אביו לביקור בארץ. יהושע קיווה, שאביו, שאיש אמיד היה, ייאחז בארץ ע״י רכישה כל שהיא וכל משפחתו תעלה. לצערו זה לא התגשם.**

**ב־1927 הוא הכיר את החלוצה (זה היה תואר כבוד בימים ההם) לאה לבית הלמר והם נישאו וב־1929 נסע הזוג וכולדר לבקר את הוריהם בפולין. עקב הלשנה, גוייס יהושע לצבא הפולני למשך שנתיים ובהשתחרר מהצבא, נולדה להם בתם רות — וזה עיקב את שובם המידי ארצה. אליה חזרו רק ב־1934. וכאן נולד להם בנם איתן.**

**בשובו לארץ, חזר לעבוד בסלילת כבישים וכמומחה במקצוע הוזמן לעבוד בחברת "פלרוד" ומטעמה גם נשלח בשנות המלחמה לעירק לפקח ולבצע פרויקט גדול של סלילת כבישים ברחבי עירק, לצרכי הצבא הבריטי.**

**יהושע התייחס לעבודת בנין הארץ כאל ערך עליון מקודש, שאין למעלה ממנו. עם הקמת המדינה, עטו אלפים לתפוס משרות במנגנון הממשלתי שהתארגן. יהושע לא היה ביניהם, הוא לא החשיב במיוחד את היושבים מאחורי מכתבה, הוא אמר לי: "גברים בריאים, צעירים ולא צעירים, צריכים להימצא על פיגומים, בשדות, בסדנאות, על טרקטורים, בבתי־חרושת או באוניברסיטאות — ולא במשרדים מבריקים. שם אפשר להושיב בנות ואחרים, שאינם כשרים לעבודה גופנית". הוא קיים בגופו את הכתוב "אהוב את המלאכה ושנא את הרבנות". במושג "רבנות", הוא כלל את כל אלה המסוגלים לעבוד, אבל בורחים ממנה ומחפשים חיים קלים בתוך המנגנונים השונים. הוא ראה אסון לחברה ולמדינה בגידול הפרולטריון המשרדי, לעומת דילול מסוכן של שורות עובדי הייצור והחקלאות ומסירת העבודה לזרים ועוינים למדינה.**

**יהושע היה איש תנועת עבודה ובראש וראשונה הוא היה נאמן לעבודה. בשני מושגים אלה הוא ראה**

שלמות אחת. "נאמנות לתנועה בלי נאמנות לעבודה — הוא אמר — היא נאמנות מקוטעת, חסר בה העיקר." בענינים האלה הוא היה "ללא תקנה", לכן התרעם על אלה שבחרו בעסקנות ציבורית כמקצוע, הפכוהו לג'ובים ולקרש קפיצה לעמדות כוח. לדעתו, הכרח הוא לשלב עסקנות פועלית עם עבודה.

מה שמאפיין את יהושע ואת נאמנותו לעקרונות, זה הסיפור הבא:

כשהתרופפה בריאותו והרופאים אסרו עליו לעבוד, הוא התפתה להיכנס לשותפות לעסק לשימורי מזון וירקות ותוך זמן קצר הסתלק מהשותפות. סיפר לי על זה ידיד משותף: כשהוא ראה שמישהוא ממכריו מתקרב לחנות, הוא פשוט התחבא בחנות האחורית וביקש מהשותף, שיטפל בלקוח "עד יעבור הזעם". הוא פשוט התבייש, שיראוהו במעמד של חנוני. כששאלתיו אחרי זמן, בהיותי בחיפה, למה עשה את זה, הוא ענה לי: "לא קורצתי מהחומר, שממנו יצר הקדוש ברוך הוא. לוא הייתי ממשיך — הייתי מתמוטט". הוא ראה בזה ירידה תהומית במעמדו.

איש צנוע ונעים הליכות היה יהושע, שנא מרפקים, לא נדחף לראש התור, לא הלך בגדולות, לא קינא באחרים, בהתעשרות הקלה שהקיפה שכבות רחבות וברדיפה אחרי החמרנות. הוא ראה גורם להשחתת המידות, המעמידה בסכנה את קיום המדינה. לא החליף דירות. בדירה השכורה, שנכנס אליה לפני 45 שנה, — בדירה זו נפטר. במקום אביזרי בית מודרניים, הוא רכש ספרים: ספרי עיון ומוסר, ספרי יהדות ופילוסופיה, כל מיני אנציקלופדיות. שתי מערכות ש"ס, בבלי וירושלמי, פיארו את ספרייתו שהיתה יכולה לפאר כל בית של איש מדע ותלמיד חכם.

שאלתיו פעם, למה אין בספרייתו ספרות יפה, בלטריסטית. הוא ביטל את זה במחי-יד: "אה, זה טוב בשביל נערות בגיל התבגרות"...

יהושע היה בעל נאמן, אבא מסור וסבא לדוגמא. ילדיו היו מקור גאותו, וגאות אשתו המנוחה. 3 אקדמאים במשפחה קטנה יחסית: בתם רות, מורה אקדמאית ויועצת חינוך בעירית חיפה; בנם איתן, ד"ר למדעי הגרעין, מרצה בכיר בטכניון חיפה; בכור נכדיו, אבי נצר, רופא מתמחה בתל השומר. כמה היה גאה, כשבנו איתן דחה על הסף הצעה מפתה של אחת האוניברסיטאות הידועות בדרום אפריקה לכהונה מכובדת והעדיף לקבל את משרת מרצה בכיר בטכניון. יהושע ראה בזה המשך השרשרת.

ביתם של הוכהולדרים היה בית פתוח לכל ידידיו. שניהם היו מסבירי פנים ומארחים למופת.

כשנפטרה רעיתו לאה, אהבת נעוריו, לפני 9 שנים — חרב עולמו ונשברה רוחו ומאז פקדוהו כל מיני מחלות ומכאובים, שמוטטו לאט את גופו המוצק, גוף של חוצב ובונה כבישים.

רבים מידידיו ומוקיריו ליווהו בדרכו האחרונה ורבים יזכרוהו כאיש ששמר בקפדנות הלכה למעשה על סולם הערכים שלו, בכל הנסיבות ובכל התנאים.

ספד לו במלים נרגשות בן אחותו, העתונאי טוני (נתנאל) גרין, והובא לקבורה לצד אשת נעוריו לאה. והתקיים בהם מה שנאמר "הנאהבים והנעימים ובמותם לא נפרדו".

יהיה זכרו ברוך.

אפרים איינשטיין

★



## מענדל לעווינבוים ז"ל

אין נאָמען פון ביידע לובלינער געזעלשאַפטן אין פאריז, געזעגן איך מיט א סך צער און טרויער דעם לאנגיאָריקן געזעלשאַפטלעכן טוער — מענדל לעווינבוים. גלייכצייטיק וויל איך בעטן מחילה ביים נפטר, אפשר זענען מיר לגבי אים באגאנגען אַן עוולה, נישט תמיד דערשאצט ווי געהעריק זיינע שטורמישע אקטיוויטעטן און זיין מיינען ערנסט דאָס אלץ וואָס ער האָט געזאָגט און געטאָן. פון זיין פאָטער יחיאל טאַרבינער ע"ה האָט ער געירשנט די אייגנשאפט פון זיין א וואָרטזאָגער, ווען מען עצות מ'איז געווען גרייט אָנצונעמען — דערפאר איז ער אין די סוחרישע קרייזן אין לובלין געווען א בורר. מענדל האָט פון זיין פאָטער איבערגענומען די אלע מעלות טובות.

נאָך אין דער היים איינגעזאָפט אין זיך אהבת ישראל און אהבת ארץ־ישראל. אין זיין פריסטער יוגנט צוגעשטאַנען צו די לינקע פועלי־ציון אין לובלין. די ערשטע פאָליטישע קרייזן און אויפקלערונג וועגן ציוניזם און סאָציאליזם, האָט ער געהערט אין באקאנטן „קעכל", דער פארטיי־קלוב אויף רינעק 10. נאָר אין די שפּעטערע צוואַנציקער יאָרן, ווי א גרויסער טייל פון זיין דור, איז ער מיטגעריסן געוואָרן מיט דער אילוזיע, אַז די ישועה פאַרן יידישן פאָלק וועט קומען פון מאָסקווע — און ער פארבינדט זיינע טרוימען און האָפענונגען מיט דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פארטיי, ווו ער איז אקטיוו און איבערגעגעבן. פריער אין לובלין שפּעטער — אין פאריז.

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, נעמט ער אַן אקטיוון אנטייל אין דער רעזיסטאנס, די פראנצויזישע ווידערשטאנד־באוועגונג וועלכע האָט געפירט אַן אומפשרותדיקן קאמף מיטן היטלעריסטישן אָקופּאנט. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט פארגעסן זיין היים־שטאָט — און ביזן אויסברוך פון קריג, ווי נאָך דער באפרייונג, געווען אנגאזשירט אין דער טעטיקייט פון דער לאנדסמאַנשאפט. א לאנגע צייט געווען וויצע־פאָרזיצער פון די לובלינער אין פראנקרייך און אויף דעם געזעלשאפטלעכן אמט ארויסגעוויזן פיל אחריות און אקטיוויטעט. ער איז אויך געווען אריינגעטאָן, בלב ובנפש, אין אלע אקציעס פאר דער יידישער מדינה.

ווען אנטוישטע יידישע קאָמוניסטן אין פאַריז שאפן די פּראָגרעסיווע אָרגאניזאציע, איז מענדל איינער פון אירע טיכטיקסטע טוערס. ער ארבעט אויך אין קאָמיטעט צו העלפן די ישראל־קינדער, געליטענע פון דער פּאָליאָ־קראנקייט. מענדל האָט זיך אויך באנוצט מיט דער פעדער, צו שרייבן דערינערונגען פון דער אלטער היים, דערציילן פון זיינע איבערלעבונגען אין די פינצטערע יאָרן פון דער נאצי־הערשאַפט און אויך — צו פּאָלעמיזירן מיטן קעגנער, טיילמאָל — מיט שארפקייט אין טעמפעראמענט, נאָר תמיד מיט דער זעלבער אויפריכטיקער אמונה.

זיין טעטיקייט אין פאריז איז אויך געווען דיקטירט פון זיין רצון צו העלפן מדינת ישראל. ער האָט געהאלטן, אַז א שטאַרקער יידישער ישוב אין פאריז, איז א וויכטיקער אָנשפאַר פאַר דער מדינה.

ווען א מענטש שטארבט, פילן מיר אלע, ווי עס וואָלט פון יעדן איינעם פון אונדז צוגענומען געוואָרן א שטיק לעבן. מיר ווייסן און באגרייפן אָבער דעם פיינלעכן פארלוסט פאר דער אלמנה, חוה לעוונבוים, זיין טרייע לעבנס־באגלייטערין א סך א סך יאָרן, ווי אויך פאר די פאריתומטע קינדער. טראָץ זיינע 75 יאָר, איז מענדל נאָך אלץ געווען א קעמפערישע נאטור, אן איבערגעגעבענער עסקן, א טרייער ליבלינער פאטריאָט און א גוטער זון פון יידישן פאָלק און זיין מדינה — ישראל.

כבוד דעם אָנדענק פון א ווילן לובלינער ייד; טרייסט און מיטגעפיל דער משפחה.

משה זאלצמאַן

★ (פון דער רעדע ביים אָפענעם קבר)



## שלמה מוקוטובסקי ז"ל

שלמה מוקוטובסקי (מוקוטוב) היה בנו של אליעזר מוקוטובסקי ז"ל, יו"ר (פרעזעס) ועד קהילת לובלין, ממייסדי בתי־ספר "תרבות" בלובלין ומשתתף קבוע ב"לובלינער טאָגבלאט". גם אחרי עלותו ארצה, שלח כתבות לאותו עתון.

אחי שלמה היה ידוע בפקחותו ובשנינותו הרבה ובתפיסתו המהירה. רבים ביקשו את עצתו בענינים שונים. היה לו הכשרון להתחבב על אנשים, ובמיוחד היה אהוד על חברי כיתתו בגימנזיה ע"ש שפר. אחרי שגמר את לימודיו, לא ניתק את קשריו עם חבריו לספסל הלימודים וזכורה לי שפעם הזמין את כל הכיתה לוילה שלנו בזקליקוב, איפה שהיה לנו מנסרה, בו שלמה עבד כיערן (בראקאזש).

שלמה הצטיין באומץ לב רב. בהיותו בצבא הפולני, הותקף פעם ע"י מפקדו שדרש ממנו שימסור לו את מגפיו המבריקות שהיו רכושו הפרטי. שלמה לא היסס אף רגע והחזיר למפקדו (קצין פולני אנטישמי) מכות נמרצות.

שלמה יסד בית־ספר בזקליקוב, ערך טיולים ומפגשים עם התלמידים שהרביץ בהם ציונות. גויים מהסביבה הלשינו עליו לשלטונות, שהוא מארגן אסיפות קומוניסטיות — והוא נעצר, אולם שוחרר כעבור זמן בהשפעת אבי המנוח.

שלמה היה ידוע כשחמטיסט מוכשר. תורה זו ירש מאבי ז"ל, שהיה מורו ומדריכו.

כל דמותו היתה מרשימה, הופעתו האלגנטית, נעים הליכותיו והתנהגותו הטבעית שבו עוררה הערצה כלפיו.

על קברו הפתוח הספיד אותו במלים נרגשות מזכיר ארגון יוצאי לובלין, מר מתתיהו הורן, שהיה ידידו האישי. שניהם עלו ארצה באותה האניה לפני 45 שנה.

במותו הוא השאיר חלל ריק במשפחתו ובקרב ידידיו. דמותו המלבבת והשופעת ידידות וחום תהיה לנצח חרותה בלבנו.

יהיה זכרו ברוך!

אלה וינפלד־מוקוטובסקי

★



## מרדכי (מאָטל) מענדעלסאָן ז"ל

א גרופע לובלינער יידן האָבן דעם 22סטן אפריל 1979, באגלייט צו זיין אייביקער רו אויפן בית־הקברות אין חולון, אונדזער לאַנדסמאַן מרדכי מענדעלסאָן.

געבוירן אין לובלין אין 1905, ביי א יידיש־נאַציאָנאַלער משפחה. דער פאָטער האָט געהאט א שיך־געשעפט אויף פלאץ־לאָקיעטקא (נעבן שטאָט־זייגער). מרדכי האָט געלערנט אין שפּער'ס גימנאזיע און נאָכן פארענדיקן לערנען, געוואָרן אַן עלעקטריקער און זיך אָנגעשלאָסן אין דער אָרגאניזאציע „השומר־הצעיר". מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אוועק קיין ראטן־פארבאנד און פארשיקט געוואָרן אויפן פּאָשאָלעק אין א טייגע פון סיביר און אויך דאָרט געארבעט ביי זיין פאַך.

נאָך דער מלחמה, צוריק געקומען איז זיין געבוירן־שטאָט לובלין, אָן א משפחה. ווען די ציוניסטישע אָרגאניזאציעס אין פוילן האָבן באנייט זייער טעטיקייט, איז ער אריינגעטרעטן אין די רעכטע פועלי־ציון און געווען סעקרעטאר פון קרן־היסוד קאָמיטעט. אין פּריוואטן לעבן געווען פארוואלטער פון דער רעליגיעזער קאָנגרעגאציע אין לובלין.

ווען אלע זיינע חברים האָבן פאַרלאָזט לובלין, אויפן וועג קיין ישראל, איז ער צוליב פארשידענע סיבות געבליבן אין לובלין און געארבעט אלס הויפּט־בוכהאלטער אינעם פארבאנד פון די שטאָטישע האָטעלן. אין 1969 איז ער מיט דער פרוי געקומען קיין ישראל, זיך באזעצט אין חולון און געארבעט אלס עלעקטריקער. ער האָט אָבער געברענגט פון פוילן א שווערע צוקער־קראנקייט. אין די לעצטע 3 יאָר האָט ער דורכגעמאכט 2 אויגן־אָפּעראציעס און געליטן אויף די פיס און דערפאר געמוזט איבעררייסן די ארבעט.

דעם לעצטן פסח האָט ער פארברענגט אין א מושב פון זיין פרוי'ס משפחה. קומענדיק אהיים, האָט ער זיך געפילט שלעכט, און שבת פרי, דעם 21סטן אפריל ה.י., ווען מ'האָט אים אין אן אמבולאנס געפירט אין שפּיטאָל, איז ער אויפן וועג געשטאָרבן. ער האָט איבערגעלאָזט א פרוי און א שוועסטער.

מרדכי מענדעלסאָן וועט תמיד בלייבן אין זכרון פון זיינע חברים און פריינט.

יצחק רייכענשטיין

★



# לייבל פינקער

דעם 15־טן אָקטאָבער 1978 איז אַוועק אין דער אייביקייט אונדזער אַלעמענס גוטער און האַרציקער חבר — לייבל פינקער.

פון זיינע פריעסטע יאָרן האָט ער מיטגעמאַכט דעם געראַנגל — ווי פיל טויזנטער יוגנטלעכע — פאַר דער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ, זינט ער איז געבוירן אין לובלין מיט 68 יאָר צוריק. זיינע עלטערן, זייער פרומע מענטשן, האָבן געוואָלט אַז דער זון זאָל אַוועק אין זייערע דרכים. אין יענער תקופה האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן אויף דער יידישער גאַס. לייבל ווערט מיטגעריסן מיט אָט דעם שטראָם און געפינט זיין אָרט אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אין "בונד". אַלס בערשטער־אַרבעטער ווערט ער טעטיק אין פראָפעסיאָנעלן פאַריין, ווו ער ווערט נאָך אַ קורצער צייט אויסגעוויילט אַלס וויצע־פאָרזיצער.

פאָליטישע רייפקייט באַקומט ער אויף די קרייזן אין דער בונדישער יוגנט אָרגאַניזאַציע "צוקונפט", און שפעטער אין דער פאַרטיי.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה, ווערט ער צוזאַמען מיט צענדליקער טויזנטער יידן פאַרוואָרפן אין טיף רוסלאַנד. אין די שווערסטע באַדינגונגען וויל ער זיך נישט אָפּשיידן פון זיינע לובלינער חברים און פריינד, מיט וועלכע ער טיילט דעם ביטערן גורל. ער העלפט מיט אַ גוט וואָרט און טיילט זיך מיט די הונגעריקע און היימלאָזע מיטן לעצטן שטיקל ברויט. אין אַ געוויסער תקופה ברעכט אויס די טיפוס־עפּידעמיע, אָבער זייער ווייניק געזונטע מענטשן זענען גרייט צו טראָגן הילף די אומגליקלעכע צוליב דער אָנשטעקנדיקער קראַנקייט. לייבל אָבער, — נישט געקוקט אויף דער געפאַר, טוט ער אַלץ, כדי צו באַזאָרגן די קראַנקע מיט אַ שפּיטאָל, מיט ברויט און אַביסל געקעכטס. ער טוט דעם הייליקן מענטשלעכן חוב. נישט איינער פון זיי האָבן לייבלען צו פאַרדאַנקען דאָס לעבן.

און אָט איז לייבל ווידער אין לובלין, אין יאָר 1947. ער פרייט זיך מיט יעדן צוריקגעקומענעם חבר, העלפט אויפשטעלן אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע און טראָגט ווייטער הילף פאַר אַלע וואָס נויטיקן זיך.

שפּעטער, אין יאָר 1957, טרעף איך לייבלען אין תל־אביב מיט אַ פרוי און זון, וועלכע בויען זייער נייע היים אין דער יידישער מדינה, אין וועלכער ער האָט זיך אויסגעלעבט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. די פרייע צייט האָט ער ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט זיינע חברים און פריינד אויף קאַלישער 48. זעלטן ווען פלעגט לייבל פאַרפעלן אַ פאַרזאַמלונג אָדער אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן אָוונט אין זאַל אויפן נאָמען פון אַרטור זיגלבוים, וועלכער איז געווען זיין קוזין.

מיט דרייצן יאָר צוריק, האָט ער פאַרלוירן זיין פרוי לאָלא און איז געבליבן מיט אַ 14 יעריקן זון. לייבל לעבט איבער זייער אַ שווערע צייט. זיין צווייטע פרוי נעמט צו זיך זיין זון און גוט אים די געהעריקע דערציונג. שפּעטער טאַקע פאַרבינדט ער זיין גורל מיט אָט דער טייערער פרוי בעלאַ, וועלכע איז אַ גוטע חברטע פאַר לייבלען און זיין זון. דאָס גליק האָט אָבער אָנגעהאַלטן קורץ — ווייניקער פון דריי יאָר.

עס איז אַוועק פון אונדז אַ טייערער, האַרציקער מענטש און חבר, וועלכע וועט פעלן אַלע זיינע נאָענטסטע. כבוד זיין אָנדענק.

יאָסל פריינד

לויה און שלושים פון ח' לייבל פינקער

דינסטיק דעם 17־טן אָקטאָבער איז אויפן בית הקברות אין חולון פאָרגעקומען די לויה פון חבר לייבל פינקער, וועלכער איז פלוצים געשטאָרבן פון אַ האַרץ־קראַנקהייט. צו דער לויה איז געקומען אַ גרויסע צאָל חברים, פריינט און משפּחה, ווי אויך זיינע לובלינער לאַנדסלייט. אויפן קבר איז געלייגט געוואָרן אַ קראַנץ פון "בונד" און אַרבעטער־רינג.

צו די שלושים פון ח' לייבל איז דאָנערשטיק דעם 16-טן נאָוועמבער פאָרגעקומען אַ טרויער־אָוונט אין אַרטור זיגעלבוים־זאַל, אָרגאַניזירט געמיינזאַם דורכן "אַרבעטער־רינג" און דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל.

דער פאָרזיצער פון דעם טרויער־אָוונט, דוד שטאָקפיש, האָט געשילדערט דעם לעבנס־וועג און די כאַראַקטער־שטריכן פון זיין לאַנדסמאַן לייבל פינקער און רופט צו געפינען אַ וועג ווי אַזוי ווירדיק צו פאַראייביקן זיין נאָמען. פייוול זיגעלבוים, אַ קוזין פון דעם פאַרשטאָרבענעם, שילדערט לייבלס לעבן, זיין גוט האַרץ און זיין ערלעכע אויפפירונג אין לעבן, ווי אויך זיין צוגעבונדנקייט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג און צום "בונד", צו וועלכן ער איז צוגעשטאַנען אין די יונגע יאָרן, טרוימענדיק וועגן א בעסערער וועלט. אַ צווייטער קוזין, שמואל גאָלדנער, דערציילט וועגן לייבלס כאַראַקטער און זיינע גוטע מידות. ח' באַביץ דריקט אויס דער משפּחה מיטגעפיל אין נאָמען פון לייבלס פאַרטיי־חברים און ברענגט אַ כאַראַקטעריסטיק פון דעם פאָלקס־מענטש, דעם באַליבטן חבר, וועלכער האָט באַקומען זיין אידעישע דערציאונג אין יידישן לובלין, אין די רייען פון דער בונדישער מאַסן־באַוועגונג, צו וועלכער ער האָט זיך באַהאָפטן און מיטגעלעבט זיין גאַנץ לעבן.

מ' גרין



# חיים פבר ז"ל

יליד 1912 בעיר יבוז'נו, פולין. נפטר ב-9.7.79 בתל-אביב. כקצין בצבא הפולני השתתף בקיץ 1944 בשחרור לובלין ופרסם את זכרונותיו על העיר לאחר הכיבוש הנאצי.

תנחומים למשפחתו ולארגון הישראלי של חיילים משוחררים, בו חיים פבר כיהן כיו"ר.

א. וו.



# העלען צימערמאַן ז"ל

די פרוי פון חזן חיים צימערמאַן (אים צו לאַנגע יאָר!). געבוירן אין יאָר 1920, נפטר געוואָרן אין העמילטאָן, קאַנאַדע.

העלען איז געווען אַקטיוו אין אַ גאַנצער ריי פּראָ־ישראלדיקע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, ווו זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט און זאָרג פאַר אַנדערע.

כבוד איר אָנדענק!



# בלאַנקאַ קאָרענבליט ז"ל

דעם 27טטן אַפּריל 1979 איז נאָך אַ לאַנגער, שווערער קראַנקייט, געשטאָרבן אין מאָנט־רעאַל אונדזער בת־עיר, בלאַנקאַ קאָרענבליט. די לובלינער משפּחה אין קאַנאַדע האָט גוט געקענט די דאָזיקע איידעלע, האַרציקע פרוי, וואָס האָט צוזאַמען מיט איר מאַן, אַברהם קאָרענבליט, נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין לובלינער אונטערנעמונג. אַפילו ווען זי האָט שוין געליטן פון דער קראַנקייט, פלעגט זי קומען אויף אונדזערע פאַרזאַמלונגען. איר האַרץ, ווי די קעשענע, זענען געווען אָפן פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועקן. זי איז געווען טעטיק אין דער "הדסה", געשטיצט די געזעלשאַפט וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פאָרשן די קאַנסער־קראַנקייט און אונטערגעהאַלטן די קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין דער לובאַוויטשער ישיבה.

אין משך פון 5 יאָר האָט בלאַנקאַ געליטן פון דער קראַנקייט, אָבער נישט פאַרלוירן איר שטענדיקן שמייכל און זאָרג פאַר אַנדערע קראַנקע, וועלכע האָבן זיך גענייטיקט אין הילף. איר מאַן אַברהם האָט איבער איר געוואַכט און געזאָרגט, פאַרלייכטערט און גע־מוטיקט אין די שווערע טעג.

זי איז אַוועק פון דער וועלט, איבערלאָזנ־דיק אין טיפן טרויער איר טרייען מאַן, אַ פעטער שעיה קאָרענבליט און אַן אַ צאָל פריינד, חברים און לאַנדסלייט. אַ גרויסער עולם לובלינער יידן האָבן זי באַגלייט אין לעצטן וועג.

זאָל איר די ערד גרינג זיין!

סעם ברייטער / מאָנטרעאַל



# הערשל קרעמער ז"ל

דעם 19טן סעפּטעמבער 1978 איז אין יפו נפטר געוואָרן פון אַ האַרץ־אַטאַק אונדזער בן־עיר הערשל קרעמער.

געבוירן אין יאָר 1910 אין שעפּעטאָווקע, איז ער צוזאַמען מיט די עלטערן אַריבער וווינען אין לובלין נאָך דער ערשטער וועלט־קריג (1919) און זיך באַזעצט אין גרויס־טשעכיוו. צוזאַמען מיט אַ גרופּע פאַרגעש־ריטענע מיידלעך און ייִנגלעך האָט ער אין יאָר 1931 געגרינדעט און אַפילו לעגאַליזירט, טראָץ אַלע שוועריקייטן, דעם יידישן ספּאָרט־קלוב „וויעניאַווא", וועלכער האָט געפירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייט אויפן קולטור־רעלן און ספּאָרטלעכן געביט אין דער צוריק געשטאַנענער פאָרשטאָט טשעכיוו.

אין משך פון דער עקזיסטענץ פונעם קלוב, איז הערשל קרעמער געווען סעקרעטאַר און אויך פּרעזעס פון „וויעניאַווא", וועלכע האָט אין די ערשטע 3 יאָר דערגרייכט דעם קולי־מינאַציאָנס־פּונקט מיטן געווינען אין יאָר 1934 דעם בעכער, אַריבער אין קלאַס „א" און געווען דער איינציקער יידישער פוטבאָל־פאַר־באַנד אין לובלין, וועלכער האָט ביזן פאַר־מאַכן דעם קלוב דורך דער פּאָליציי, אין יאָר 1937, געשפּילט אין העכסטן קלאַס.

ווען די דייטשן זענען אַריין אין לובלין, איז ער מיט זיין פרוי, קינד און משפּחה אַוועק קיין ראַטן־פאַרבאַנד און זיך באַזעצט אין מאַיקאָפּ, קאַווקאַז, ווו ר'איז אין יוני 1941 מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי, מיט וועלכער ער האָט דורכגעמאַכט די אַנטי־היטלעריסטישע קריג ביזן ענטגילטיקן זיג. נאָך דער דעמאָביליזאַציע, פאַרבלייבט ער אין ראַטנפאַרבאַנד און ערשט אין 1956 פאָרט ער צוריק נאָך פּוילן, באַזעצט זיך אין לובלין און וווינט דאָרט מיט דער משפּחה ביזן עולה־זיין קיין ישראל אין יאָר 1959.

ער באַזעצט זיך אין יפו, ווו ער לעבט און אַרבעט ביז זיין אומגעריכטן טויט. ער האָט פאַריתומט די פרוי, צוויי פאַרהייראַטע טעכטער, איידעמס און דריי אייניקלעך.

כבוד זיין אָנדענק.

שלמה שטאָקפיש, חיפה

העירוני, ובקש מהאברכים שלא יעזבו אותו כי אחרי מעריב הוא רוצה לגשת לרב העיר לקבל ממנו את חתימתו. אחרי שהדליקו אור בבית הכנסת חיפש את האברכים ולא מצא אותם. אחרי שעה כשהגיעו שאל אותם רבי צדוק על סיבת העדרם והאם לא היו אצל הצדיק? הכוונה לרבי מרדכי יוסף, וענו שהיו. ביקש מהם שיגידו לו את התורה שהרבי חדש בסעודה שלישית. האברכים מסרו לרבי צדוק את התורה ששמעו מפי הרבי שאמר: כתוב אשה מזרעת תחילה ויולדת נקבה, ופירש כמה גדולה תפילה שיכולה להפוך את הטבע אפילו עד הרגע האחרון לפני הלידה מזכר לנקבה, כי עם ישראל הם למעלה מהטבע. לפי חז״ל דינה היתה בעבורה זכר ועל ידי תפילת רחל נהפך הוולד מזכר לנקבה. זו הכוונה של אשה מזרעת תחילה ויולדת נקבה.

נזדעזע רבי צדוק לשמוע פירוש בתורה שהוא נגד חז״ל שאומרים: אשה מזרעת תחילה ילדה זכר, והמשנה (ברכות נ״ד) אומרת בפירוש הצועק לשעבר הרי זו תפילת שווא. היתה אשתו מעוברת ואומר יהיה רצון שתלד אשתו זכר הרי זו תפילת שווא. וחז״ל אומרים (ברכות ס׳) עד ארבעים יום יבקש רחמים שיהא זכר מכאן והלאה היא תפילת שווא. ואיך יכול הרבי לשנות את דברי חז״ל, אין זאת אלא זאת דרככם לסלף דברי חז״ל ולפרש פירושים. אמר רבי צדוק למלוויו, אולי תוכלו לשאול את הצדיק מאיפה לקח את המאמר חז״ל שהזכיר. מהר נגשו לרבי לשאול אותו על מקורו של המאמר. בירושלמי — ענה הרבי. האברכים מסרו לרבי צדוק את תשובת הרבי. רבי צדוק עמד זמן מה ואמר: עבר לפני כל הירושלמי ואני אומר שאין ירושלמי כזה. הרבי בדה ירושלמי מלבו ואמר על זה תורה. המלווים חזרו אל הרבי ודרשו לראות את הירושלמי במקורה. רבי מרדכי יוסף הוציא מארון הספרים ירושלמי ברכות והראה: והצועק לשעבר הרי זה תפילת שוא, דבית ינאי אומר והיא יושבת על המשבר. מתי היא תפילת שוא שהילד עומד כבר לצאת לאוויר העולם, אבל לפני זה אפשר לשנות... אמר יהודה בן פזי אף היושבת על המשבר (פירוש — לפני יציאת הולד לעולם) יכול להשתנות על שם כחומר ביד היוצר. כי בשם דבית ינאי עיקר עיבוד של דינה זכר היה מאחר שנתפללה רחל נעשית נקבה פני משה. וכך הוא בב״ר אמר יהודה בן פזי אף היושבת על המשבר יכול להשתנות על שם הנה כחומר ביד היוצר כן אתם בידי בית ישראל, מה ייצר זה לאחר שיצר את הכד שוברו ועושה, אף אני עושה כן אפילו על המשבר. מאחר שנתפללה רחל ואמרה יוסף ה׳ לי בן אחר נעשית נקבה.

כשהאברכים באו לרבי צדוק והירושלמי בידם, הסתכל בתוך הספר ונדהם עומד ומשתומם ועיניו מסתכלים בלי נוע כאילו מביטים לעולם אחר לגמרי. אחרי שעה פתח את פיו ואמר: לפני שעה קלה עבר המאמר הירושלמי במוחי ולא הרגשתי את עמקו, כנראה שהם לומדים תורה לשמה. בואו ונקבל פני רבי חסידי.

רבי צדוק ומלוויו הלכו בחוצות האפילות של איזבצא בדרך לא דרך, ביצות, חשיכה מכסה את הכל, בתים קטנים מטים ליפול. כל הדלתות סגורות, קור עז שורר, ומרחוק בוקע אור משהו מיוחד במינו ולא כל עין מסוגלת להבחין באור המאיר אור חדש שאין דומה לו בעיני אנוש, אור מימי בראשית אשר הקב״ה גנזו לצדיקים לעתיד לבוא. הפירוש הוא לצדיקים העתידים לבוא בכל דור ודור, והנה נפתחת דלת הגדר מהחצר ודמות שעומדת באפילה מאירה בשתי עיניים יוקדות מאש עליון בזיו של מלאכי השרת, ידו הרכה של הרבי מושטת, שלום עליכם, לכבודו אמרתי היום את התורה בסעודה שלישית וזאת היתה כוונתי בירושלמי שפרשתי, ברוך הבא.

הרבי פתח את דלת חדרו וכל החבורה נכנסו לפני ולפנים. באותה שעה היה בחדר רבי לייבלה איגר, תלמידו המובהק עוד מימי קוצק. רבי לייבלה סיפר לחסידיו בזמן שניהל באדמו״רות שאף פעם לא היה בקוצק לבד, בלי רבי מרדכי יוסף, כלומר גם נסיעתו של רבי לייבלה לקוצק היה הרבי מרדכי יוסף מאיזבצא.

הרבי ישב בראש השולחן ופנה לרבי צדוק בשאלה האם כבודו עוסק רק בנגלה או גם בנסתר, בסתרי תורה. רבי צדוק ענה בענווה: עוסקים ב״ה בתורה, הכוונה הכל מה שנקרא תורה. אז שאל הרבי שיפרש לו את המאמר האומר: ״קרוב ה׳ לכל קראיו״ — לכל בלי ו׳ הדא היא חדש — שזה אחד — רבי צדוק לא ענה, והרבי פירש: בכל תהלה לדוד כתוב בהתחלה עם ו, תהלת לדוד, ואברכה שמך, בכל יום אברכך, ואהלה שמך, דור לדור ישכח מעשיך וגבורותיך, כך הלאה. ובפסוק קרוב ה׳ לכל קוראיו לא כתוב ולכל, עם ו, אשר יקראו באמת לא לכל בלי ו. אומר הזוהר שזה אחד אין הפסק בפסוק הזה, ורבי מרדכי יוסף פירש את כוונת הזוהר. מתי ה׳ קרוב לכל קוראיו, בזמן שמצטרף לכל אשר יקראהו באמת זהו הצדיק. לבד, בלי הצטרפות לצדיק אי אפשר לעבוד להבורא וכאן הרמז לחסידים שמדבקין בצדיק. והרבי הוסיף ושואל: אם כתוב רצון יראיו יעשה, מיותר כבר ואת שועתם ישמע ויושיעם. והרבי מרדכי יוסף מפרש — המתנגדים חושבים שחסידים מטילין את כל עבודת ה׳ על הרבי והם חופשיים מעולה של תורה ומצוות, על זה אמר בעל התהילים: ה׳ רצון יראיו יעשה — צדיק גוזר והקב״ה מקיים. מתי זה? בזמן ואת שועתם ישמע ואז יושיעם. שגם הם בעצמם יעבדו לה׳. הצדיק יכול לעזור לחסידים אבל הם בעצמם צריכים לעבוד עבודת ה׳.

כשרבי צדוק הכהן עזב באותו הערב את חדרו של הרבי, עמד שעה קלה בחוץ והשתומם. הרים את ראשו למעלה והסתכל לשמיים ולכוכבים, עולם חדש נתגלה עתה לפניו. השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם, שיעשה מארץ, שמים. אומר הקוצקאי: כאן בבית הרבי נתגלה לפניו אור חדש, שפותח את עיניו להדריכו בדרך אשר ילך בה. אין זה כי אם בית אלוקים וזהו השער השמימה, וזה סוד הנעלם בעולם הזה.

הרב מרדכי מלְאכי
(״הצופה״, תל־אביב,
ר׳ ניסן תשל״ח — 13.4.78)

✶

## צום אָנדענק פון כאַסקל האָניגשטיין

ביז גאָר סימבאָליש איז דער פאַקט, אַז דער לעצטער געפאַלענער מיטגליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע איז געווען אַ ייד — אַ פוילישער ייד פון לובלין.

דעם 21טן סעפטעמבער 1938, ווען עס איז געקומען דער באַפעל פון רעפובליקאַנישן גענעראַל־שטאַב, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע זאָל זיך צוריקציען פון די פראָנטן, איז אין שלאַכט אין קאַטאַלאָניע געפאַלן דער לובלינער יידישער בחור כאַסקל האָניגשטיין. זיין לויה אין באַרצעלאָנאַ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומגעוויינלעכער מאַניפעסטאַציע, אין וועלכער עס האָט זיך באַטייליקט איבער אַ פערטל מיליאָן שפּאַניער. בלויז דורוטי האָט געהאַט אַ לויה פון אַזאַ פאַרנעם. די גאַנצע רעפובליקאַנישע פּרעסע האָט געדרוקט דאָס בילד פון דעם יידישן העלד און דער שפאַנישער פּאָעט, כאָזע פערעראַ פּעטערע, האָט אָנגעשריבן דאָס פאָלגנדע ליד:

### צו כאַסקל האָניגשטיין

דער אַרבעטער כאַסקל האָניגשטיין,
אַ פוילישער ייד — עלנד, אומבאַקאַנט —
אַ קינד פון ווייטער ערד איז געפאַלן
אונטער דער זון פון מיין לאַנד.

אונדזער פאָלק שרייט און שליידערט
אין פנים דער טויבער וועלט:
כאַסקל האָניגשטיין, אַ פוילישער ייד,
איז אין שפּאַניע געפאַלן אַ העלד.

פון זיין בלוט דער לעצטער טראָפּן
טריפט אַריין אין שטראָם פון בלוט,
וואָס ריזלט ברויזנד איבער שפּאַניען
און קרעפטיקט אונדזער מוט.

איבער די גרענעצן פון לענדער
טראָגט זיך אַ פייערדיקער ווינט.
ער פאַרוואַנדלט דעם פחד אין קוילן,
די האָפענונג צעגליט ער — צעצינדט!

כאַסקל האָניגשטיין איז אומגעקומען
אין אויפבליץ פון פריען באַגינען.
זאָלן שטאָלץ זיך שטרעקן צום הימל
די סאָסנעס אין די פוילישע וועלדער.
אונדזערע אומעטיקע איילבירט־ביימער
ברענען איצט אויף די עבראָ־פעלדער.

אַ לויב דיר פון אונדזער פאָלק,
העלדישער כאַסקל האָניגשטיין,
דיין טויט, אַ קרבן פון ליבשאַפט,
וועלן מיר נאָך נוקם זיין!

ש.ל. שניידערמאַן

פון אַן אַרטיקל אין ניו־יאָרקער ״פאָרווערטס״ ״יידישער העראָיזם און שפּאַנישן בירגער־קריג״.



## אחי יוסף ויסלפיש ז״ל

יוסף, שהיה הבן הבכור במשפחתנו, הצטיין בלימודיו. אמי קיוותה שיגדל לרב בישראל, אך חיש מהר זנח יוסף את קפוטת־המשי של הבר־מצווה ופנה לגימנסיה של שפר, אותה סיים בהצטיינות.

באוניברסיטה בוורשה למד משפטים, אך לא סיים את חוק לימודיו, כי ״נתפס״ לציונות ובכל ליבו ולהט נפשו התמסר למחשבה של גאולת העם ושיבה לציון־מולדתו. הוא מארגן, קורא לאסיפות ומלהיב למחשבת בניין הארץ. פועל רבות לגאולת הקרקע ומלווה באהבה כל נקודה המוקמת בא״י. יוסף מארגן ועומד בראש ״החלוץ״ בלובלין. בשנת 1923 יוצאת קבוצת חלוצים ראשונה להכשרה באחוזת סבינו ישכר פינקלשטיין. (אחדים מהם מתגוררים היום בתל־אביב והסביבה).

יוסף שולט במספר שפות ונחשב לידען בשפה העברית, בה גם נואם בכינוסים, אסיפות וועידות. יחד עם זה, קרובים לו גם עניני דיומא והוא פועל כנציג התנועה הציונית בקהילה היהודית. הוא גם המזכיר של קרן־הקיימת, קרן־היסוד ו״הפלסטינה־אמט״. רבים הלובלינאים הנמצאים בארץ, שקיבלו מידו את ה״סרטיפיקט״.

לא זכית, יוסף, להגיע ארצה ולראות בהגשמת המחשבה הציונית והקמת מולדת, שלמענה פעלת כה רבות. יריית הטמאים הנאציים פגעה בליבך החם ושמה קץ לחייך.

יהי זכרך ברוך!

צפורה

★

## צום אָנדענק פון טוערס אין דער לאַנדסמאַנשאַפט אין פאַריז

איך וויל גלויבן, אַז אונדזערע בני־עיר אין דער וועלט און אין ישראל דערשאַצן די וויכטיקייט פון דער יערלעכער אויסגאַבע ״לובלינער שטימע״, ווו אויסער די זכרונות, אַרטיקלען און ידיעות פון דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, איז אויך פאַראַן אַ מעגלעכקייט, כאָטש איינמאָל אין יאָר, אַרויסצוברענגען פאַרגעסענע געשטאַלטן, די איבערגעגעבענע געזעלשאַפטלעכע טוערס, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַרן כלל, ווי פאַרן פרט.

זאָל מיר דעריבער דערלויבט זיין צו דערמאָנען איצט אייניקע יידן פון לובלין, וואָס האָבן אין משך פון אַ סך יאָרן זיך געווידמעט לובלינער אַקטיוויטעטן אין דער הויפּטשטאָט פון פראַנקרייך. זאָלן אויך אַנדערע דערמאָנען פון צייט צו צייט די מענטשן, מיט וועמען זיי זענען געווען נאָענט און האָבן זיך פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן אין דעם לובלינער זשורנאַל.

די רובריק ״לאָמיר זיי דערמאָנען״, וועלכע דערשיינט לעצטנס אין ״קול לובלין״, דערפילט אַ וויכטיקע שליחות פון פאַרייביקן און דערמאָנען אונדזערע פאַרשטאָרבענע לאַנדסלייט מיט יאָרן צוריק, אָדער אַזעלכע וואָס דער היטלעריסטישער צורר האָט אומגעבראַכט. כבוד זייער הייליקן אָנדענק!

✡

## לייבעלע עדעלשטיין ז״ל

אויף מיין שרייבטיש ליגט איצט די ספּעציעלע אויסגאַבע פון דער לובלינער סאָסיעטי אין פאַריז־דערשינען צום 35טן יאָר פון איר עקזיסטענץ. ביים פּרעזידיום־טיש און אויפן זאַל, ווי מיר זעען אויף די בילדער, געפינט זיך אַ גרויסער עולם. היינט זענען די רייען באַדייטנדיק געוואָרן שיטערער. וועגן אַ סך פון די וואָס זענען אוועק אויפן עולם האמת, וואָלט זיך געלאָזט שרייבן און באַשרייבן. נאָר איך וויל זיך אָפּשטעלן אויף דעם אומפאַרגעסלעכן, ענערגישן, איבערגעגעבענעם, גוטהאַרציקן און פאַראַנטוואָרטלעכן לייבעלע עדעלשטיין, וואָס זיין נאָמען, ווי די פּערזאָן, איז אין פאַריז נאָך דער באַפרייונג, געווען אַן אַדרעס, אַן אינסטיטוציע, אַ טאַטע מיט אַ מאַמע צוזאַמען, פאַר יעדן לובלינער,



וואָס האָט זיך אומגעקערט פון ״יענער פּלאַנעטע״, הגם ער אַליין האָט זיך נאָר וואָס געשטעלט אויף די פיס מיט זיין פרוי חוה׳לע און צוויי קינדער, וועמען ס׳איז געלונגען זיך אָפּצוראַטעווען פון די היטלעריסטישע לאַפּעס. אין די יאָרן 1945, 1946 און שפּעטער, ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן אַ לובלינער ייד אין פאַריז, איז, לייבעלע, אַליין פאַרנומען מיט דאגות פרנסה, געלאָפן אויפזוכן אַזאַ איינעם און אָן דיפּלאָמאַטיע געפרעגט: ״דאַרפסט עפּעס?״ אָבער נישט בלויז געפרעגט, נאָר אויך געזאָרגט צו געבן און באַגלייטן אַזאַ איינעם, ביז יענער האָט זיך איינגעאָרדנט — און איז דערנאָך אַליין געווען מסוגל צו העלפן אַנדערע.

אין יאָר 1957 עולה געווען מיט דער משפחה קיין ישראל און געווען איבערגליקלעך פון זיין באַזעצן זיך אין לאַנד, אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט זיין פרייד. נאָך 2 יאָר — נפטר געוואָרן. די לאַנדסלייט אין פראַנקרייך וועלן נישט פאַרגעסן, דעם גוטמוטיקן, תמיד שמייכלדיקן לייבעלע...

★

במקרה של אי־מסירה,
נא להחזיר:
ארגון יוצאי לובלין
תל־אביב, דיזנגוף 158

לכבוד סטוטאי (אקרמן) ונינה
רחוב יוספטל 90
העיר חולון

# ערב התייחדות עם קדושי לובלין

## ביום השנה ה־37 לחיסול הגיטו על־ידי הרוצחים הגרמניים ועוזריהם

**יתקיים ביום חמישי 22.11.79 – ו' כסלו תש"ם, ב־7 בערב**
**בבית המלין בתל־אביב, רח' וייצמן 30 (ככר המדינה).**
**האולם יהיה פתוח משעה 6 בערב.**

**ב ת ו כ נ י ת :**

דברי פתיחה – **דוד שטוקפיש.**
הדלקת 6 נרות - **ניצולי השואה.**
"אל מלא רחמים" ו"קדיש" – החזן **יעקב סאמק.**
יזכור – תלמידי כיתה י"ב של בי"ס תיכון ע"ש ליאו בק בחיפה, שאימץ את קהילת לובלין, בהדרכת המורה **רות ליפה.**

**ה פ ס ק ה**

לזכר הנעדרים – **מתתיהו הורן.**
איך להנציח את לובלין היהודית? – הרצאת הרב **מרדכי מלאכי.**

האזכרה בנחלת יצחק, ליד האנדרטה לקדושי לובלין ומיידאנק, תתקיים ביום השואה והגבורה – כ"ז ניסן, 13 באפריל 1980.

„קול לובלין", מופיע פעם בשנה. המו"ל: ארגון יוצאי לובלין בישראל, ת"א, רח' דיזנגוף 158.

המערכת — רעדאקציע: אפרים איינשטיין, צפורה דסקל־וייסלפיש, ד"ר אלחנן הורוויץ, מתתיהו הורן, עובדיה פעלד, שלמה שטאָקפיש, מאיר שילדקרויט. העורך — רעדאקטאר: דוד שטאָקפיש.

teatrnn.pl